STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00688

UNDZER FOTER SHOMER

Rose Shomer-Bachelis

Permanent preservation of this book was made possible by
The Elovitz Family Fund
in honor of
the Gantse Mishpokhe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָזע שאָמער-באַטשעלים

אונדזער פאָטער שמ״ר

ערשטער טייל

פון

מרים שאָמער-צונזער

איקוף פאַרלאַג

UNZER FOTER SHOMER

by

ROSE SHOMER-BACHELIS

First Part by

MIRIAM SHOMER-ZUNZER

Copyright, 1950
by Rose Shomer-Bachelis

209

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA

אינהאַלט

ערשטער טייל

פון שמ״רס קינדהייט ביזן דערשיינען פון זיין ערשטן ביכל

קאַפּיטל		זייט
1.	אבות	13
2.	קינדהייט	19
3.	יוגנט	24
4.	דער בחור ווערט א מאַן	32
5.	שייקעוויטש הייבט אָן שרייבן	38
6.	אַ מערקווירדיק יידיש ביכל	45
7.	שייקעוויטש ווערט שמ״ר	49

צווייטער טייל

שמ״ר דער ראָמאַניסט און דערציילער

8.	שמ״ר אין אָדעס — ער הויבט אָן צו שרייבן ראָמאַנען	59
9.	שמ״רס גרויסע פּאָפּולאַריטעט שאַפט אַ סך נאָכמאַכער	63
10.	שמ״רס דערציילונגען און ראָמאַנען	74

דריטער טייל

שמ״ר און דער יידישער טעאַטער

11.	דער געבורט פון דעם יידישן טעאַטער	85
12.	שמ״רס העברייאישע דערציילונגען	95
13.	שמ״ר דער ציוניסט	98

פערטער טייל

דעראינערונגען וועגן מיין פאָטער שמ״ר

14.	דעראינערונגען	105
15.	שמ״ר פאָרט קיין אַמעריקע	111
16.	מיר געזעגענען זיך מיט פּינסק	119
17.	מיר זיינען אין אַמעריקע	122
18.	א. ח. ראָזענבערג און זיין פאַמיליע	130
19.	אַ שמערצלעכע פּאַסירונג	133
20.	שמ״ר עפנט ווידער אַ דרוקעריי	140

קאַפּיטל זייט

21. אונדזער הויז — אַ צענטער פאַר יידישע שרייבער 144
22. שמ"ר ווערט ווידער באַפאַלן פון קריטיקער 149
23. שמ"ר צווישן זיינע נאָענטסטע 152
24. שמ"ר ענטפערט זיינע קריטיקער 157
25. מיין ברודער רופט אַרויס אויף אַ דעבאַטע ל. קאָברין 159
56. שמ"ר פאַרקויפט זיין דרוקעריי 162
27. מיר „מופן" צוריק קיין ניו־יאָרק 164
28. שמ"ר שרייבט צוויי נייע טעאַטער־שטיק 167
29. שמ"ר גיט אַרויס „די נאַציאָן" 169
31. אויף דער 63טער גאַס 180
30. שמ"רם קינדער 171
32. שמ"ר ווערט קראַנק און שטאַרבט 183

פינפטער טייל

אָפּשאַצונגען

אליקום צונזער — שמ"ר (ליד) 193
אַנאַ שאָמער־ראָטענבערג — מיין פאָטער שמ"ר 196
אברהם רייזען — צום 25טן יאָרצייט פון שמ"ר 199
" " — שמ"ר און זיינע ראָמאַנען 206
ד"ר ש. מ. מלמד — 30 יאָר נאָך שמ"רם טויט 212
שאול גינזבורג — שמ"ר און זיינע קריטיקער 217
יעקב גלאַטשטיין — אונדזער עלטער־פעטער שמ"ר 223
גרשם באַדער — אַ נייער וויכוח וועגן שמ"ר 228
א. וועוויארקע — שלום־עליכם און שמ"ר 232
זלמן רייזען — די שמ"ר־ביבליאָגראַפיע 239

ראָזע שאָמער־באַטשעליס

פאָררעדע

דעם 18טן דעצעמבער, 1946, איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט מיין זעליקער פאָטער, נחום־מאיר שייקעוויטש, שמ״ר, איז געבוירן געוואָרן.

עס איז זייער פיל געשריבן געוואָרן וועגן אים אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, לעקסיקאָנען, ענציקלאָפּעדיעס און ביכער. קיין אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון אים איז אָבער ביז איצט נאָך נישטאָ.

שרייבן אַ ביאָגראַפיע וועגן אַ מענטשן, וועלכער האָט גייסטיק גע־שאַפן, איז אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. אין דעם פאַל פון מיין פאָטער, איז די אַרבעט געווען נאָך אַ שווערערע: ערשטנס, ווייל ער האָט געשריבן אין פאַרשיידענע צווייגן פון דער יידישער, און אויך פון דער העברייאישער ליטעראַטור, און צווייטנס, צוליב דעם גרויסן לי־טעראַרישן קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען אַרום זיין שרייבן. אַ סך, אַ סך גוטס איז וועגן אים געזאָגט געוואָרן, און אויך אַ סך שלעכטס: וועלכע פון די צוויי אָפּשאַצונגען וועט איבערוועגן דעם וואָגשאָל פון אמת און יושר, דאָס וועט די צייט באַווייזן. דערווייל, צו דעם ענין „שמ״ר", לייגן מיר, זיינע קינדער, צו נאָך אַ וואָרט: „אונדזער פאָטער שמ״ר."

אין דעם אַנאַליז פון פאָטערס ווערק האָבן מיר זיך אָפּגעהאַלטן אויסצודריקן אונדזער אייגענע מיינונגען. מיר האָבן נאָר ציטירט מיי־נונגען און אָפּשאַצונגען פון אַ ריי באַוואוסטע שרייבער און קריטיקער; איבערהויפּט פון דעם פאַרשטאָרבענעם יידישן־סאָוועטישן שרייבער א. ווערוויאָרקאַ, וועלכער האָט מער ווי ווער עס איז אַן אַנדערער, געמאַכט אַ ערנסטע און גרינטלעכע שטודיע פון דעם פאָטערס ווערק.

איך וויל דאָ אויסדריקן אַ דאַנק צו מיין שוועסטער, מרים שאָמער־צונזער, פאַר ביישטייערן דעם ערשטן טייל פון דעם ווערק; ווי אויך צו מיין שוועסטער אַנאַ שאָמער־ראָטענבערג פאַר איר וואָרט אין לעצטן טייל. איך וויל אויך דערמאָנען מיין פאַרשטאָרבענעם ברודער, אברהם שאָמער, וועלכע האָט מיר איבערגעגעבן אַ צאָל אינטערעסאַנטע פאַקטן אין פאַר־בינדונג מיט אונדזער פאָטערס טעטיקייטן אין יידישן טעאַטער אין אָדעס און אין ניו־יאָרק. עס איז צו באַדויערן, וואָס אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז דער ברודער געווען קראַנק, און דעריבער ניט געקאָנט

צוגעבן אויך זיין טייל צו דער ביאָגראַפיע פון אונדזער זעליקן פֿאָטער.

איך גיב אַ דאַנק דעם חשובן ביבליאָגראַף, דר. ישראל שאַפּיראָ, פֿאַר די פֿאַקטן און דאַטעס, וואָס ער האָט מיר איבערגעגעבן בנוגע מיין פֿאָטערס העברייאישע ווערק.

איך דריק אויס מיין האַרציקן דאַנק דעם חשובן קלמן מרמר פֿאַר זיין וואַרעמען אינטערעס צו אונדזער בוך, און פֿאַר די נוצלעכע עצות און אָנווייזונגען, וועלכער ער האָט מיר געגעבן.

איך האַלט אויך פֿאַר מיין חוב צו באַדאַנקען די חשובע שרייבער גרשם באַדער, יעקב גלאַטשטיין און אברהם רייזען פֿאַר זייער דערלויבעניש איבערצודרוקן זייערע אַרטיקלען אין מיין בוך.

ראָזע שאָמער־באַטשעלים

מאַי 1950.



נחום־מאיר שייקעוויטש — שמ״ר
(אין דער עלטער פון 54 יאָר)

ע ר ש ט ע ר ט י י ל

פון שמ״רס קינדהייט ביזן דערשיינען פון זיין ערשטן ביכל

פון

מרים שאַמער-צונזער

מרים שאָמער־צונזער

קאַפּיטל 1

אָבות

אין ערשטן פערטל פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט, אין דער שטאָט ניעסוויזש, מינסקער גובערניע, האָט געלעבט אַ ייד מיט דעם נאָמען ר׳ גבריאל גאָלדבערג. אין זײַן צייט איז ער געווען פאַררעכנט פאַר אַ גאָר גרויסן גביר. געהאַנדלט האָט ער מיט פּראַכט, זײַנע שיפן זײַנען גע־שוואומען איבערן טייך ניעמאַן און ווייט־ווייטער — אַזש ביז די ברעגעס פונעם באַלטישן ים.

אין די טיפע זעכציקער, איז ר׳ גבריאל נאָך געווען אַ קרעפטיקער מאַן, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז קיין גליקלעכערער מענטש פון אים איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. אָבער אין אמתן איז עס אַזוי ניט געווען, ווײַל ער און זײַן ווײַב האָבן קיין קינדער ניט געהאַט.

אין יענער צייט איז בײַ יידן צו האָבן אַ קינד, אַ קדיש, געווען אַזוי נויטיק ווי לעבן. שטאַרבן אָן אַ קדיש האָט געמיינט ניט נאָר, אַז דעם יידנס הויז און נאָמען וועלן פאַרגעסן ווערן, נאָר אַז אַ צווײַג פון פאָלק ישראל וועט אָפּגעהאַקט ווערן. און דאָס האָט ר׳ גבריאלן שטאַרק געפּלאָגט, און איבערלאָזן זײַן גרויס פאַרמעגן צו פרעמדע האָט זיך אים אויך ניט געוואָלט.

ער האָט באַטראַכט זײַן לאַגע מיט גרויס באַזאָרגטקייט: זײַן ווײַב איז געווען אין איין עלטער מיט אים. כמעט פופציק יאָר זײַנען זיי געווען פאַרהייראַט, אָבער אין דער גאַנצער צייט האָט זי אים קיין קינד ניט געבוירן. גטן זי האָט ער ניט געוואָלט, ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. אָבער איצט, ווען זײַן לעבן האָט שוין באַלד דערגרייכט דעם עלטער פון זיבעציק יאָר, האָט אים שטאַרק וויי געטאָן, וואָס ער האָט ניט זוכה געווען צו האָבן אַ קינד.

ר׳ גבריאל האָט זיך גענומען מיישב זײַן מיט זײַנע פרײַנט, אָבער ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף חילוקי־דעות. איין טייל האָט אים דערמאָנט זײַן עלטער און אויך גערעדט וועגן יושר בנוגע זײַן ווײַב. דער אַנדערער טייל האָט געטענה׳ט, אַז דאָס פאָלק ישראל שטייט העכער פון אַ ווײַב, מעג

זי זיין ווי ליב און געשעצט. די וואָס האָבן זיך אָנגענומען פאַר דער קריוודע פונעם פאָלק ישראל, האָבן געגעבן האָפענונגען ר׳ גבריאלן, אַז מיט אַ יונגער פרוי וואָלט ער געקאָנט באַגליקן דאָס יידישע פאָלק. און נאָך אַ לאַנגן קאַמף מיט זיך אַליין האָט ער ענדלעך באַשלאָסן: ער וועט זיך גטן מיט זיין ווייב.

דער אַלטער מאַן האָט זיך גענומען עסק׳ן וועגן אַרויסבאַקומען אַ גט. נאָר דאָ האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן דער אייזערנער וואַנט פון יידישן דין, וואָס זאָגט, אַז אַ מאַן מעג אָפּגטן זיין ווייב, אויב צען יאָר נאָך דער חתונה האָט זי אים קיין קינדער ניט געבוירן. אָבער אויב ער האָט עס נאָך די צען יאָר ניט געטאָן, קאָן ער שוין שפּעטער אויף דעם גרונט זי ניט אָפּגטן.

דער גביר ר׳ גבריאל איז ניט געוואוינט געווען ניט אויסצופירן אַ זאַך, און בפרט אין אַן אַנגעלעגנהייט וואָס האָט אַזוי טיף אָנגערירט זיין לעבן. ס׳איז אים ניט געפעלן געוואָרן, וואָס די ניעסוויזשער רבנים האָבן ניט צוגעשטימט צו זיין ווילן. אָבער יאָ גבירישקייט צי ניט קיין גביריש־קייט, יאָ קדיש צי ניט קדיש — זיי האָבן זיך איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט געבן זייער הסכם.

ר׳ גבריאל איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. סטייטש, יאָרן לאַנג האָט ער געטיילט צדקה מיט אַ פולער האַנט. קיין שול, קיין קלויז, קיין מקוה און קיין הקדש איז ניט געווען, וואו זיינע הונדערטער האָבן ניט געשטעקט. און איצט קאָן מען ניט געפינען אַ היתר אויף זיין פאַרלאַנג? ער האָט זיך געבעטן, צוגעזאָגט אָרנטלעך באַזאָרגן זיין ווייב, עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. באין ברירה האָט ר׳ גבריאל אַרויסגעפירט זיין גט־פּראָצעס אין אַנדערע שטעט און אָנגעהויבן פירן אַ קאַמף צו באַפרייען זיך פון זיין פרוי.

די מעשה מיט ר׳ גבריאלס גט האָט אַזוי אויפגערודערט ניעסוויזש, אַז זי איז פאַרשריבן אין דאָרטיקן פנקס. אין יענער צייט האָט אַזאַ גע־שעעניש אויפגערודערט דאָס דעמאָלסדיקע לעבן. אין דער מחלוקה זיינען אַריינגעשלעפּט געוואָרן באַוואוסטע רבנים פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך.

ר׳ גבריאל איז געגאַנגען פון איין בית־דין צום אַנדערן. דער גאַנצער ענין האָט זיך געדרייט אַרום דער אויסטייטשונג פון דעם דין אונטער געוויסע אומשטאַנדן. אייניקע רבנים האָבן אַפילו איינגעזען, אַז ר׳ גבריאל איז גערעכט, אָבער קיינער פון זיי האָט ניט געוואָלט נעמען אויף זיך אַדורכצופירן דעם גט. ענדלעך האָט דער ניעסוויזשער רב ר׳ נחום־מאיר

געוואָגט אָפּצוגטן ר׳ גבריאלן פון זיין ווייב און האָט אים מתּיר געווען נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן.

מיט דעם אָבער האָט זיך די מעשה ניט געענדיקט. דאָס אַלטע ווייב האָט ניט געוואָלט נעמען דעם גט אין איר האַנט. זי האָט אויך ניט געוואָלט צורירן זיך צו די צען טויזנט רובל, וואָס איז געווען איינגעלייגט פאַר איר.

ר׳ גבריאל אָבער האָט זי נישט געהערט, און עטלעכע חדשים נאָך זיין גט האָט ער חתונה געהאָט מיט אַ זעכצן־יאָריק מיידל. סאָרקע האָט זי געהייסן.

דעמאָלט איז שוין ר׳ גבריאל אַלט געווען ניין־און־זעכציק יאָר. די חתונה איז געווען אַ שטילע, בלויז די נאָענטע און אַ פּאָר געסט. דער מסדר־קידושין איז געווען דער רב ר׳ נחום־מאיר אַליין.

שווער איז געווען די לאַסט, וואָס דער רב האָט אויף זיך גענומען. שווער האָט ער געמאַכט דאָס געמיט פון די, וועלכע האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום אים. שטייענדיק ביי דער חופּה, האָט ער פּלוצלונג אויסגערופן: „אויב די חתונה איז קעגן דעם ווילן פון גאָט, זאָל דיין ווייב, גבריאל, בלייבן אַן עקרה, אומפרוכטבאַר, ווי דאָס זאַמד פון מדבר; אויב אָבער איך האָב געפּאַלגט גאָטס ווילן, זאָל אייער בונד געבענטשט ווערן מיט קינדער, און דו, גבריאל, זאָלסט זוכה זיין חתונה־מאַכן אפילו דעם יינגסטן פון זיי. זאָגט אַלע אָמן!" די חתונה־געסט האָבן געענטפערט „אָמן" און אין פּחד זיך צעלאָפן. סאָרקע איז געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט פון דעם רבס ווערטער.

עס ווערט דערציילט, ווי ניעסוויזש האָט אין די קומענדיקע חדשים גענומען נאָכקוקן סאָרקען. ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט און עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז „סאָרקע קרימט זיך". מען האָט זיך גענומען סוד׳ען, אַז סאָרקע גייט ניט מער אין מקווה. ס׳איז געבליבן ביים שטעטל איינס פון די ביידע: אָדער סאָרקע לעבט ניט מיט איר מאַן, אָדער זי איז טראָגעדיק. דאָס צווייטע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אמת.

ווען די נייס האָט דערגרייכט צו גבריאלס אַלט ווייב, האָט זי צו־גענומען דעם גט. אין דעם קומען פון אַ קינד האָט זי געזען גאָטס ווילן. זי האָט צוזאַמענגעקליבן אירע זאַכן, האָט צוגענומען דאָס געלט, וואָס איז געווען איינגעלייגט פאַר איר, און איז אָוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל צו שטאַרבן. זי האָט ניט געקאָנט געבן קיין קינד צו איר פאָלק, זאָלן כאָטש אירע אַלטע ביינער רוען אין דער ערד פונעם הייליקן לאַנד.

און ניעסוויזש האָט גענומען שפּעקולירן: — אַ יינגל צי אַ מיידל? אַ „קדיש" צי ניט? איז טאַקע געווען ניט קיין „קדיש", נאָר אַ מיידל.
האָדעס האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן. האָדעס, דאָס ערשטע קינד פון דעם פּאָר, איז שפּעטער געווען די מוטער פון דעם, וואָס איז באַוואוסט געוואָרן אַלס „שמ"ר". מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן נחום־מאיר, נאָך דעם רב, וואָס האָט חתונה געמאַכט גבריאלן מיט סאָרקען.

פון אָנהויב־אָן האָט די זעכצן־יאָריקע סאָרקע געקוקט אויף איר חתונה מיט דעם אַלטן ר' גבריאל ווי אויף עפּעס אַ גאָט־זאַך. אויב ס'איז איר געווען באַשערט אים צו געבן אַ דור קינדער, האָט זי געהאַט דאָס רעכט הויך האַלטן איר קאָפּ און שטאָלצירן מיט איר מזל. די געבורט פון איר יעדן קינד איז געווען אַ מין „אָמן" צו דעם רב ר' נחום־מאירס שבועה.
צען קינדער האָט סאָרקע געבוירן איר מאַן — זין און טעכטער. ר' גבריאל האָט דערגרייכט דעם הויכן עלטער פון איבער הונדערט יאָר. ער האָט דערלעבט חתונה צו מאַכן אַלע קינדער, טאַקע ביז דעם סאַמע יינגסטן.
עס ווערט אַפילו דערציילט ווי די באָבע סאָרקע האָט זיך אַליין פאַר־געוואָרפן וואָס זי האָט חתונה געמאַכט איר מיזיניק אברהם. וואָלט זי אים ניט חתונה געמאַכט, האָט זי געטענהט, — וואָלט דער אַלטער אירער נאָך געלעבט און געלעבט — ווער ווייס ווי לאַנג.
קאָרגע פערציק יאָר האָט סאָרקע מיט איר מאַן אָפּגעלעבט. אין דער צייט האָט זי איבערגענומען זיינע געשעפטן און איז געוואָרן די באַלעבאָסטע ניט נאָר איבער זיין הויז, נאָר אויך איבער זיינע פּראַכט־שיפן, וועלכע זיינען געגאַנגען אין ווייטע לענדער.
סאָרקע איז געווען אַ קלוגע פרוי. זי האָט זיך געקאָנט אַריינפּאַסן אין יעדער אומגעבונג. האַנדלענדיק מיט סוחרים פון אַנדערע לענדער האָט זי באַוויזן זיך אויסצולערנען זייערע שפּראַכן. זי האָט געקענט רעדן דייטש, רוסיש און פּויליש. איר אַלטן מאַן האָט זי אָפּגעהיט און אים געלאָזן ביי זיין לערנען. זי אַליין האָט דערצויגן אירע צען קינדער מיט אַ שטרענגער, כאָטש אַ וואַרעמער האַנט. איר הויז איז געווען אַ מין מאַטריאַרכאַט, וואו זי האָט געהערשט. אירע זין און טעכטער האָבן איר געהאָלפן אין די געשעפטן. אונטער איר השגחה האָבן זיך ר' גבריאלס שיפן פאַרטאָפּלט, און סאָרקע גבריאלס, ווי מען האָט זי גערופן, איז געוואָרן אַ גאָר־באַקאַנטע פּערזענלעכקייט ניט נאָר אין ניעסוויזש, נאָר אויך אין דער גאַנצער אומגעגנט.

ווען האָדעס איז געשטאַנען אין שידוכים, האָט איר מאַמע געזוכט פאַר איר אַ מאַן, וואָס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין דעם אַרט לעבן, וואָס זי, איר מאַמע, האָט פאַר איר באַשטימט.

האָדעס איז געווען אַ בילד־שיינע מיידל, און פאַר יענער צייט איז זי געווען אויסערגעוויינלעך געבילדעט. ווי איר מוטער, האָט זי געקענט רעדן, לייענען און שרייבן עטלעכע שפּראַכן. זי האָט אויך געקענט שפּילן אויף דער גיטאַרע. חוץ דעם אַלעם איז איר דערציאונג געווען שטרענג־אָרטאָדאָקסיש רעליגיעז.

אין סאַרקעס אויגן איז האָדעס׳ גרעסטע מעלה געווען איר אויסטויגן זיך אין געשעפט. דערפאַר טאַקע האָט זי געזוכט פאַר איר טאָכטער אַ שידוך, וואו דער מאַן זאָל זיין אַ למדן; ער זאָל זיין פאַרטאָן אין די שוואַרצע אותיותלעך, און זאָל האָבן גענוג געלט צו קאָנען האָדעסן פאַרזיכערן מיט אַן אייגענעם לייטישן געשעפט.

סאַרקע האָט טאַקע אויסגעקליבן פאַר איר טאָכטער איינעם אַ געוויסן יצחק־אייזיק שייקעוויטש, אַ זון פון פאַרמעגלעכע וואַלד־הענדלער. דער שידוך איז געווען פונקט ווי סאַרקע האָט געוואָלט. דער חתן איז געווען אַ שטילער, אַ וואויל־לערנער, אַ בעל־חלומות און, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, איינער פון די יורשים פון דעם זיידע אליהו־לייבס גאָר אַ גרויס פאַרמעגן.

נאָך דער חתונה האָט האָדעס אויפגעעפנט אַ גרויס אימפּאָרט־געשעפט, וואו זי האָט געוועלטיקט מיט אַן אייזערנער האַנט. אַלץ איז געגאַנגען ווי געוואונטשן. אַלץ, אַ חוץ איין זאַך — גאָר אַ וויכטיקע. מיט דער צייט האָט יצחק־אייזיק זיך אַנטוויקלט גאָר ניט ווי זיין ווייב און שוויגער האָבן געוואָלט. ער האָט זיך אויפגעהערט צו שאָקלען איבער זיינע ספרים און גענומען חלומען וועגן דער אויסלייזונג פונעם יידישן פאָלק פון גלות.

זיינע טרוימען וואָלטן האָדעסן גאַנץ וויניק געשטערט, ווען איר מאַן וואָלט ניט געווען אַזוי אומפּראַקטיש. ער האָט אָבער מיט זיין אידעאַליזם איר אָנגעטאָן גרויסע צרות. ער האָט געשלעפּט געלט פון געשעפט און דאָס געליען אָדער אַוועקגעשענקט יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר געבעטן. אַלעמען האָט ער געגלויבט און געטרויט. האָדעס איז געווען געדולדיק, צוגעזען און ניט פאַרבאָטן אים צו טאָן עס, ווייל נאָך אַלעמען איז יצחק־אייזיק געווען דער פאָטער פון אירע קינדער.

דערווייל איז דער זיידע אליהו־לייב געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אַ קאַפּיטאַל פון איבער פופציק טויזנט רובל פאַר זיינע יורשים. ווייל יצחק־

אייזיקס פאָטער, איינער פון אליהו־לייבס דריי זין, איז שוין אויף דער וועלט ניט געווען, האָט זיין חלק פון דער ירושה באַדאַרפט אָנקומען צו אים, צו יצחק־אייזיקן. דער אומפּראַקטישער מענטש האָט אָבער דערלאָזט, אַז זיינע רייכע פעטערס זאָלן ביי אים אויסנאַרן זיין חלק פון דער ירושה. האָדעס איז געווען אויסער זיך. לויט איר שכל איז אויסגעקומען, אַז קיין גרעסערע שאַנד איז פאַר אַ מענטשן ניטאָ, ווי זיך לאָזן אַזוי מיאוס אָפּנאַרן. פאַרלירנדיק זיין ירושה, האָט יצחק־אייזיק אויך פאַרלאָרן דעם חן און די לייטזעליקייט אין זיין ווייבס אויגן. פון דאַן אָן איז דער שלום־בית צעשטערט געוואָרן.

דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין שלום, איז ניטאָ קיין ברכה. דער שטרייט צווישן האָדעסן און איר מאַן האָט געפירט צו חורבן־פּרנסה. האָדעס האָט געמוזט צומאַכן דאָס געשעפט און דער יאָך פון חיונה איז געפאַלן אויף יצחק־אייזיקן. אין זיין נויט איז אים געקומען צו הילף זיין פעטער אברהם שייקעוויטש, איינער פון די פעטערס, וועלכע האָבן ביי אים אויסגענאַרט זיין ירושה. דער פעטער אברהם האָט אים פאַר אים באַקומען אַ שטעלע אַלס פאַרוואַלטער אין אַ בראָנפן־ברויז, מיט וועלכן ער איז געווען פאַרבונדן. יצחק־אייזיק האָט באַדאַרפט אויפפּאַסן איבער דעם בראָנפן־אַקציז פון אַ גאַנצן ראַיאָן. ער האָט אָבער פאַר דער אַרבעט ניט געטויגט. האָט דער פעטער אברהם אים אַוועקגעשיקט אין דעם שטעטל כּאַראַל, וואו ער איז געוואָרן דער „רעוויזאָר" איבער אַנדערע אַקציזניקעס. פאַר דעם אַמט האָט יצחק־אייזיק אויך ניט געטויגט. פון כּאַראַל איז ער אַוועק און געוואָרן אַן אַקציזניק אין דעם דאָרף נאַראַסים. פון נאַראַסים איז ער אַוועק קיין ווישניקע און דערנאָך קיין יאַנקי.

פיר יאָר נאָכאַנאַנד האָט זיך יצחק־אייזיק איינער אַליין געפּלאָגט ביז ער האָט געקאָנט ברענגען זיין פאַמיליע צו זיך.

קאַפּיטל 2

קינדהייט

דערווייל האָט זיך אין ניעסוויזש, אונטער דער אויפֿזיכט פֿונעם טעלעכע־און־ניינציק־יאָריקן זיידן גבריאל, געהאָדעוועט יצחק־אייזיקס יינגל נחום־מאיר (ער איז געבוירן דעם 18טן דעצעמבער, 1846). אַ שיין קינד איז דאָס געווען, מיט פּעך־שוואַרצע האָר און בלוי־גרויע אויגן, מיט אַ קורץ נעזל — ווי זיין פֿאָטערס, און אַ ווייסע הויט — ווי ביי זיין מוטער. ער איז געגאַנגען אין חדר, זיך גוט געלערנט און צו זעקס יאָר אָנגעהויבן לערנען גמרא, אָבער דער דרויסן האָט אים שטאַרק געצויגן. די גרינע פֿעלדער, די שמעקעדיקע וועלדער — ווי האָט מען זיי געקאָנט פֿאַרגלייכן מיט דעם ענגן, פֿינצטערן חדר? האָט דאָס יינגל, שוין אַביסל אַן עלטערער, גענומען אַרומלויפֿן אַ באָרוועסער און אַ פֿאַרחלומטער איבער בערג און טאָלן. זיינע חברים, זעענדיק זיין ווייס לייב, האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „ווייסע פּיס“. דער רבי זיינער האָט ניט געקאָנט צוזען ווי דאָס בחורל בלאָנקעט אַרום. אים איז ניט געפֿעלן געוואָרן ווי דאָס גמרא־יינגל רייסט זיך אָפּ פֿון לערנען, האָט ער אים געקאַטעוועט אויף דעם אַלטן שטייגער.

נחום־מאיר איז ניט געווען קיין גליקלעך קינד. די מאַמע זיינע איז געווען פֿאַרנומען מיט פּרנסה, זיין גוטער פֿאָטער איז ניט געווען אינדערהיים. די מעשה מיט דער אויסגענאַרטער ירושה האָט פֿאַראומערט זייערע טעג. די באָבע סאָרקע, שוין ניט אַזוי רייך ווי פֿריער, איז געווען פֿאַרטאָן אין אירע געשעפֿטן. דער רבי מיטן קאַנטשיק האָט פֿאַרביטערט זיין קינדיש לעבן. די איינציקע טרייסט, וואָס איז פֿאַר דעם יינגל פֿאַרבליבן, איז געווען דער אַלטער זיידע גבריאל. און נאָך אַ טרייסט האָט נחום־מאיר געהאַט — דערציילן מעשיות. זיצנדיק אויפֿן אַלטנס קני, פֿלעגט דאָס יונגע קינד אויסגיסן זיין האַרץ און פֿאַנטאַזיע פֿאַר דעם גרייז דורך פֿאַרשיידענע מעשהלעך. דער זיידע האָט אים ליב געהאַט. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט נחום־מאירן — אַ נאָמען נאָך דעם, וואָס האָט אים אַמאָל באַגליקט. פֿלעגט דער אַלטער אַרויפֿלייגן זיין שטאַרע האַנט אויף דעם קינדס קעפּל און זאָגן: „דערצייל, מיין קינד, דערצייל.“ און דער קליינער

האָט דערציילט פריער אים, דעם זיידן אַליין, און דערנאָך אויך זיינע חברים — די יינגלעך, וועלכע האָבן זיך אַרומגעקליבן צו הערן זיינע מעשיות.

ווען דער טאַטע יצחק־אייזיק האָט שפּעטער אַרויסגערופן זיין ווייב און קינדער צו זיך אין ווישניקי, וואו ער האָט זיך דאָן געפונען, איז נחום־מאירן אַ שאָד געווען איבערצולאָזן דעם זיידן, די וועלדער און פעלדער אַרום ניעסוויזש, און דעם טייך ניעמאַן. דערפאַר אָבער, האָט ער זיך געטרייסט, וואָס ער וועט האָבן אַרום זיך דעם טאַטן, און עס וועט זיין אַ נייע וועלט, נייע הייזער, נייע גאַסן, נייע מענטשן און אַ נייער רבי, וואָס וועט אפשר אַזוי ניט קאַטעווען. אָבער ס׳איז אים ניט באַשערט געווען קיין גוטער מלמד. מען האָט דאָס קינד אָוועקגעשיקט אַליין צו אַ רבין אין כּאַראַל, וואו ער האָט געלעבט אויף קעסט.

דער נייער מלמד איז ניט געווען בעסער פאַר דעם אַלטן. ער האָט ניט נאָר געקאַטעוועט מיט אַ קאַנטשיק ווי דער אַלטער מלמד, ער האָט דערצו ניט געגעבן גענוג צו עסן. די רביצין האָט זיך געשאָפּט מיט דעם תּלמיד ווי מיט אַ משרת: — נחום־מאיר, קער אויס די שטוב! נחום־מאיר, טראָג אַרויס די פּאָמוייניצע! נחום־מאיר, האַק אָן האָלץ פאַרן אויוון! — ווען ער האָט ניט געפאָלגט, האָט מען אים געשלאָגן ביז בלוט. פינצטער און ביטער איז געווען דעם יינגלס לעבן ביים מלמד אין שטוב.

איין מאָל אין אָונט, ס׳איז געווען ווינטער־צייט, האָט די רביצין געהייסן דעם תּלמיד גיין אין קלייט עפּעס איינצוקויפן. אין דרויסן איז געווען אַ זאַווערוכע, און אין שטעטל האָט מען געהאַט געזאָגט, אַז וועלף דרייען זיך אַרום אין די גאַסן. ס׳יינגל האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין. האָט די רביצין אין גרויס צאָרן געכאַפּט אַ שטעקן און אים גענומען שלאָגן. דער רבי האָט אונטערגעהאָלפן, ביז מען האָט דאָס קינד שיער ניט דערהרגעט. בלוט האָט זיך געגאָסן. דעם קינדס קולות האָט מען דערהערט אין גאַס. צוויי מענטשן זיינען אַריינגעלאָפן אים ראַטעווען. די מענטשן זיינען טאַקע געווען דעם יינגלס לייבלעכע פעטערס, יחיאל וויגאָדסקי פון באָברויסק און יוסף מישקינד פון מינסק, וועלכע זיינען געקומען קיין כּאַראַל מיט דעם צוועק אים אויפ־צוזוכן. אָפּגעראַטעוועט זייער אומגליקלעכן פּלימעניק, האָבן די פעטערס געגעבן דעם רבין און דער רביצין אַ פינצטערן סוף, האָבן דעם יינגל צוגענומען פון זייער הויז, און אים אָוועקגעפירט צוריק אַהיים, צו טאַטע־מאַמע.

יצחק־אייזיק האָט באַשלאָסן מער זיין אָרעם קינד אין קיין חדר ניט

שיקן. האָדעס אָבער האָט ניט איינגעשטימט: גיין, אַ קינד דאַרף גיין אין חדר; אויב ניט, איז גאָט ווייסט, וואָס עס וועט פֿון אים ווערן! זי האָט אָפּגעזוכט אַ מלמד אין אַן אַנדער שטעטל, און ווידער נחום־מאירן אַוועק־געשיקט. דאָרט האָט ער געליטן דחקות און נויט און איז פֿאַרקרעציקט געוואָרן, שלאָפֿנדיק אויף אַ פּאַק שמאַטעס. האָדעס האָט געמוזט ברענגען איר זון אַהיים, אין יאַנקי, וואו יצחק־אייזיק האָט געזוכט אַ נייע פּרנסה. נחום־מאיר האָט דערווייל אויפֿגעהערט צו גיין אין חדר.

איצט האָט זיך פֿאַר אים אָנגעהויבן די גליקלעכסטע צייט פֿון זיין יונג לעבן. פֿריי פֿון חדר, האָט נחום־מאיר גענומען לערנען און לייענען דאָס, וואָס ער אַליין האָט געוואָלט. ער האָט דורכגעלערנט גאַנץ תנ״ך אין מענדעלסאָנס דייטשער איבערזעצונג, ווי אויך די פּאָפּולערע געשיכטע־באַשרייבונגען — „יוסיפון" און „שארית ישראל".

מיט אַ יאָר שפּעטער זיינען יצחק־אייזיק מיט זיין פֿאַמיליע ווידער געקומען אין ניעסוויזש. נחום־מאיר איז דעמאָלט אַלט געווען עלף יאָר. אים האָט זיך ניט געוואָלט ווידער פֿאַרלאָזן פּיאות, אָנטאָן אַ קאַפּאָטע און גיין צוריק צו די מלמדים און רביים, ווען ער האָט אַזוי פֿיינט געהאַט. ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט העלפֿן: אַזוי האָט די מאַמע געפֿאָדערט. אָבער דער גרויסער צער, וואָס האָט ווידעראַמאָל דעם ייִנגל אַרומגעכאַפּט, איז מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער פּלוצלונג פֿאַרמינדערט געוואָרן דורך אַ גאַר־נייער און וואונדערלעכער איבערלעבונג.

ביז אַהער זיינען געווען פֿאַרמישט אין דעם יונגן נחום־מאירס לעבן צוויי אויסערגעוויינלעכע עלעמענטן, וועלכע האָבן שטאַרק געווירקט אויף זיין פֿאַנטאַזיע. ערשטנס, די וואונדערלעכע מעשה וואָס איז נאָך אַלץ דערציילט געוואָרן וועגן דעם זיידן גבריאל און דער באָבע סאָרקע; צווייטנס, דער אומגליק, וואָס איז געשען מיט זיין פֿאָטער — די מעשה וועגן דער אויסגענאַרטער ירושה. איצט איז אים געקומען צו דער האַנט אַ דריטער איינפֿלוס — דאָס איז געווען דער באָבע סאָרקעס בוידעם!

אין דער צייט, ווען סאָרקע האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט פּראַכט, זיינען סוחרים פֿון פֿרעמדע לענדער געווען פֿאַרבונדן מיט איר אין געשעפֿט־ענינים. אָפֿטמאָל פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז אַ סוחר האָט פֿאַרגעסן אַן אַלטן טשעמאָדאַן, אַ מאָדנע היטל, אַ ווילדן רעקל, אַ בוך, פּאַפּירן א. אַז. וו. סאָרקע פֿלעגט די זאַכן צונויפֿקלייבן און זיי באַהאַלטן אויפֿן בוידעם, ביז די סוחרים וועלן שיקן נאָך זיי אָדער אַליין קומען זיי אָפּנעמען. ביסלעכווייז

האָבן זיך אויפן בוידעם אָנגעקליבן פעק מיט אויסטערלישע זאַכן. ס'האָט זיך דער באָבע סאַרקען קיינמאָל ניט געחלומט, אַז דער דאַזיקער בוידעם זאָל ווערן פאַר איר ערשטן אייניקל אַן אָרט, וואו זיין פאַנטאַזיע זאָל קאָנען שוועבן און פליען ביז אין זיבעטן הימל אַריין.

אין איינעם אַ טאָג האָט דער באָבעס אייניקל, האָדעס' תכשיט, נחום־מאיר, פאַרבלאָנדזשעט אויפן בוידעם. ער האָט דאָרטן דערזען אַן אוצר. וואָס נאָר קינדער און פאָעטן קאָנען אָפּשאַצן: היטלען פאַרצייטיקע, אַלט־פרענקישע פושקעס, אינסטרומענטן, מלבושים, וואָס זיינען געטראָגן גע־וואָרן פון מענטשן פון ווייטע, פרעמדע לענדער. אָט דער געוואַלדיקער אוצר האָט אויפגערודערט די פאַרשטעלונגס־קראַפט פון דעם יונגן מעשה־דערציילער. באַלד אָבער האָט ער געפונען נאָך אַ גרעסערן אוצר — ביכער! ביכער געדרוקט אין פרעמדע לשונות, — לשונות, וואָס ער האָט געקענט לייענען, ווייל זיין מאַמע און באָבע האָבן אים אויסגעלערנט. דייטשע, רוסישע און פוילישע ביכער זיינען דאָס געווען, וואו ס'זיינען געווען באַשריבן געשיכטעס פון ליבעס און מאָרד, און פון וועלט־מלחמות! וואונדערלעכע זאַכן, וואָס ער האָט וועגן זיי קיינמאָל ניט געהערט אין חדר.

צווישן די דאַזיקע ביכער איז געווען איינס, וואָס האָט דעם יונגן נחום־מאירן אינגאַנצן פאַרכאַפּט. דאָס איז געווען אַן איבערזעצונג פון אַ פראַנצויזישן בוך מיטן מאָדנעם נאָמען „מסתרי פאַריז", געשריבן פון איינעם אַ שרייבער מיטן טשיקאַוון באַמען יודזשין סיו! די ווירקונג, וואָס דאָס בוך האָט אויף אים געמאַכט, איז געווען אומגעהויער־גרויס. פיל מאָל האָט דאָס עלף־יאָריק יינגל עס איבערגעלייענט, ביז דאָס בוך, מיט זיין פאַרנעם און זיין סטיל, איז אַריין אין זיין צערודערטער נשמה און געגעבן אים פליגלען פאַר זיין כוח־הדמיון.

פון דעם ערשטן מאָמענט, וואָס ער האָט געפונען די פאַרבאָרגענע אוצרות, האָט מען נחום־מאירן מער אויף דער ווייסער וועלט כמעט ניט געזען. יעדע פרייע מינוט, וואָס ער האָט געהאַט, איז ער געלעגן פאַרבאָרגן ביי די וואונדערלעכע ביכלעך. ביז אין שבת בייטאָג איז אים זיין מוטער שטילערהייט נאָכגעגאַנגען, און אים געכאַפּט ביי דער האַנט. אין איר צאָרן האָט די פרומע האָדעס איר זון גוט אויסגעפּאַטשט, און פאַרגעסנדיק אַז דעם הייליקן טאָג שבת, האָט זי צעריסן דעם „טריף־פסול" אויף שטיקער. נאָך דעם האָט דאָס הויזגעזינד נאָכגעקוקט דעם תכשיט מיט טויזנט אויגן.

נחום־מאירס לעבן איז שטאַרק פאַרביטערט געוואָרן, ביז גאָט האָט געהאָלפן און יצחק־אייזיק, דער איינציקער, וואָס האָט מיט זיין זון מיט־

געפילט, האָט געקראָגן אַ שטעלע אין דעם שטעטל קאַפּוליע. דאָרט, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, איז נחום־מאירן געווען באַשערט צו קריגן אַ רבין, וועלכן ער האָט ליב באַקומען—אַ רבין אַ משכּיל, וועלכער פלעגט אים שטילערהייט געבן לייענען ראָמאַנען: אברהם מאַפּו׳ס ראָמאַנען „אהבת ציון״ און „אשמת שומרון״ אין אַ גאָר־וואונדערלעכן העברייאיש. אָבער די פרומע מאַמע האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, און אים פון זיין טייערן רבין צוגענומען. דער אַפּיקורס דער טאַטע האָט מיטגעפילט מיט זיין זון, נאָר העלפן אים האָט ער ניט געקאָנט.

נאָך אַ פּאָר יאָר האָט זיך דאָס בחור׳ל געלעבט אין קאַפּוליע, און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן זיין וואַנדערן פון איין ישיבה אין אַן אַנדערער.

קאַפּיטל 3

יוגנט

נחום־מאיר האָט געלערנט אין פאַרשידענע ישיבות, ביז ער איז ענדלעך אָנגעקומען קיין וואָלאָזשין, די באַרימטע ישיבה פון יענער צייט. ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען זיבעצן יאָר. זיין מוח איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט די פאַרצייטיקע יידישע לימודים, אָבער אין מויל איז אים געלעגן דער טעם פון די נייע העברייאישע ראָמאַנען, און פון די פרעמדע ביכער פון די אומות־העולם, וואָס ער האָט גענאַשט ביי דער באָבע סאַרקען אויפן בוידעם. אין וואָלאָזשין אָבער איז ער געקומען פּנים אל פּנים מיט דער גרויסער נייער באַוועגונג אינעם יידישן לעבן, פון וועלכער ער האָט פריער בלויז געהערט אין קאַפּוליע. השכלה האָט אָט די באַוועגונג געהייסן. ער האָט זי דאָ דערזען און דערשפּירט אין איר פולער פראַכט און גלאַנץ.

עס איז שוין איצט קלאָר פאַר אַלעמען, אַז דער צוועק פון דער השכלה איז געווען אויפצועפענען דורך העברייאיש, די טויערן פון וויסנשאַפט און ליטעראַטור פאַר דעם יידישן פאָלק; אַריינלאָזן אַביסל ליכט אין דער געדיכטער פינצטערניש, וואָס איז געהאַנגען איבער די גרויסע רוסישע און פוילישע יידישע ישובים. אין דער צייט, ווען נחום־מאיר איז אָנגעקומען אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, איז דער ענין השכלה גאָר ניט געווען אַזוי קלאָר און פשוט. פאַר די פרומע יידישע מאַסן, וואָס זיינען געווען איינגעטונקט אין פאַנאַטיזם, איז השכלה געווען טריף. ס׳איז ביי זיי קיין ספק ניט געווען, אַז השכלה, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט וועלטלעכער בילדונג און רוסיפיקאַציע, האָט געפירט צו שמד. דער פרייער געברויך פון העברייאיש פאַר ניט־רעליגיעזע צוועקן איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ חילול־השם. די טרעגער פון השכלה זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי שונאים פון יידישן פאָלק, ווי אַפּיקורסים, וואָס דאַרפן אויסגעראָטן ווערן. דער קוק פון אָט די פרומע האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן די באַוועגונג, זי זאָל זיך לאַנגזאַם פאַרשפּרייטן. אָבער דער ראַדיקאַלער עלעמענט צווישן דעם יונגן דור, איז געווען פאַרכאַפּט פון דער באַוועגונג,

וואָס האָט אויפגערודערט דאָס יידישע לעבן פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט.

אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, וואו השכּלה איז אַרייַנגעשמוגלט גע־וואָרן, איז נחום־מאיר שייקעוויטש געווען איינער פון אירע באַגייסטערער און אָנהענגער. ער האָט אין געהיים געשלונגען די נייַע פאַרבאָטענע העברייאישע ביכער, און אינגיכן האָט ער אַליין גענומען שרייבן אין דער שפּראַך. ער איז געווען אַ קעמפער פאַר ליכט און בילדונג. ער האָט אָבער אין דער שטיל געבענקט נאָך אַ שטילן ווינקל און אַ ליבער היים.

דעמאָלט איז עס געשען, אַז זיין מוטער האָדעס און זיין באָבע סאָרקע גבריאלס האָבן פאַר אים אויסגעזוכט אַ שידוך מיט דער טאָכטער פון אַ געוויסן ר׳ מיכל בערצינסקי פון דער שטאָט פּינסק.

דער פאָרשלאָג פון אַ שידוך, אַן אייגענער היים, איז נחום־מאירן גע־פעלן געוואָרן, אָבער ווי אַזוי קאָן ער, דער השכּלה־קעמפער, דער געהיימער לייענער פון וועלטלעכע ביכער, דער טרעגער פון נייַע אידייען, זיך לאָזן פאַרשדכנען הינטער די אויגן? ער האָט באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן שרייבן תּנאים, ביז ער וועט ניט אָנקוקן די כּלה. ער וועט זיך שטעלן אַנטקעגן דער מאַמען און דער באָבע סאָרקען, די ביז־איצטיקע הערשערינס פון זיין לעבן.

ר׳ מיכל בערצינסקי איז געווען אַ ייד אַ באַלעבאָס, אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געפירט די שטאָט פּינסק ביי דער נאָז. גערופן האָט מען אים ר׳ מיכל שרייבער, ווייל קענענדיק רוסיש און דאָס רוסישע געזעץ, האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט געזעצלעכע ענינים. ער האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרטיידיקונג אין געריכטן, געשריבן פּאַפּירן און „פּראָ־שעניעס״ צו רעגירונגס־באַאַמטע, ביז צו דעם גובערנאַטאָר אַליין. איינמאָל האָט ער דערלאַנגט מיט זיינס אַ ביטע אַזש צו דעם קייסער אין פּעטערס־בורג. גאַנץ פּינסק האָט געהאַלטן פון אים; ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעם „גלאָסנע״ פון דער שטאָטישער דומע, אַ פּאָסטן, וועלכן ער האָט פאַרנומען צענדליקער יאָרן.

ר׳ מיכל איז געווען דער אייגנטימער פון אַ גרויס הויז, און אַ בעל־מטופּל פון ניט ווייניקער ווי פיר־און־צוואָנציק קינדער, וואָס זיין ווייב יענטל האָט אים געשענקט. אין יענע צייטן, ווען קינדער־קראַנקהייטן און מגפות האָבן געבושעוועט איבערן לאַנד, האָבן זיכער ניט אַלע פון די פיר־און־צוואָנציק קינדער זיך אויסגעהאָדעוועט. בלויז צען זיינען פאַרבליבן לעבן. איבער זיי, איבער זיין ווייב, איבער זיין הויז, איבער זיינע שוועסטער

און ברידער, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער זיין השגחה, האָט ר׳ מיכל רעגירט ווי אַ שטרענגער מלך. זיין וואָרט האָט קיינער ניט געטאָרט ווידערשפּעניקן.

כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער פאַרדינער, איז אָבער ר׳ מיכל קיין גביר ניט געווען. ער האָט געהאַט אַן אָפענע האַנט און אַן אָפן הויז. ער האָט געשאָטן מיט געלט אויף אייגענע און אויף פרעמדע. קיין הונגעריקער איז קיינמאָל ניט אַרויס פון זיין שטוב. איין מאָל, אין דער צייט פון אַ הונגער אין שטאָט, זיינען אין ר׳ מיכלס הויף פאַנאַנדערגעשטעלט געוואָרן טישן, און אַ טייל שטאָט האָט געגעסן פון ר׳ מיכלס שפּייכלער.

ר׳ מיכל האָט ליב געהאַט כבוד און עולם־הזה; נאָך מער האָט ער אָבער געהאַלטן פון עולם־הבא. ליב און טייער איז אים געווען דאָס לערנען. אויב ער אַליין, אַ פרומער חסיד, איז אַביסל אַוועק אויף פרעמדע וועגן און זיך אויסגעלערנט רוסיש, האָט ער אָבער געוואָלט, אַז זיינע זין זאָלן זיין למדנים, און די זעקס טעכטער זיינע — וואָס קאָן מען דערוואַרטן פון ווייבער? — זאָלן אָבער קריגן מענער, וואָס זאָלן זיין וואויל־לערנער.

זיין עלטסטן זון משה האָט ר׳ מיכל געכאַוועט ווי אַן אבן־טוב. מען האָט אים געפּוצט און געקעכלט און געשטאָפּט אין אים תורה וויפל ס׳איז אין אים אַריין. מען האָט פאַר אים געזוכט אַ כלה פון אַ מיוחסדיקער משפחה. מען האָט אויסגעזוכט פאַר אים אַ גאַר לייטישן שידוך פון דער שטאָט בריסק, — אַ משפחה, וואָס איז געווען אויסגעקנאָטן פון גאַנצע רבנים. מען איז אַזוי פאַרטאָן געווען אין אויסרעכענען דעם יחוס, אַז מען האָט גאָר פאַרגעסן עפּעס אַ פרעג צו טאָן וועגן דער כלה. אונטער דער חופּה איז מען ערשט געוואָר געוואָרן, אַז די כלה איז געווען אַ סך עלטער פון דעם חתן; אַז, כאָטש אַ געבילדעטע, איז זי געווען אַ מיאוסע און אַ געשטופּלטע פון פּאָקן. משה איז פאַרבליבן אַן אומגליקלעכער זיין גאַנצן לעבן.

ר׳ מיכלס צווייט קינד איז געווען אַ טאָכטער. דינה האָט זי געהייסן.

דינה מיכלס איז צו זיבעצן יאָר געווען אַ ברען אַ מיידל, וואָס מען טרעפט זעלטן. זי איז דערצו געווען אַ הויכע, אַ פעסטע, מיט רויטע באַקן, ברוינע זיידענע האָר און מיט פלאַם־פייערדיקע ברוינע אויגן, ווי ביי איר פאָטער. זי איז געווען אַזוי פעסט און שטאַרק, אַז ווען אין פינסק איז איינגעפאַלן אַ בריקל, האָבן לייט געזאָגט: מן־הסתם איז דינה מיכלס דאָ דורכגעגאַנגען!

ווען ר׳ מיכל האָט גענומען קלערן וועגן אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער,

האָט ער ניט געוואָלט טאָן גלאַט אַזוי אַ פּשוטן שידוך; ער האָט געזוכט פאַר זיין טאָכטער עפּעס גאָר אויסערגעוויינלעכס.

אין איין שיינעם טאָג, איז צו ר׳ מיכלען געקומען צו לויפן לייבעלע דער שדכן און אויסגעשריען מיט גרויס התלהבות, אַז ער האָט פאַר זיין טאָכטער דעם „ריכטיקן אַרטיקל״. אין דער שטאָט ניעסוויזש, האָט ער דערציילט, איז דאָ אַ בחור מיטן נאָמען נחום־מאיר שייקעוויטש, אַ טאַטנס אַ קינד, אַ למדן, אַ מושלם, אַ צאַצקע, וואָס ווייסט נישט קיין צורת מטבע. ר׳ מיכל האָט זיך צוגעהערט צום שדכנס רייד, און האָט אַוועקגעשיקט שלוחים קיין ניעסוויזש, זיך נאָכפרעגן אויף דעם בחור.

ער האָט באַקומען די בעסטע גרוסן, טאַקע ווי לייבעלע דער שדכן האָט אים פאַרגעשטעלט. ר׳ מיכל איז איינגעגאַנגען אויפן שידוך. אָפּגעמאַכט מיט די שלוחים פון ביידע צדדים, האָט ער זיין טאָכטער אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זי איז מיט מזל געוואָרן אַ כלה. אָבער זיין פלאַם־פייערדיקע טאָכטער, וואָס איז געווען אַן עדות פון ברודערס אומגליק, האָט ניט געוואָלט הערן פון קיין שידוך מיט אַ מענטשן, וועמען זי האָט ניט געהערט און געזען.

— שטיל, דו! — האָט דער פאָטער ר׳ מיכל געדונערט מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. — דו וועסט טאָן ווי דער טאַטע הייסט!

דינה איז אַוועקגעלאָפן צו ר׳ אבא ראַזענטאַל — איר פאָטערס בעסטן פריינט, און אויסגעגאָסן פאַר אים איר ביטער האַרץ.

ר׳ אבא — אַ גוטער, קלוגער ייד, האָט פאַרשטאַנען דער מיידלס צער. איינגעשטילט אירע טרערן, האָט ער איר צוגעזאָגט, אַז ער אַליין וועט זיך מטריח זיין קיין ניעסוויזש אַ קוק צו טאָן ווער דער בחור איז. אויב, חס־וחלילה, עפּעס איז נישט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין, וועט ער, אבא, ניט דערלאָזן, ס׳זאָל קומען צו אַ שידוך.

נישט דערציילנדיק זיין פריינט ר׳ מיכל בערצינסקי וועגן דער נסיעה, איז ר׳ אבא שטילערהייט אַוועקגעפאָרן קיין ניעסוויזש.

דערווייל האָט זיך אין ר׳ מיכלס הויז געקערט וועלטן. מען האָט זיך געגרייט צו די תנאים. דינה איז געזעסן און געוויינט. זי האָט געפילט, ווי מען פירט זי צו דער עקידה. אָבער דאָ איז ר׳ אבא צוריקגעקומען. זיין פּנים האָט געלויכטן. ער האָט געזען דעם יונגנמאַן, — ער איז טאַקע געווען אַ צאַצקע. דינה האָט דערוואָרט עפּעס מער וועגן דעם, ווי דער בחור זעט אויס, אָבער ר׳ אבא האָט געשמייכלט און זיך געגלעט די באָרד. „דו

ווערסט אַליין זען!" — האָט ער איר געזאָגט. כאָטש אַ ביסעלע באַרואיקט, האָט דאָס מיידל אָבער אַלץ ניט געפונען קיין אָרט פאַר זיך.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר די תנאים. אַ גאַנצער קאַראַוואַן פון בוידן האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון דער אכסניא, וואו די תנאים האָבן באַדאַרפט געשריבן ווערן. אין לעצטן וואָגן, אָנגעטאָן „אין עסיק און אין האָניק", איז געזעסן די כלה און געוויינט: ווער ווייסט צו וואָס פאַר אַ מענטשן זי ווערט פאַר־שלייערט?

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין דער אכסניא, זיינען שוין די מחותנים פון חתנס צד דאָרטן געווען. זיי זיינען איינגעשטאַנען אין אַ באַזונדער הויז אין זעלבן הויף. די מחותנים פוןביידע צדדים האָבן זיך באַגעגנט, געשמועסט, און עס האָט זיך געפילט עפּעס אַ מאָדנע אומרואיקייט. דינה האָט ניט געוואָלט וויסן וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט. זי איז אַנט־לאָפן צו זיך אין צימער, וואו די ווייבער האָבן זיך באַלד אַ נעם געטאָן זי צו קעמען און פוצן און זי צוגרייטן צו דער צערעמאָניע. ווי נאָר אָבער זיי האָבן זי געלאָזן צורו און זיך גענומען צו זייערע אייגענע באַפּוצונגען, האָט זיך די כלה אַרויסגעגנבעט פון צימער. עס איז שוין געווען נאַכט. קיינער האָט ניט געזען ווי זי איז אַרויס פון הויז. זי איז געקומען צום שטיבל, וואו דער חתן און זיין פאַמיליע זיינען איינגעשטאַנען. דער אונטערשטער גרויסער צימער איז געווען שטאַרק באַלויכטן. שטילערהייט האָט זי זיך צום פענצטער צוגעגנבעט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און אַריינגעקוקט אין פענצטער. זי האָט דערזען פאַר זיך דרייסיק יידן מיט בערד. דער אָטעם האָט איר פאַרכאַפּט: וועלכער פון די בערד וועט דאָס זיין אירער? — עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז איינער פון די יידן זאָל זיין איר חתן! זיי זיינען דאָך אַלע צו אַלט פאַר איר. קוקנדיק ווייטער, האָט איר האַרץ אַ שפּרונג געטאָן: צווישן די עלטערע יידן איז געווען איינער אַ יונגערמאַן, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַ שיינער. גאַנץ גענוי האָט זי זיין פּנים ניט געקאָנט זען, אָבער זי האָט באַמערקט די לאַנגע, שוואַרצע האָר איבער זיין הויכן שטערן, דאָס קליינע בלאָנדע בערדל, וואָס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן אַרויסצושפּראָצן, און זיין שיין, גלייך נעזל. זי איז צוריק אַוועקגעלאָפן צו זיך אין הויז. ווען זי האָט אויפגעעפנט די טיר, זיינען די ווייבער זי באַפאַלן מיט געוואַלדן: „וואו איז דאָס געהערט גע־וואָרן, אַז אַ כלה זאָל אינמיטן דערינען ניט ערן? מען האָט דאָך דיך אומעטום אַרומגעזוכט!" אַ גאַנצע איבערקערעניש איז פאַרגעקומען צוליב

דעם חתן. דער חתן וויל ניט שרייבן קיין תנאים, איידער ער וועט ניט זען די כלה. אַלע זיינען געווען פול מיט צאָרן קעגן דעם בחור.

ערשט איצט איז דינהן קלאָר געוואָרן, וואָס די צערודערונג פון די מחותנים און דאָס אַרומלויפן פון שלוחים האָט באַטייט. דער חתן, הייסט עס, איז אומרואיק וועגן איר, ווי זי איז געווען אומרואיק וועגן אים. ניט שלעכט! אויף אַ מינוט האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז עפּעס איז דאָ אין דעם אַ באַליידיקונג, אָבער — זאָל ער זי אָנקוקן! ווער הייסט אים, ער זאָל זי נעמען בלינדערהייט?...

טאַטע־מאַמע פון ביידע צדדים זיינען געווען אויפגעבראַכט. אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן. אָבער נחום־מאיר האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניט אַנדערש, ער מוז זען די כלה פאַר די תנאים. האָדעס און די באָבע סאָרקע, אויפגערעגט ביז גאָר, האָבן געמוזט אים נאָכגעבן.

אין אַ באַזונדער צימער זיינען געזעסן דינה און אירע עלטערן און האָבן געוואַרט.

די טיר האָט זיך געעפנט, און עס איז אַריינגעקומען דער יונגערמאַן, וועלכן דינה האָט געזען דורכן פענצטער, אינעם חתנס שטיבל. דאָס האַרץ האָט איר אַ שפּרונג געטאָן פאַר פרייד. ער איז ניט געווען אַליין. אויף איין זייט איז געגאַנגען אַ הויכע, שיינע פרוי — זיין מוטער האָדעס; אויף דער אַנדערער זייט — זיין שיינער, גוטמוטיקער פאָטער יצחק־אייזיק, נאָך זיי איז געגאַנגען אַן אשת־חיל, אַ יידענע מיט אַ קלוגן פּנים — די באָבע סאָרקע.

דינה האָט אירע אויגן אָנגעשטעלט אויף דעם, וואָס דאַרף ווערן איר חתן. איצט האָט זי דערזען, אַז זיינע אויגן זיינען געווען גרוי־בלוי, אַז זיין נעזל איז געווען עטוואָס אַרויף, אַז די פינגער פון זיינע הענט זיינען געווען לאַנג און וויס און שיין פאַרשאַרפט.

די צווי יונגע מענטשן האָט מען ניט געלאָזט אויסרעדן אַ וואָרט צווישן זיך, דערפאַר אָבער האָבן די עלטערן געהאַלטן אין איין טענהן. וואָס זיי האָבן גערעדט, האָט דינה ניט געהערט, זי איז געווען פאַרנומען מיט עמעצן אַנדערש, ביז איר צוקונפטיקער שוויגערס שטרענגע רייד זיינען געפאַלן: „נו, זאָל מען שוין שרייבן תנאים!״

כאָטש דאָס זיינען געווען ווערטער, וואָס דינה האָט געוואָלט הערן, האָט איר אָבער דער טאָן פון האָדעס׳ רעדן פאַרדראָסן. פון דעם מאָמענט אָן האָט זי פיינט געקראָגן איר צוקונפטיקע שוויגער.

וואָס דער ניינצן־יאָריקער נחום־מאיר האָט דאָן געפילט, האָט ער

קיינעם ניט געזאָגט. אָבער דער פאַקט, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן די תנאים, האָט געזאָגט עדות, אַז די כלה איז אים געווען געפעלן. קיינעם איז אָבער ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס מיידל און די תנאים זאָלן אויפברויזן געפילן אינעם בחורס האַרצן, וואָס זאָלן אים פירן צו שפּעטערדיקע מאָדנע מעשים.

ביי די תנאים, איז דער טאָג פון דער חתונה באַשטימט געוואָרן אויף אַכט מאָנאַטן שפּעטער. ווי געוויינטלעך, זיינען זיך חתן־כלה צעפאָרן יעדערער אין זיין שטעטל. אַז די צווי זאָלן זיך אין לויף פון אָט דער צייט אין אַ וועלכן עס איז אופן פאַרבינדן, איז געווען אויסגעשלאָסן. חתן־כלה האָבן אין יענע יאָרן אַזאַ זאַך ניט געטאָן. דערפאַר טאַקע איז ר׳ מיכלס דערשטוינונג געווען גרויס, ווען פון ניעסוויזש האָבן גענומען אָנקומען בריוו צו זיין טאָכטער דינה.

איידער דינה האָט געהאַט די מעגלעכקייט אַ קוק צו טאָן וואָס אין די בריוו שטייט געשריבן, איז שוין גאַנץ פּינסק געווען פול מיט זיי, ווייל אַזעלכע בריוו האָט נאָך דאָס שטעטל ניט געהערט און ניט געזען. דער־וואוסט פון די בריוו האָט זיך דאָס שטעטל טאַקע פון ר׳ מיכלען אַליין; מיט גרויס גדלות האָט ער זיי געלייענט אין דער הויך, פאַר אַלעמען אין שול.

די בריוו זיינען געווען עפּעס גאָר־גאָר ניט אַזעלכע ,צו וועלכע יידן זיינען געוואוינט געווען. ערשטנס, האָט דער חתן, נחום־מאיר, אַדרעסירט זיינע בריוו ניט צו זיין כלה, נאָר צו זיין „בראָוט״. „בראַוט״, האָט מען געזאָגט, איז אויף דייטש אַ כלה. צווייטנס, אַנשטאָט צו רעדן פון חומש און רש״י, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מושלם, אַ למדן, האָט דער מענטש גאָר גערעדט פון דער זון און פון דער לבנה, און געבעטן די וואָלקנס זיי זאָלן טראָגן אויף זייערע פליגלען ווערטער פון ליבע און גרוס, וואָס זיינען דאָס פאַר ווערטער ?! און וואָס הייסט עס, אַז אַ חתן זאָל רעדן פון ליבע צו זיין כלה ? וואו איז עס געהערט געוואָרן ביי באַלעבאַטישע לייט ? דעם בחורס שרייבן אָבער איז געווען אַזוי דערהויבן, אַז קיינער האָט ניט געקאָנט פאַראיבל האָבן אויף אים דערפאַר. מען האָט זיך איינגעהערט מיט אָפענע מיילער און מען האָט זיך געוואונדערט — וואָס איז דאָס פאַר אַ שרייבן ?!

דינה אַליין איז געווען אין זיבעטן הימל. אין אירע שענסטע חלומות האָט זי זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַזאַ זאַך זאָל מיט איר געשען. אומ־צופרידן מיט דעם לעבן, וואו אין אויבנאָן זיינען אומעטום געווען מאָנסבילן,

און פרויען און מיידלעך זיינען געווען אין הינטערגרונט, — האָט זי זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז זי זאָל פלוצלונג ווערן דער צענטער פון איר וועלט, און מ׳זאָל איר שענקען אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט. דינה האָט געשוועבט אין דער לופטן. זי איז געווען דאָס ערשטע מיידל אין פּינסק, וואָס איז געווען פאַרבונדן אין אַזאַ זאַך ווי אַ ראָמאַן. דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיט דעם געקאָכט, און די חברטעס האָבן איר מקנא געווען.

אָט־אַזוי, ניט־ווילנדיק, האָט נחום־מאיר שייקעוויטש פון ניעסוויזש, אַריינגעבראַכט גאָר נייע באַגריפן פון ראָמאַן און ליבע אין אַ פרומען יידישן הויז.

קאַפּיטל 4

דער בחור ווערט אַ מאַן

פרילינג 1866, אינעם דאָרף פּלאַטקין, האָבן נחום־מאיר שייקעוויטש און דינה בערצינסקי חתונה געהאַט. ס'איז געווען אַן אויפגעפּאַרענע חתונה: די מחותנים פון ביידע צדדים מיט זייערע קרובים, געסט, קעכערס, סאַרווערס און קלעזמאָרים, זיינען געקומען צו פאָרן אין בוידן, געשלעפּט פון פערד און אָקסן.

דריי אַזייגער בייטאָג איז שוין די כלה געזעסן אָנגעטאָן אין אַ מאַרעי־זיידן קלייד, מיט אַ לאַנגער שלעפּע, פאַרטיק צו גיין צו דער חופּה. אַרום איר זיינען געווען די פרויען פון איר משפחה און אירע חברטעס, וואָס האָבן זי באַגלייט אַזש פון פּינסק. ווען די קלעזמער זיינען אַריינגעקומען אין צימער „אָפּצושפּילן" דער כלה, האָבן זיך די מיידלעך אַוועקגעלאָזט אין אַן אייגנאַרטיקן טאַנץ. ס'איז ניט געווען קיין קאַדריל אָדער לאַנסער, וואָס זיי האָבן גוט געקענט און מיט וועלכע זיי האָבן שטאָלצירט, — דאָס איז געווען אַ טאַנץ, וואָס זיי האָבן אַליין געשאַפן און וואָס האָט אויסגעדריקט די פרייד, וואָס זיי האָבן אין יענער צייט געפילט. די מיידלעך האָבן געקלאַפּט מיט די הענט, געטופּעט מיט די פיס און געזונגען:

„דער בעל־חוב וועט קומען מאָנען,
דער בעל־חוב וועט קומען מאָנען,
וועל איך האָבן,
וועל איך געבן;

וועל איך ניט האָבן,
וועל איך ניט געבן.
איין וואָרט — איך האָב ניט,
איין וואָרט — איך האָב ניט."

צוליב וואָס זיי איז איינגעפאַלן צו זינגען גראַד וועגן דעם בעל־חוב, ווייס איך ניט, ווייל מיין מוטער, עליה־השלום, וואָס האָט מיר דערציילט

וועגן דעם אַלעמען, האָט עס אויך ניט געוואוסט. זי האָט נאָר געדענקט, אַז זיי האָבן געהאַט גרויס הנאה פון זייער זינגען און אַז זי אַליין, כאָטש אַ ביסעלע אָפּגעשוואַכט פון פאַסטן אַ גאַנצן טאָג, האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן און צוזאַמען מיט די מיידלעך האָט זי געהוליעט און געטאַנצט. אָבער גלייך האָט זיך באַוויזן דער בדחן, און דער געלעכטער איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ יללה. דער בדחן האָט גענומען באַוויינען און באַ־קלאָגן די יונגע יאָרן פון דער כלה, וואָס זיינען אַזוי גיך אַוועק; דעם מזל אירן, וואָס — ווער ווייסט? — קאָן זיין גאָר אַ שוואַרצער. ער האָט איר גענומען סטראַשען מיט אפשר אַ יונגן טויט — אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז עטלעכע פון אירע חברטעס זיינען געפאַלן אין חלשות. דינה אַליין האָט ניט געחלשט. זי האָט פיינט געהאַט דעם בדחן מיט זיינע פוילע שטיק. אויב זי האָט אויך געוויינט, איז דאָס ניט געווען צוליב דעם בדחן, נאָר ווייל דאָס האַרץ האָט איר געצויגן אי פאַר הונגער, און אויך פון דעם געדאַנק, אַז נאָך אַלעמען: — ווער ווייסט, וועמעס מאָרגן עס איז און וואָס פאַר אַ „קוויטל" גאָט האָט פאַר איר אָנגעשריבן?

און אָט האָט זיך די טיר געעפנט און עס האָט זיך אַריינגעלאָזן אַ מחנה ווייבער. ס'איז געוואָרן אַ געשריי: „כלה באַדעקנס! כלה באַדעקנס!" ס'זיינען געקומען אירע עלטערן, און די מחותנים, וואָס האָבן אַריינגעפירט דעם חתן. אַ רעגן פון האָפּנס האָט זיך געשאָטן איבער נחום־מאירס קאָפּ, רייז און ווייצעלעך — פאַר פרוכטבאַרקייט, און צוקער — אַז דאָס לעבן פון דעם פאָר־פאָלק זאָל זיין זיס.

נחום־מאיר איז אויף אַ מינוט געבליבן שטיין לעבן זיין כלהס שטול. זי האָט געוואָלט אויפהויבן אירע אויגן צו אים, אָבער זי האָט ניט געהאַט דעם מוט. באַלד איז דאָס דעקטוך געפאַלן איבער איר קאָפּ, און אַ רגע שפּעטער האָבן שוין די פידלען געוויינט און געכליפּעט און געהוליעט, דער פלייט האָט אונטערגעבלאָזן און די פויק האָט צוגעקלאַפּט. דער חתן מיט זיין טאַטע־מאַמע, מיט דער באָבע סאָרקע, און אַלע זייערע מענטשן זיינען אַרויסגעגאַנגען אָדער זיך אַרויסגעהאָצקעט פון חדר אויפן פעלד, ניט ווייט פון הויז, וואו די חופה איז געשטאַנען און געוואַרט אויף חתן־כלה און די מחותנים.

די כלה מיט איר צד זיינען נאָך זיי נאָכגעגאַנגען. איר שיינער טאַטע, ר' מיכל בערציִנסקי, האָט זי געהאַלטן אונטערן האַנט פון איין זייט; איר קורצע, אויסגעפּוצטע מאַמע יענטל — פון דער אַנדערער זייט. זיי זיינען געגאַנגען איבערן פעלד, די אָנגעצונדענע ליכטלעך האָבן הויך געפלאַקערט



ר׳ מיכל בערצינסקי

איבער זייערע קעפ. די קלעזמער האָבן געשפּילט, די ווייבער האָבן זיך געהאָצקעט און, אונטער לאַנגע אַטלעסענע קאַפּאָטעס, האָבן זיך געהויבן מאַנסבילשע פּיס אין לאַנגע, ווייסע זאָקן און קליינע שיכלעך. ווי אַלע יידישע כלות, האָט זיך דינה געדרייט זיבן מאָל אַרום איר צוקונפטיקן מאַן. דער מסדר־קידושין האָט געטאָן זיינס, — ער האָט דערמאָנט טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באָבעס, געמאַכט אַן „אל מלא רחמים" פאַר די

ליבע און טייערע, וועלכע זיינען שוין אַוועק אויף אייביק. דער עולם, פאַר־כאַפּט פון דער ערנסטקייט פון דעם מאָמענט, האָט געשאָקלט מיט די קעפּ, געזאָגט „אָמן״, וואו מען האָט באַדאַרפט, און דערביי פאַרגאָסן ביטערע טרערן. חתן־כלה האָבן געזופּט וויין פון איין בעכער. אַ גלעזל איז צעבראָכן געוואָרן אונטערן חתנס פוס. עס זיינען געקומען די קידושין־ברכות, און נחום־מאיר און דינה זיינען אין אַ גוטער שעה געוואָרן מאַן און ווייב.

איבערן גאַנצן פעלד קלינגען די קולות: מזל־טוב! מזל־טוב! עס טאַנצן די מחותנים, עס טאַנצט די מאַמע האָדעס אַנטקעגן פאָטער ר׳ מיכל; עס טאַנצט דער כלהס מאַמע יענטל אַנטקעגן דעם חתנס טאַטן יצחק־אייזיק; עס טאַנצט די אַלטע באָבע סאַרקע אַליין אין קאָן, און טאַנצנדיק ווישט זי די טרערן און בענקט נאָך איר אַלטן גבריאלן. זי געדענקט נאָך דעם רבס נבואה, אַז ער, גבריאל, וועט דערלעבן חתונה מאַכן זיין יינגסט קינד, און זאָרגט, וואָס ער איז ניטאָ אויף זיין ליבסטן אייניקלס חתונה. עס טאַנצט דער חתן מיט דעם ליבאַוויטשער רבין, האַלטנדיק זיך ביי די עקן פון אַ פאַטשיילע; עס טאַנצט די כלה מיט די בעטלער, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן פון דער געגנט, און וועלן זיך אויפהאַלטן דאָ אין פעלד די גאַנצע צוויי וואָכן, וואָס די חתונה וועט געדויערן. אַנטקעגן זיי אַלעמען טאַנצט אַ ווילד־פרעמדע יידענע אַ מצווה־טאַנץ. זי טאַנצט אויף־הינטער, און פירט דעם גאַנצן עולם צוריק אין הויז אַריין. קיינער שטעלט זי ניט אָפּ. קיינער גייט איר ניט פאַראויס, קיינער ניט, אַחוץ די קינדער, וואָס לויפן מיט געפילדער און שרייען הילכיק: מזל־טוב!

דער עולם איז שוין באַלד אין הויז. ביז אַהער איז אַלץ געגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין, מיט פרייד און ווירדע. אָבער פּלוצלונג איז געוואָרן אַ געלאַף פון צוויי קליינע גרופּעס מענטשן. ווער זיי זיינען געווען? מען האָט אויף דער מינוט ניט געוואוסט, אָבער באַלד האָט מען זיך דער־קונדיקט. אין דער שטופּעניש ביי דער טיר האָט מען דערזען טאָקע האָדעסן אַליין. זי האָט אָפּגעהאַלטן און אָפּגעטריבן אַלעמען פון דינהס צד, אַז זיי זאָלן ניט צוקומען צו דער שוועל. זי האָט געוואָלט ניט אַנדערש, ווי נחום־מאיר זאָל דער ערשטער איבערטרעטן די שוועל. זי האָט געגלויבט, אַז דער וואָס טרעט איבער די שוועל דער ערשטער, נאָך דער חופּה, וועט דעם גאַנצן לעבן האָבן די דעה אין הויז; און אַזוי ווי דינהס פריינט האָבן אויך געהאַלטן פון דעם מנהג, איז ביי דער טיר פאַרגעקומען אַ געדרענג. נחום־מאיר אַליין האָט עס פאַרמידן, ווען ער

האָט, מיט ריטערלעכער העפלעכקייט, אָפּגעטראָטן דעם וועג, און געלאָזט זיין יונג ווייבל אַפּריער אַריין אין הויז.

דינה האָט ביזן סוף פון איר לאַנגן לעבן האָדעסן דערפאַר געדענקט.

די חתונה האָט געדויערט צוויי וואָכן, אָבער פאַר דעם יונגן פּאָרל האָט עס אויסגעוויזן ווי אַן אייביקייט. ענדלעך איז געקומען דער טאָג, ווען די געסט זיינען זיך צעפאָרן. נחום־מאיר האָט זיך געזעגנט מיט זיינע עלטערן און מיט זיין באָבע סאָרקען.

דאָס צעשיידן זיך איז זיי אַלעמען געווען אַביסל שווער, ווייל ר׳ מיכל האָט גענומען דעם איידעם זיינעם צו זיך אין פּינסק אויף קעסט און אַלע האָבן געוואוסט, אַז פון זיין הויז גייט מען אַזוי גיך ניט אַוועק.

דעם לעצטן טאָג אין אכסניא, איז דינה אויפגעשטאַנען באַגינען, אָבער איר מאַן איז שוין אין צימער ניט געווען. דורכן פענצטער האָט זי דערזען, ווי ער גייט פאַרחלומט צוריק איבערן פעלד. שפּעטער האָט זי זיך דער־וואוסט, אַז דאָרט, אויף אַן איינזאַמען בוים, האָט ער אויסגעקריצט זייערע ביידנס נעמען, איינס געקלאַמערט אין דעם אַנדערן.

אַן אמתער ראָמאַנטיקער איז ער געווען!

דעם יונגן שייקעוויטשעס אָנקומען קיין פּינסק האָט אַרויסגערופן אַ סך רייד ביי די נייגעריקע. ענדלעך איז ער דאָ, דער „מושלם״, דער „ריכטיקער אַרטיקל״, די צאַצקע וואָס האָט פאַרוואָרפן זיין „בראַוט״ מיט אַזעלכע טשיקאַווע בריוו. פריינט, באַקאַנטע, שכנים און סתם מענטשן זיינען געקומען צו ר׳ מיכלען אָנצוקוקן זיין איידעם. באַלד האָבן זיך די דאָזיקע לייט איבערצייגט, אַז ס׳איז געווען מער צו זען ווי וואָס צו הערן. דער צוואַנציק־יאָריקער באַלעבעסל איז געווען אַ פאַרשוין, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט שוואַרצע האָר און אַ בלאָנד בערדל, אָבער דער מענטש האָט געשוויגן. שטילערהייט איז ער געזעסן מיט אַ סיגאַרעט צווישן די פינגער, און זיך איינגעהערט צו דעם, וואָס אַנדערע רעדן. די גאָר־נייגעריקע אָבער, וואָס זיינען שפּעטער פאַרבליבן מיט אים אַליין און באַוויזן אים אַריינ־צושלעפּן אין אַ געשפרעך, האָבן געזען, אַז דער זיידענער יונגערמאַן קען טאַקע גוט לערנען, אַז ער איז באַהאַוונט אין דער ניי־העברייאישער שפּראַך און אַז ער פאַרמאָגט אַ פיינעם הומאָר. זיי האָבן זיך אויך דערוואוסט, אַז דער יונגער איידעם שרייבט העברייאישע שירים אין אַ קלאָר־געקינצלטער האַנט־שריפט.

שייקעוויטש האָט אויסגענומען ביים פּינסקער עולם, און ר׳ מיכל האָט

אָנגעקוואָלן צוקוקנדיק זיך ווי די שענסטע יונגעלייט פון שטאָט גייען אַרום זיין טאָכטערס מאַן. ער האָט ליב געקראָגן נחום־מאירן, און קיינמאָל אים אַ הויך וואָרט ניט געזאָגט. פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, ווי פאַר גאַנץ שטאָט, איז עס געווען אַ וואונדער.

אַ נייַ לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר נחום־מאירן, ווען די יונגע משכּילים פון פינסק פלעגן קומען צו אים אין צימער צו רעדן וועגן השכלה, וועגן העברייאיש, און שפּילן אין שאַך. כאָטש ר׳ מיכל אַליין איז געווען אַ חסיד, ווייט פון די אַלע ניי־וועלטלעכע זאַכן, האָט ער אָבער גוט געדענקט דעם ווידערשטאַנד פון זיין פאָטער, ווען ער האָט צו זעכצן יאָר זיך גענומען לערנען רוסיש. ער האָט זיין אידעם ניט געשטערט; פאַרקערט, אים איז געפעלן געווען נחום־מאירס נייער אויפגעקלערטער קרייז, פון וואַנען עס זיינען שפּעטער אַרויסגעוואַקסן אַזעלכע מענטשן, ווי אברהם־חיים ראָזענבערג (שפּעטער דער פאַרפאַסער פון „אוצר־השמות״), דוב בער דובזעוויטש, דער מגיד צבי־הירש מאַסליאַנסקי (שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אין ניו־יאָרק אַלס דער יידישער „פאָלקסטריבון״) און משה־אהרן שאַצקעס (דער פאַרפאַסער פונעם „יידישן פאַר פסח״). אַ פיינער עולם איז דאָס טאַקע געווען!

קאַפּיטל 5

שייקעוויטש הייבט אָן שרייבן

אַ וויכטיקע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען אין שייקעוויטשעס לעבן, ווען זומער 1869 האָט די הויך־רעספּעקטירטע העברייאישע צייטשריפט „המליץ" אָפּגעדרוקט זיינעם אַן אַרטיקל, וואָס האָט געהייסן „אוכלי פּירות, שוכני עצים". די פּאַסירונג האָט געמאַכט אַ סענסאַציע ניט נאָר אין ר' מיכלס הויז, נאָר אין גאַנץ פּינסק. מען האָט שטאָלצירט מיט דעם, וואָס אַן אייגענער מענטש איז אַזוי הויך געשטיגן, אַז מען האָט געדרוקט זיינעם אַ מאמר. פּינסק איז עולה לגדולה געוואָרן. עפּעס אַ קלייניקייט — איינער פון אירע תושבים איז אַ שרייבער אין „המליץ"!

אַז שייקעוויטש זאָל שרייבן אין העברייאיש, איז געווען באַטירלעך. אין וואָס דען פאַר אַ שפּראַך זאָל אַ ייד שרייבן? כאָטש דאָס פאָלק האָט גערעדט יידיש, האָט אָבער אַ חשובער און לייטישער משכיל געשריבן אויף העברייאיש. יידיש איז טאַקע געווען די מוטער־שפּראַך, קיין אַנדער לשון ווי יידיש האָבן טאַקע די יידישע מאַמעס ניט געקענט. בלויז די ייִנג־לעך האָט מען געשיקט אין חדר, האָבן די מענער, ניט די ווייבער, געקענט העברייאיש. זעלטן־ווען אַ פרוי האָט פאַרשטאַנען דעם טייטש פון די תפילות און די ברכות, וואָס זי האָט געזאָגט איר גאַנץ לעבן. אין דער ווייבערשער שול איז געווען אַ „זאָגערין", וואָס האָט געלייענט פון ספר, און די ווייבער האָבן איר נאָכגעזאָגט וואָרט נאָך וואָרט. די „צאינה־וראינה", דער טייטש־חומש איז געשריבן געוואָרן אין אַ לשון, וואָס איז געווען אַ געמיש פון יידיש און דייטש. העברייאיש איז געווען אַ פרעמדער ענין פאַר דער יידישער פרוי. די ניי־העברייאישע ליטעראַטור, ווי די אַלטע, איז געווען פאַר איר פרעמד.

די השכלה מיט איר העברייאיש איז געווען ווייט און נישט צום דערגרייכן אויך פאַר דעם באַלמעלאָכע. ווייט שטייגן אין לערנען איז פאַר דעם ייִנגל פון דעם פשוטן יידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש געווען

כמעט ווי אויסגעשלאָסן. עס איז ניט געווען מיט וואָס צו באַצאָלן דעם דרדקי־מלמד, האָט מען שוין פון גמרא אָודאי ניט געקאָנט טראַכטן. פאַר דעם שוסטער־יונג, פאַר דעם שניידער, דעם סטאָליער, דעם קירזשנער, דעם בעקער, דעם טרעגער, א. אַז. וו. — פאַר אַ גאַר גרויסן טייל פון די יידישע מאַסן (פרויען אַריינגערעכנט) איז השכלה פאַרבליבן אַ פרעמדע וועלט. און ווען אַפילו די יידישע פאָלקס־מאַסן וואָלטן פאַרשטאַנען אַביסל העברייאיש, וואָלט השכלה, מיט אירע הויכע טעאָרעטישע און וויסנשאַפט־לעכע ענינים, פאַרט פאַרבליבן ווייט און פרעמד פאַר זיי. גענאָשט פון דער השכלה האָבן דעריבער נאָר משכילים, די אויפגעקלערטע וואויל־לערנער, אַ פאַרהעלטנישמעסיק־קליינע גרופּע. גאָר ווייניק פונעם פאָלק איז געווען אימשטאַנד נאָכצופאָלגן דעם נייעם השכלה־שטראָם.

הגם העברייאיש איז אין יענער צייט געווען די שפראַך פון אַ מינדער־הייט פונעם יידישן פאָלק, איז זי דאָך געווען די שפראַך, אין וועלכער די השכלה־אידייען זיינען פאַרשפרייט געוואָרן. העברייאיש האָט געדינט פאַר די יידן פון אַלע לענדער ניט נאָר ווי אַן אַלגעמיינער רעליגיעזער בונד, נאָר אין יענער צייט אויך ווי די שפראַך פון זייער בילדונג און קולטור. די משכילים, די טרעגער פון דער השכלה־באַוועגונג, וואָס האָבן רעספּעק־טירט און ליב געהאָט דעם לשון פון זייערע אָבות, האָבן פאַראַכטעט דעם לשון פונעם פּראָסטן המון. יידיש איז ביי זיי געווען אַ ״זשאַרגאָן״, אַ מיש־מאַש, דער אויסדרוק פון די אומגעבילדעטע. ווי־זשע פאַרט האָט מען געקאָנט אין אַט דעם לשון אַרויסברענגען די נייע אידייען? די משכילים האָבן געוויס געקענט יידיש, זיי האָבן זיך דאָך אויסגעהאָדעוועט אין דעם לשון; פונדעסטוועגן האָבן זיי די שפראַך געהאַסט. העברייאיש, רוסיש, פּויליש, דייטש, פראַנצויזיש — דאָס זיינען שפּראַכן פאַר אינטעליגענטע מענטשן, — אָבער ניט יידיש. יידיש איז פאַרדאַמט געוואָרן, און די, וואָס האָבן געמוזט זיך באַנוצן מיט יידיש אויפן פּאַפּיר, האָבן דאָס אָרעמע לשון באַפּוצט און באַצירט מיט אַלערליי דייטשע ווערטער און אויסדרוקן. אַזוי האָט מען דעמאָלסט געהאָלפן שאַפן דעם דייטשמעריש, פון וועלכן מיר לאַכן איצט. אין דער צייט אָבער, ווען אַט דער דייטשמעריש איז באַנוצט געוואָרן, האָט ער פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט צווישן די יידיש־רעדנדיקע מאַסן. ביז היינטיקן טאָג איז פאַראַן אַ קלאַס יידן, וואָס שעמט זיך מיט יידיש, און מען רעדט דייטשמעריש און מען מיינט, אַז מיט דעם ווערט מען דערהויבן.

פון דער השכלה־באַוועגונג איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער וואונ־

דערלעכער שרייבער מענדעלע, וואָס האָט גענומען שרייבן אין יידיש. דאָס פאָלק האָט אים נאָך ווייניק געלייענט, ווייל ניט דער צו־ליטעראַרישער אינהאַלט און ניט די געשליפענע שפּראַך זיינען פאַרן עולם געווען פאַר־שטענדלעך. מענדעלע איז לכתחילה געלייענט געוואָרן בעיקר דורך די משכּילים.

אייזיק־מאיר דיק (דער פאָרלויפער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור) האָט טאַקע געשריבן יידיש, ער איז פּאָפּולער געוואָרן ביי אַ ברייטערן לייענער־קרייז, אָבער קיינער פון די „פּני" האָט זיך אויף אים ניט שטאַרק אומגעקוקט: מאַלע וואָס איינער שרייבט דאָרט אין דעם וויסטן „זשאַרגאָן" אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין ווילנע!

בקיצור, דער גרעסטער טייל פון יידישן פאָלק האָט נאָך ניט צו־געוואוינט זיך צו לייענען. די יידישע פאָלקס־מאַסן זיינען געשטאַנען ווייט פונעם געדרוקטן וואָרט. זיי האָבן געקוקט מיט דרך־ארץ אויף די, וואָס קענען און ווייסן, אָבער אַליין זיינען זיי געבליבן פאַרזונקען אין פינצטערניש און ווייניק געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט.

האָט נחום־מאיר שייקעוויטש געשריבן און ס'איז אָפּגעדרוקט געוואָרן — אין העברייאיש. גאַנץ פּינסק האָט אים באַוואונדערט, און זיין שווער האָט מיט אים שטאָלצירט. דינה איז געבליבן אין אַ צושטאַנד ערגעץ צווישן הימל און ערד. הימל — ווייל אין איר צימערל האָט השכּלה גע־קלאַפּט מיט אירע פליגלען; ערד — ווייל זי איז ניט געווען געוואוינט גרייט נאָכצופליען איר מאַן אין העברייאישן הימל אַריין. איר פאַרדראָס איז געווען גרויס, פאַרוואָס איר פאָטער האָט אויף פאַר איר ניט געדונגען קיין מלמדים, ווי ער האָט עס געטאָן פאַר זיינע זין. פאַרוואָס זיינען פרויען אַזוי געשטראָפט?

זי האָט זיך געמיט הויך צו האַלטן איר קאָפּ. אין איר וועלטל איז זי דאָך, דאַכט זיך, געווען אַ לייט; ווען קיינער האָט ניט געזען, האָט זי אָבער פאַרגאָסן ביטערע טרערן. די דריי יאָר קעסט, וואָס איר פאָטער האָט איר צוגעזאָגט, זיינען שוין אַוועק, און איר נחום־מאיר איז נאָך אַלץ געזעסן אין זיין צימער, אָנגעטאָן אין זיין שלאָף־ראָק, געשריבן, געהאַלטן אין רעדן וועגן השכּלה און געדרייט מיט דעם קוטאַס פון זיין גאַרטל. העברייאיש איז טאַקע אַ גאַר־גרויסע זאַך און אַרטיקלען אין „המליץ" זיינען ניט קיין קלייניקייט, אָבער פאַרדינען אויף ברויט — דאָס האָט ער דערווייל ניט באַוויזן. און קינדער זיינען געקומען איינס נאָכן אַנדערן.

ר׳ מיכל האָט אַליין געטראָגן דעם יאָך פון אויפהאַלטן די גאַנצע משפחה. מיטאַמאָל איז זיין גאַנצע עשירות אויסגערונען: זיין זון משה האָט ווידער פארלוירן עטלעכע טויזנט רובל פונעם טאַטנס געלט. ס׳איז אויסגעקומען, אַז איצט וועלן זיך אי משה אי נחום־מאיר מוזן אַ נעם טאָן צו זוכן חיונה.

מען האָט אַרויסגענומען דינהס נדן, און נחום־מאיר, דער „מושלם בכל המעלות״, וואָס וויסט אָבער ניט קיין צורת מטבע, איז געוואָרן אַ סוחר. ער האָט געעפנט אַ געהילץ־געשעפט.

מיטאַמאָל איז ר׳ מיכלס הויף געוואָרן פאַרלייגט מיט קלעצער. טאָג נאָך טאָג, אין רעגן און ווינט, האָט מען אַהין געבראַכט געהילץ. מען האָט געשטעלט זעגער און די קלעצער זיינען צעזעגט געוואָרן אויף אַלערליי ברעטער. די פראַגע איז נאָר געווען: ווען וועלן אָט די ברעטער פאַר־קויפט ווערן?

ביז די לעצטע טעג פון איר לאַנגן לעבן, פלעגט דינה רויט ווערן פון אויפרעגונג, ווען זי פלעגט זיך דערמאָנען ווי אַזוי איר מאַן האָט געפירט דאָס דאָזיקע געשעפט.

— נחום־מאיר! נחום־מאיר! שמעון דער פּאַדריאַדטשיק איז אין הויף, ער וויל קויפן קלעצער!

— האַ? וואָס? — האָט דער יונגערמאַן געפרעגט, אויסטשוכענדיק זיך פון די געדאַנקען, מיט וועלכע ער איז געווען פאַרנומען. — וואו? ווער?

— שמעון דער פּאַדריאַדטשיק, ער וואַרט אין הויף!

נחום־מאיר פאַרהעקלט זיין שלאַפראַק, און גייט אַרויס אויפן הויף, גייענדיק דרייט ער מיט דעם זיידענעם קוטאַס פון זיין גאַרטל. עס גייט אַוועק אַ האַלבע שעה און אַ שעה, און דער האָלץ־הענדלער מיט זיין קליענט, דעם פּאַדריאַטשיק, קומען ביידע אַריין אין שטוב, פאַרטאָן אין אַ געשפּרעך איבער דעם לעצטן אַרטיקל אין „המליץ״. דער פּאַדריאַדטשיק, קוקט אויס, איז אַליין געווען אַ שטיקל משכיל, האָבן זיי זיך ביידע, דער סוחר און דער קונה, אַריינגעלאָזן אין אַ שמועס וועגן השכלה, און דער עסק וועגן די קלעצער מיט די ברעטער איז אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. אָט אַזוי, האָט דינה דערציילט, האָט איר מאַן געפירט געשעפטן מיט די משכילים. אויב אָבער זיינע קונים זיינען געווען אָרעמע לייט, באַל־מעלאָכעס, ניט באַהאַוונט אין השכלה, פלעגט דער יונגער סוחר פאַרקויפן

זיין געהילץ פּאַר אַזאַ מקח, אַז ער האָט אין דעם מסחר דערלייגט אָנשטאָט צו פאַרדינען געלט.

• • •

ווען דינה איז געלעגן אין קימפּעט מיט איר צווייטן קינד, איז איר מאַמע געלעגן געוואָרן מיט איר פיר־און־צוואַנציקסטן. דינה האָט געהאַט אַ מיידל — שיינדעלע, יענטל האָט געהאַט אַ יינגל, יהושע. עס פאַרשטייט זיך, אַז יענטל און ניט דינה איז געווען די יחסנטע. „אַ צווייט קינד, אַ מיידל, אויך מיר אַ זאַך!" — האָט מען געדעדט אין הויז. אָבער דאָ איז דינהס און נחום־מאירס ערשט קינד גבריאל (אַ נאָמען נאָך דעם זיידן ר' גבריאל) קראַנק געוואָרן אויף דיפטעריט, און איידער מען האָט אים באַוויזן צו ראַטעווען, איז ער געשטאָרבן ביי זיין פאָטער אויף די הענט. שוער, זייער שווער איז געוואָרן דעם פּאָרלס לעבן.

אין דער צייט האָט זיך אין ר' מיכלס הויז געטאָן מעשים מיט זיין צווייטער טאָכטער, חיה. דאָס מיידל האָט אָפּגעטאָן אַזאַ ניט־פיינע זאַך ווי פאַרליבן זיך. דער בחור איז גראָד געווען אַ פיינער יונגערמאַן פון אַ לייטישער משפחה, אָבער, ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין, ער האָט געהאַט אַ געשמדטע מומע. כדי צו פאַרהיטן זיין טאָכטער פונעם שידוך, וואָס וועט זיין אַ חרפּה פאַר אים, האָט ר' מיכל באַשלאָסן, אַז זיין חיה זאָל חתונה האָבן מיט אברהם־חיים ראָזענבערג, אַ ייד אַ געלערנטער, אַן אַלמן מיט דריי קינדער, וועמען ר' מיכל האָט פריער ניט געוואָלט און וועמען ער האָט ניט דערלאָזט ווערן דער „קאַזיאָנער" רב פון פינסק. גאַנץ פינסק איז שטאַרק אויפגערודערט געוואָרן פון דער מעשה, ווייל טאָקע דער אייגענער ר' מיכל, דער רעדל־פירער פון שטאָט, האָט איצט באַוויזן, אַז ראָזענבערג זאָל יאָ דערוויילט ווערן פאַר דעם אמת, און אַז חיה זאָל מיט אים חתונה האָבן. די געשיכטע, ווי ראָזענבערגס שונא ר' מיכל איז געוואָרן זיין מחותן, איז ווערט צו דערמאָנען, ווייל זי האָט שפּעטער געהאָלפן אַרויסברענגען נחום־מאירן אויף אַ בייעם וועג — אַ וועג, וואָס האָט ניט נאָר געענדערט זיין אייגן לעבן, נאָר האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די לעבנס פון טויזנטער אַנדערע מענטשן.

• • •

די צייט האָט זיך דערווייל גערוקט, און נחום־מאירס לאַגע ביי זיין שווער אין הויז איז געוואָרן אַלץ ערגער. פון נדן און פונעם האָלץ־געשעפט איז שוין קיין סימן ניט געבליבן. קיין געלט האָט ער ניט פאַרדינט, און זיינע קינדער זיינען געבוירן געוואָרן און געשטאָרבן. פון פיר קינדער

איז נאָר איין קינד געבליבן — דאָס פינף־יאָריקע שיינדעלע. אַ פיין מיידעלע איז דאָס געווען, מיט גאָלדענע הערעלעך און מיט אַ זיס שטימעלע צום זינגען. דאָס הויז־געזינד פלעגט קלייבן נחת, ווען זי און יהושעלע פלעגן צוזאַמענלייגן די קעפּלעך און זינגען:

„אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי . . .״

אָבער פּסח, צום ערשטן סדר, איז דאָס קינד קראַנק געוואָרן. „קרופּ״, האָט דער דאָקטער געזאָגט. אויף מאָרגן איז שוין דאָס קינד ניט געווען.

דינה האָט שטאַרק ליב געהאַט שיינדעלען, האָט מען זי ניט צוגעלאָזט צו דער קבורה. קיינער האָט איר ניט געוואָלט זאָגן וואו דאָס קינד איז באַערדיקט געוואָרן.

אַ געוויסן טאָג האָט זיך דינה אַרויסגעגנבעט פון הויז און איז וואו פאַרפאַלן געוואָרן; נאָך אַ לאַנגן זוכן האָט מען זי געפונען, אַ האַלב־טויטע, אויף איר קינדס קבר. וואָכן־לאַנג איז זי געלעגן אין בעט, געשוועבט צווישן לעבן און טויט. איר נאַטירלעכע שטאַרקייט איז איר דאָ צוניץ געקומען. דינה איז געבליבן לעבן. די מאַטעריעלע לאַגע איז אַלץ געווען אַ שווערע. נחום־מאיר האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו באַערדיקן זיינע טויטע קינדער און מיט וואָס צו באַגעגענען דאָס ניי קינד, וואָס זיין ווייב האָט דערוואַרט. ער האָט געפּרואווט קנעלן מיט קינדער אין פּינסק און אין אַנדערע שטעטלעך, אָבער ס׳איז ניט געגאַנגען. פון די דריי יאָר קעסט איז געוואָרן ניין, און דער „מושלם בכל המעלות״ איז נאָך אַלץ געזעסן אַ פאַרצווייפלטער ביי זיין שווער. ר׳ מיכל האָט קוים געקאָנט טראָגן די לאַסט, וואָס זיינע קינדער האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט.

אין איינעם אַ שיינעם טאָג איז ר׳ מיכלס אַ שכנה, מיטן נאָמען דבורה ציפּעס, געפאָרן קיין ווילנע. אויף דער באַן האָט זי זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט אַ ווילנערין, וואָס איז געזעסן לעבן איר.

— אַזוי, איר זייט פון פּינסק? — האָט די ווילנערין צו איר געזאָגט.

— איך האָב דאָרט אַן אייגענעם, אַ פּלימעניק מיינעם, ער איז אַן איידעם ביי אַ געוויסן ר׳ מיכל בערעזינסקי. שייקעוויטש רופט מען מיין פּלימעניק, נחום־מאיר שייקעוויטש.

די ווילנערין איז געווען ראַביע וויגאָדסקי (די מוטער פון דעם שפּעטער־באַוואוסטן דר. יעקב וויגאָדסקי), האָדעס׳ אַ לייבלעכע שוועסטער און די פרוי פון דעם אייגענעם יחיאל וויגאָדסקי, וואָס האָט אַמאָל אָפּגע־

ראַטעוועט נחום־מאירן פון דעם רבין מיט דער רביצין, וואָס האָבן אים שטאַרק געשלאָגן.

דבורה ציפּעס האָט קיין צייט ניט פאַרלאָרן; זי האָט געעפנט דאָס מויל און אָפּגעמאָלט פאַר דער פרוי וויגאָדסקי אַ בילד פון דער ביטערער לאַגע, אין וועלכער איר פלימעניק געפינט זיך. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט האָט דבורה גערעדט, ביז די פרוי וויגאָדסקי האָט איר צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר זי קומט אַהיים, קיין ווילנע, וועט זי רעדן מיט איר מאַן און זען, אַז עפּעס זאָל געטאָן ווערן פאַר איר פלימעניק.

פרוי וויגאָדסקי האָט געהאַלטן וואָרט. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט נחום־מאיר שייקעוויטש באַקומען אַ בריוו פון זיין מומע ראָניע, וואו זי האָט אים פאַרבעטן צו קומען קיין ווילנע, און דער פעטער יחיאל וועט פאַר אים אויסזוכן אַ שטעלע.

„זיי געזונט, פּינסק! זיי געזונט, דו שטאָט פון יונגע חלומות, פון האָפענונגען און אַנטוישונגען! זיי געזונט, מיין ווייב! אַ סך האָסטו גע־ליטן! שלאָפט רואיק, קינדער מיינע, דאָרט אויפן וויסטן בית־עולם! זייט געזונט, ר׳ מיכל! אַ גוטער שווער זייט איר מיר געווען! זייט מיר מוחל, אויב איך האָב אייך צופיל באַלעסטיקט. זייט געזונט, איר אַלע אין דעם גרויסן הויז־געזינד, צוגעבונדן בין איך צו אייך אַלעמען. זייט אַלע געזונט און שטאַרק!...“

דאָס זיינען געווען די אָפּשייד־ווערטער פון נחום־מאיר שייקעוויטש, פאַר זיין אָפּפאָרן קיין ווילנע, וואו אַ ניי לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים, ווי אויך אַ נייע תקופה פאַר דעם גרויסן יידיש־רעדנדיקן עולם.

קאַפּיטל 6

אַ מערקווירדיק יידיש ביכל

דאָס איז געווען אין יאָר 1876. דינה איז געלעגן אין קימפּעט מיט איר פינפטן קינד.

— מזל־טוב! אַ ייִנגל! — האָט געזאָגט די אַלטע באָבע, וואָס האָט ס׳קינד צוגענומען.

— מיט מזל זאָלט איר לעבן! — האָט די קימפּעטאָרין געענטפערט, אָבער קיין פרייד אין האַרצן איז ביי איר ניט געווען. ווידער אַ קינד געבאָרן געוואָרן, ווער ווייסט, אפשר ווידער אויף אַ פריצייטיקן טויט. קראַנק איז דינה געווען, פינצטער איז געווען איר וועלט. עטלעכע חדשים זיינען שוין אַוועק ווי איר מאַן איז אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע. ער זיצט דאָרט ערגעץ ביים פעטער וויגאַדסקי און וואַרט אויף אַ שטעלע... ווער ווייסט, צי ער וועט זיך אויף עפּעס דערוואַרטן. אַ ניי קינד. ניטאָ קיין געלט פאַר דעם רופא; ניטאָ מיט וואָס צו קויפן ליילעכלעך און וויקעלעך פאַרן קינד. דער טאַטע אירער, ר׳ מיכל, איז אין מינסק — ער „קלאָ־פּאָטשעט" וועגן „קאַזיאָנע" פּאַפּירן. דער מאַמען האָט זי מער ניט געקאָנט „דאָקוטשען". די אַלטע דינסט, סאָשע, לייט איר אויס אַ פּאָר קאָפּיקעס און נעמט אַראָפּ אַביסל זופּ פאַר איר פון דער שוועגערינס טעפּל.

די באָבע פאַרוויקלט דאָס קינד אין אַ וויקעלע ביז עס איז שטייף ווי אַ ברעטל.

— ווי וועט מען אים אַ נאָמען געבן? — פרעגט זי.

— אברהם, — ענטפערט דינה. — אברהם שייקעוויטש וועט ער הייסן.

זי ליגט אין בעט און טראַכט וועגן איר ניי־געבאָרענעם זון: ווי מאַכט מען אַ לייטישן ברית פאַר אים? מיט וואָס דינגט מען פאַר אים אַן אַם? ווי אַזוי וועט דאָס קינד לעבן בלייבן, ווען די אַלע פריערדיקע פיר זיינען . . .

זי האָט מער ניט געקאָנט טראַכטן: טרערן האָבן זי געשטיקט אין האַלדז. סאָשע איז אַריינגעקומען מיט אַ בריוו אין האַנט. דינה האָט אַ קוק געטאָן אויפן קאָנווערט און דערקענט נחום־מאירס האַנטשריפט. אָבער

וואָס קומט אַרויס פון זיין שרייבן? זי האָט שוין אויפגעגעבן די האָפענונג, איר מאַן זאָל עפּעס פאַרדינען. דינה האָט אויסגעריסן דעם קאָנווערט, און צוויי נייע רובלען זיינען אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. די קימפּעטאָרין איז שיער פון בעט ניט אַרויסגעשפּרונגען: געלט! אמת געלט! נחום־מאיר האָט איר געשיקט געלט! — דינה האָט זיך צעכליפּעט פאַר פרייד.

פאַר גרויס שמחה האָט די גליקלעכע פרוי ניט באַמערקט, אַז איר מאַן האָט ניט געשריבן ווי ער האָט דאָס געלט פאַרדינט. נאָר צו וואָס פרעגן? — געלט איז געלט! אַ נייע האָפענונג האָט זיך אין דינהס האַרצן אָנגעצונדן: אפשר האָט זי אין איר מאַן גאָר אַ טעות געהאַט? אפשר וועט ער נאָך זיין אַ פאַרדינער? מיט אַ נייעם געמיט האָט זי צוגעדריקט איר ניי־געבאָרענעם זון צום האַרצן. ווער האָט געקאָנט פאַרשטיין די פרייד, וואָס די צוויי רובל האָבן ביי איר אַרויסגערופן?

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען נאָך אַ בריוועלע פון ווילנע, — דאָס מאָל מיט פינף רובל! דערנאָך זיינען אָנגעקומען נאָך בריוו מיט נאָך געלט.

ר׳ מיכלס הויז איז געגאַנגען אויף רעדלעך: וואָס הייסט! וואָס הייסט! נחום־מאיר פאַרדינט געלט, ער שיט מיט געלט!

— אָבער ווי אַזוי? פון וואָס פאַרדינט ער? — האָט זיך ר׳ מיכל געוואונדערט.

אַ געוויסן שבת־בייטאָג, באַלד נאָך דער שבתדיקער סעודה, איז זעליק דער מלמד אַריינגעלאָפן צו ר׳ מיכלען אין הויז אָן אָטעם.

— ר׳ מיכל, ר׳ מיכל! — האָט ער געסאָפּעט. — מען האָט אייך באַשריבן!

ס׳איז גרינג זיך פאָרצושטעלן, מיט וואָס פאַר אַ פּנימער די גרויסע בערציַנסקי־משפּחה האָט אָנגעקוקט דעם מלמד. צי איז ער משוגע, צי חסר־דעה! וואָס הייסט באַשריבן? וואָס זיינען דאָס פאַר אַ ווערטער? וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון? וואָס באַשריבן? ווער באַשריבן?

מען דאַרף געדענקען, אַז אין יענער צייט איז דער באַגריף פון „באַשריבן ווערן״ געווען כמעט ווי אומפאַרשטענדלעך. קיין יידיש געדרוקט וואָרט איז נאָך כמעט ווי ניט געווען — סיידן די געציילטע ביכלעך, מיט וועלכע דער גרויסער כלל איז געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. דערפאַר האָט דער עולם געקוקט אויף זעליק דעם מלמד ווי אויף עפּעס אַ משוגענעם. דער ייד אָבער האָט ניט אויפגעהערט צו פאָכן מיט עפּעס אַ ביכל איבערן

קאָפּ און שרייען אויף אַ קול: „געוואַלד, מען האָט איך באַשריבן!״
ענדלעך האָט מען דעם מלמד איינגעשטילט, און ר׳ מיכל האָט גענומען דאָס ביכל אין האַנט. אויף דעם שער־בלאַט איז געווען געדרוקט מיט שיינע שוואַרצע אותיות: „מחותנים פון שונאים״, אַ קורצער ראָמאַן פון שמ״ר. אַ מאָדנע זאַך: אַ יידיש ביכל, וואָס רופט זיך אַן „ראָמאַן״! איז געבליבן, אַז זעליק זאָל דאָס טשיקאַווע ביכל לייענען הויך אויף אַ קול, כדי אַלע זאָלן הערן און פסקענען, צי ער ווייסט וואָס ער רעדט, צי ניט.
מען האָט זעליקן אַוועקגעזעצט אין מיטן שטוב, אַלע אַרום אים, און ער האָט גענומען לייענען.
הערנדיק די ווערטער, וואָס האָבן זיך געשאָטן פון זעליקס מויל, איז די בערצינסקי־משפחה געוואָרן פאַרגאַפט. ערשטנס, איז דאָס געווען אַזאַ וואונדערלעכע זאַך ווי אַ יידישע מעשה, וואָס אַלע האָבן געקאַנט פאַרשטיין. צווייטנס, איז דאָס, וואָס איז דערציילט געוואָרן, זיי אַלעמען געווען באַקאַנט. ס׳איז געווען חיה׳ס און ראָזענבערגס געשיכטע, — אַ מעשה ווי פון שונאים זיינען געוואָרן מחותנים. חוץ אַלעמען זיינען די מענטשן אין ביכל זיי גאָר ניט געווען פרעמד. די בערצינסקיס האָבן דערקענט ר׳ מיכלען און יענט־לען און אַנדערע פון דער משפחה!
זעליק האָט די מעשה פאַרענדיקט, און די בערצינסקיס האָבן זיך אָנגעקוקט איינס דאָס אַנדערע. ס׳איז קיין ספק ניט, אַז דער ייד האָט רעכט. מען האָט ר׳ מיכלען און זיין הויז־געזינד, חלילה, ניט געקריוודעט, אָבער מען האָט זיי באַשריבן, קונציק באַשריבן. אָבער ווער? ווער האָט אַזאַ זאַך געקאָנט טאָן?
מען האָט נאָך אַמאָל איבערגעלייענט דאָס שער־בלאַט. „אַ קורצער ראָמאַן פון שמ״ר.״ שמ״ר! וואָס איז דאָס פאַר אַ מין נאָמען, — אַן אָן אָנהויב און אָן אַ סוף? אָט אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין — שמ״ר! ווער איז דאָס דער שמ״ר, וואָס האָט אַזוי גוט געוואוסט ווי אָנצושרייבן אָט דאָס ביכל?
מיטאַמאָל האָט זיך ר׳ מיכל אָפּגעשטעלט און צעעפנט די אויגן.
— איך ווייס וועמענס אַרבעט דאָס איז! — האָט ער אויסגעשריען. — דאָס איז ניט קיין אַנדערער ווי נחום־מאיר!
ער האָט געוויס רעכט געהאַט.
אין שטאָט איז מען דעם פּאַקן־טרעגער באַפאַלן פון אַלע זייטן. אַלע האָבן געוואָלט קויפן „מחותנים פון שונאים״. אַלע האָבן געוואָלט זען דאָס טשיקאַווע יידיש ביכל און געוואָלט וויסן וואָס אין ביכל שטייט. די, וואָס

האָבן געקאָנט לייענען, האָבן געשלונגען שמ״רס ווערטער ווי מען שלינגט הייסע האַלישקעס. די וואָס האָבן ניט געקאָנט לייענען, האָבן זיך אַרומ־געקליבן אין רעדלעך און געפּאַקט אייגעם, וואָס קען, ער זאָל זיי פאַר־לייענען אין דערהויך. באַלמעלאָכעס און משכּילים, מענער און ווייבער, יינגלעך און מיידלעך — אַלע, אַלע האָבן געוואָלט הערן די אינטערעסאַנטע מעשה, וואָס איז פאַרלאָפן טאַקע אין פּינסק, און וואָס איז דערציילט געוואָרן אין אַ לשון און אויף אַ שטייגער, וואָס זיי אַלע האָבן פאַרשטאַנען.

קאַפּיטל 7

שייקעוויטש ווערט שמ״ר

לאָמיר זיך אויף אַ מינוט צוריקקערן צו נחום־מאירן און זען וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, ווען ער איז אָנגעקומען קיין ווילנע, און ווי אַזוי זיינס אַ מעשה האָט דערלעבט צו זען די ליכטיקע שיין.

דער פּעטער וויגאָדסקי און די מומע ראָניע האָבן זייער פּלימעניק, דעם פּינסקער באַלעבעסל, גאַנץ פיין אויפגענומען.

יחיאל וויגאָדסקי איז געווען אַ רייכער, אַנגעזעענער ייד און געפירט גרויסע געשעפטן. ביי אים איז גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז ער וועט קאָנען פאַר זיין פּלימעניק געפינען אַ שטעלע, צו פאַרדינען זיין ברויט. דערפאַר איז אים געוואָרן אַביסל קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, ווען ער האָט דערזען, וואָס פאַר אַ מין פאַרטראַכטע נשמה זיין גאַסט איז געווען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש? — האָט זיך וויגאָדסקי געוואונדערט. — אַ ייד מיט אַ באָרד זאָל זיין נאַאיוו ווי אַ קינד! אַלעמען גלויבט ער אויפן וואָרט און אַלעמען געטרויט ער. אַ ראָמאַנטיקער, רחמנא־לצלן!

דער פּעטער וויגאָדסקי איז אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרלעגנהייט: ווי קאָן מען אַזאַ מענטשן אַריינגעמען אין אַ געשעפט? און דער ענטפער איז געווען: מען קאָן ניט. איז געבליבן ביי אים און ביי דער מומע ראָניען, אַז נחום־מאיר זאָל וואַרטן, אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן אַ שטעלע, וואָס זאָל טויגן פאַר אים.

דער וויגאָדסקי־פאַמיליע איז באַשערט געווען אָנצוקוקן נחום־מאירן, וועלכער האָט דינהן אָפּט אַרויסגעבראַכט פון די כלים. דער מענטש איז געזעסן פאַרטיפט אין פאַפּירן און ביכער, געלייענט און געשריבן, גע־טרוימט און געדרייט מיטן קוטאָס פון זיין שלאָפראָק.

די מומע ראָניע האָט אים אָן אַנטוישטע אָנגעקוקט: וואָס זיצט ער? וואָס טוט ער? וואָס חלומט ער? פאַרוואָס גייט ער ניט אַרויס ערגעץ־וואו צו זוכן אַ שטעלע? וואָס זיצט ער דאָרט טאָג און נאַכט און שרייבט? וואָס שרייבט ער? וועגן וואָס קאָן מען אַזוי פיל שרייבן?

איר מאַן האָט זי באַרויקט. זאָל מען וואַרטן נאָך אַביסל. דער

רוסיש־טערקישער קריג האָט זיך דאַן צעפּלאַקערט. מען איז איבערן קאָפּ געווען פאַרנומען מיט געשעפטן, מיט קאָנטראַקטן. אפשר וועט נחום־מאיר ערגעץ־וואו צוניץ קומען.

אין אמתן האָט ראַניע איר שוועסטער האָדעס׳ זון גאַנץ ליב געהאַט: אַ פיינער, איידעלער מענטש. איז זיך נחום־מאיר געבליבן זיצן אין זיין ווינקל, וואו ער האָט בשתיקה אָנגעהויבן אויפבויען זיין אייגענע צוקונפט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך דער יונגערמאַן אויפגעהויבן, זיך פיין אָנגעטאָן, גענומען אַ פּעקל אָנגעשריבענע פּאַפּירן אונטערן אָרעם און מיט גרויס קוראַזש זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַריין. ער איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט און אָנגעקומען אין דער גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען די רעדאַקציע פון דעם „הכרמל״. דאָ האָט זיך דער אימפּעט פון דעם יונגג־מאַנס גאַנג אַביסל אָפּגעקילט. ביי דער טיר פון דער געביידע איז שוין פון זיין קוראַזש קיין סימן ניט געבליבן. נחום־מאיר שייקעוויטש איז געבליבן שטיין, די האַנט אויף דער קליאַמקע. וואו נעמט מען כח די טיר אויפ־צועפענען, די טיר אַ שטופּ טאָן, ווען אינעווייניק זיצט דער באַוואוסטער געלערנטער און שרייבער שמואל יוסף פין, דער רעדאַקטאָר פון „הכרמל״.

אינעם פאַרצימער פון דער רעדאַקציע האָט מען דעם יונגנמאַן געבעטן וואַרטן: „דער רעדאַקטאָר איז פאַרנומען.״ נחום־מאיר האָט זיך אוועק־געזעצט: אַ דאַנק גאָט, וואָס מען דאַרף אַביסל צוואַרטן; מען וועט דער־ווייל קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם און אַביסל צו זיך קומען.

שמואל יוסף פין האָט נחום־מאירן אויפגענומען גאָר פריינטלעך. יאָ, געוויס... ער האָט געלייענט הער שייקעוויטשעס אַרטיקלען אין „המליץ״, גאַנץ פיין געשריבן, אַ פיינער ביבלישער לשון־קודש. די צוויי מענער האָבן זיך צעשמועסט וועגן אַלערליי ליטעראַרישע ענינים. דער שמועס האָט לאַנג געדויערט. ענדלעך האָט זיך ה׳ פין אויפגעהויבן: זייער אָנגענעם געווען זיך צו באַקענען מיטן מחבר, גוט וואָס ער איז געקומען קיין ווילנע, וואו עס געפינען זיך אַלע העברייאישע שרייבער און משכילים. זאָל דער הער שייקעוויטש אים אָפט באַזוכן. ער דריקט נחום־מאירס האַנט, זאָגט אים „אַדיע״. יענער אָבער שטייט, וויל ניט אַוועקגיין. פין שטויסט זיך אָן:

— אַהאַ, אַ מאַנוסקריפּט! נו, זאָגט שוין אויס, וואָס האָט איר גע־בראַכט?

נחום־מאיר שלעפּט אַרויס דעם פּאַק פּאַפּירן, וואָס ער האָט מיט־געבראַכט — אַ העברייאישער ראָמאַן מיטן נאָמען „זבחי האינקוויזיציע״.

— נו, גוט! — זאָגט ה׳ פּין. — לאָזט דאָס איבער, מען וועט דאַרפן אין דעם אַריינקוקן!

שטאַרק צופרידן פון דעם רעדאַקטאָרס פריינטשאַפט און העפלעכ־קייט, וויל שוין נחום־מאיר אַוועקגיין, אָבער יענער שטעלט אים אָפּ:

— ס׳איז געווען אַן אָנפראַגע אויף אַ דערציילונג אין יידיש. אפשר וואָלט דער הער שייקעוויטש געקאָנט אַזאַ ביכל אָנשרייבן?

נחום־מאיר גיט אַ קלער און שטראַלט־אויף: — יאָ, ער גלויבט, אַז ער וואָלט עס געקאָנט!

מאָרגן אינדערפרי איז שייקעוויטש ווידער געווען ביי דעם רעדאַקטאָר אין קאַבינעט. פּין האָט אים וואַרעם באַגריסט:

— איר ווילט עפּעס פאַרריכטן אין אייער כתב־יד?

— ניין, — האָט אים נחום־מאיר געענטפערט, — איך האָב אייך גע־בראַכט דאָס יידיש ביכל, וואָס איר האָט פאַרלאַנגט.

פּין האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט:

— ווען האָט איר עס אָנגעשריבן?

— היינטיקע נאַכט, — האָט נחום־מאיר געענטפערט.

פּין איז איבערראַשט געוואָרן: ווי קאָן אַ מענטש אָנשרייבן אַ גאַנץ ביכל איבערנאַכט! ס׳האָט זיך אים ניט געגלויבט, אַז אַזאַ דער־ציילונג זאָל האָבן אַ באַדייטונג. ער האָט אויפגעעפנט דעם מאַנוסקריפּט און געכאַפּט אין דעם אַ בליק.

און דאָ האָט געטראָפן מיט פּינען, וואָס ס׳האָט שפּעטער פּאַסירט מיט טויזנטער פון שמ״רס לייענער. פּין האָט זיך פון דער דערציילונג ניט געקאָנט אָפּרייסן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און עס איבערגעלייענט ביז דער לעצטער שורה.

וואָס די צוויי האָבן צווישן זיך געשמועסט, ווען פּין איז פאַרטיק געוואָרן מיטן לייענען, איז ניט באַקאַנט. אָבער איינס איז באַוואוסט: ווען ס׳איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז פּין וועט דאָס ביכל אַרויסגעבן, האָט דער רעדאַקטאָר מיט פריידן אַ פרעג געטאָן דעם מחבר:

— וויפיל זאָל איך אייך געבן פאַר אייער „מחותנים פון שונאים״?

— דריי רובל, — האָט געענטפערט דער, וואָס האָט ניט געוואוסט קיין צורת מטבע.

מיר האָבן שוין דערציילט ווי צוויי פון די רובלס זיינען אַראָפּגעפאַלן צו דינהס בעט, ווען זי איז געלעגן אין קימפעט מיט איר זון אברהם. דעם דריטן רובל האָט נחום־מאיר איבערגעלאָזן פאַר זיך — נאָך אַלעמען, לעבט

מען דאַרף איין מאָל אויף דער וועלט!

איידער נחום־מאיר האָט פאַרלאָזן פינס קאַבינעט, האָט ער דעם רעדאַקטאָר געגעבן צו פאַרשטיין דעם סוד פון זיין פסעוודאָנים — שמ״ר: שין, מעם, רייש — די לעצטע אותיות פון זיין נאָמען נחום־מאיר שייקעוויטש, און, צעמישט די אותיות, קומט אַרויס דער נאָמען שמ״ר.

פין האָט זיך צעלאַכט פון שייקעוויטשעס קונציקן אויפטו. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען די סיבה, פאַרוואָס ער האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ פסעוודאָנים. ער האָט עס געטאָן ניט צו פאַרשאַפן קיין אומכבוד זיין משפחה... און צווייטנס, איז אין יענע צייטן שרייבן אין יידיש ניט געווען אַזאַ גרויסער כבוד.

— טאָ הערט־זשע, הער שמ״ר, — האָט אים ש. י. פין געזאָגט, — ווען איר וועט אָנשרייבן נאָך אַ ביכל, ברענגט עס מיר. מיר וועלן מאַכן געשעפט.

אויף מאָרגן איז נחום־מאיר ווידער געקומען צום רעדאַקטאָר.

— איך האָב אייך געבראַכט אַ צווייט ביכל, ווי איר האָט געוואָלט.

פין האָט אים אָנגעקוקט פאַרחידושט. ער האָט קוים געקאָנט גלויבן די ווערטער, וואָס ער האָט געהערט. נחום־מאיר האָט אַרויסגענומען אַ מאַנוסקריפט און אַוועקגעלייגט עס אויפן טיש.

און ווידער האָט פין די גאַנצע דערציילונג איבערגעלייענט פון אָנהויב ביזן סוף. ער האָט אויפן אָרט אָפּגעקויפט זי פאַר דעמזעלבן פרייז, וואָס ער האָט באַצאָלט פאַר „מחותנים פון שונאים״.

אין די ווייטערדיקע זיבן טעג האָט שמ״ר אָנגעשריבן זיבן נייע לאַנגע דערציילונגען: „אַ מיאוסער טעות״, „אומגעריכטער גליק״, „כאַצקל דער באָבעס״, „לודוויג דער אייזערנער״, „דאָס גן־עדן פייגעלע״, „פרינצעסין אין וואַלד״ און „צוויי טעג און צוויי נעכט״. פין האָט זיי אַלע אָפּ־געקויפט, דערנאָך האָט ער געזאָגט: „גענוג!״ ער האָט אָנגעקויפט איבער־גענוג פאַר זיבן־און־צוואַנציק רובל. איצט איז ביי אים געווען די פראַגע, וואָסערע פון די נייַן ביכלעך זאָל ער פריער אַרויסגעבן.

נחום־מאיר איז אַוועק צוריק צו די וויגאַדסקיס, — ווידער חלומען און דרייען מיטן קוטאַס, און די פירמע „שריפטזעצער און ראָזענקראַנץ״ האָט גענומען זיך צוגרייטן אַרויסצוגעבן די ביכלעך, וועלכע האָבן זיי אַריינ־געבראַכט אַ סך געלט.

און דאָ האָט דאָס גליק פאַר נחום־מאירן ווידער אויפגעשיינט. ווען זיין לעצטע פרוטה האָט שוין געהאַלטן ביים אויסלאָזן זיך, איז געקומען

דער פּעטער וויגאָדסקי מיט דער גליקלעכער בשורה, אַז ער האָט פּאַר אים אַ שטעלע. אין פֿאַרבינדונג מיטן רוסיש־טערקישן קריג האָט וויגאָדסקי געקראָגן פיל קאָנטראַקטן. וויגאָדסקי האָט באַדאַרפט צושטעלן היי און האָבער פֿאַר דעם צאַרס „פּאָלקאָוונע״ פערד. צוליב דעם האָט מען באַדאַרפט האָבן מענטשן — „פּאָדריאַדטשיקעס״. איז נחום־מאיר געוואָרן איינער פון זיי: אַ „פּאָדריאַדטשיק״ פון היי און האָבער, און אַמאָל אויך — פון קי־פּעלכלעך. שכירות האָט ער באַקומען גאַנצע צוואַנציק רובל אַ חודש.

דינה האָט דערהאַלטן די ערשטע „פּאָוועסטקע״ פון פּאָסט אויף 20 רובל, ווען זי איז געזעסן ביי איר פּאָטערס טיש פּורים צו דער סעודה. גרויס איז געווען איר פרייד. נאָר אסתר המלכה האָט זיך געקאָנט פּאַר־מעסטן מיט איר פרייד.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט זי איינגעפּאַקט אירע זאַכן, גענומען אַברהמלען אויף די הענט און האָט זיך אַרויסגעקליבן אין אַן אייגענער דירה. גאַנצע דרייצן יאָר איז זי אָפּגעזעסן אויף קעסט אין איר פּאָטערס הויז.

אין דער צייט, ווען שמואל יוסף פין האָט זיך גענומען אַרויסצוגעבן נחום־מאיר שייקעוויטשעס ביכלעך, האָט נחום־מאיר גענומען אַרבעטן אויף זיין שטעלע. וואָס פאַר אַן איינדרוק די דאָזיקע אַרבעט האָט אויף אים געמאַכט און ווי די מלחמה אַליין האָט אויף אים געווירקט, וועגן דעם איז ניט באַקאַנט, ווייל דער מענטש איז געווען אַ שווייגער. דאָס איינציקע מעשהלע, וואָס איז פֿאַרבליבן פון יענער צייט, האָט צו טאָן ניט מיט קיין רוס און ניט מיט קיין טערק; ניט אַפילו מיטן צאַרס „פּאָלקאָוונע״ פערד. עס איז פֿאַרבונדן מיט אַ יידישער חתונה און מיט אַ נאַרישעוואַטן חתן־בחור:

אויפקויפנדיק היי און האָבער, איז נחום־מאירן אויסגעקומען איינ־צושטיין אין אַ יידישער קרעטשמע, ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפן ווינקל. די קרעטשמע איז געוואָרן דער צענטער פון וואַנען דער „פּאָדריאַדטשיק״ האָט איינגעקויפט די געווינטשטע תבואות. טעג נאָכאַנאַנד פלעגט ער אַרומ־פאָרן אין דער געגנט און זיך צוריקגעקערט ווען זיינע געשעפטן זיינען דערליידיקט געוואָרן.

ווען ער איז איינמאָל צוריקגעקומען פון זיין וועג, האָט ער געפונען

אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער קרעטשמע. מען האָט זיך געגרייט צו אַן אויפגעפּאַרענער חתונה. דאָס הויז איז געווען געפּאַקט מיט חתונה־געסט. אַלע זיינען געווען פריילעך — אַלע, אַחוץ דער בעל־הבית. דער ייד איז אַרומגעלאָפן ווי אַן אַ קאָפּ, ווייל דער חתן האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ניט אַנדערש ווי ער מוז האָבן אַ שטילן, רואיקן חדר, וואו ער זאָל קאָנען אויפשרייבן און צוגרייטן זיין דרשה. ענדלעך איז דעם באַלעבאָס איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק: פאַרוואָס זאָל דער חתן ניט איינשטיין ביים „פּאַדריאַדטשיק" אין צימער? ער איז צוגעשטאַנען צו דיביידע יונגעלייט, ביז זיי האָבן מסכים געווען צו שלאָפן אין איין חדר.

דער חתן איז אַריין אין נחום־מאירס ווינקל און זיך געזעצט האָרעווען איבער זיין דרשה. דער „פּאַדריאַדטשיק" האָט אים ניט געוואָלט שטערן און האָט אַרומגעוואַנדערט איבער די פעלדער אין שיין פון דער לבנה.

אָבער ווי לאַנג קאָן עס אַ מענטש אַזוי אַרומוואַנדערן, בפרט ווען מען איז מיד און מען דאַרף מאָרגן גאַנץ פרי אויפשטיין? האָט זיך נחום־מאיר שטילערהייט אַריינגעגנבעט צו זיך אין צימער, זיך אויסגעטאָן און אַריין אין בעט. ער האָט אָבער ניט געקאָנט שלאָפן, ווייל דער לאָמפּ האָט געברענט. איז ער געלעגן און געקוקט אויף דעם אָרעמען חתן, ווי ער מוטשעט זיך ביים אויפשרייבן זיין דרשה. וואָס מער דער בחור האָט געשריבן, אַלץ מער איז עס אים ניט געפעלן און ער האָט צעריסן דאָס אָנגעשריבענע.

נחום־מאיר האָט זיך איבערגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, — נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. דער חתן האָט געהאַלטן אין איין אַרומשפּרייזן איבערן צימער, ער האָט זיך געווישט דעם שוויס, געמאַכט מיט די הענט און געגלאָצט מיט די אויגן. אָבער גאָט האָט געהאָלפן, דער נאַפט אין לאָמפּ איז אויסגעגאַנגען, אין צימער איז געוואָרן פינצטער, און נחום־מאיר איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען גאַנץ באַגינען. דאָס מאָל האָט ער באַדאַרפט אָוועקפאָרן אין אַ ווייטער נסיעה אויף אַ לענגערער צייט.

קלייבנדיק זיך אַרויס פון צימער, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף דעם אָרעמען חתן, וועלכער איז געלעגן אַן אויסגעמאַטערטער אויפן בעטל. לעבן אים איז געלעגן די אָנגעשריבענע, אויסגעמוטשעטע דרשה. נחום־מאיר האָט פאַרזיכטיק אויפגעהויבן דעם פּאַפּיר און איבערגעקוקט. עס האָט לחלוטין ניט געטויגט. האָט ער זיך שטילערהייט אַוועקגעזעצט, גע־נומען אַ פּאָר ריינע בויגנס פּאַפּיר און אָנגעשריבן אַ נייע דרשה. ער האָט

אָװעקגעלייגט זיין קלאָרן כתב־יד אויף דעם חתנס אויסגעמוטשעטע בלעטער און איז אַוועק.

ווען ער איז מיט צוויי וואָכן שפּעטער צוריקגעקומען, האָט אים דער קרעטשמער אָנגעקוקט מיט מאָדנע אויגן.

— זאָגט, ווער זייט איר? — איז דער ייד צו אים צוגעשטאַנען.

נחום־מאיר האָט זיך דערמאָנט אָן דער געשיכטע מיטן חתן און זיין דרשה. ער האָט אָבער געקוקט אויף דעם קרעטשמער מיט אומשולדיקע אויגן און אים געענטפערט, אַז ער איז דער „פּאָדריאַדטשיק", וואָס קויפט אויף היי און האָבער פאַר דעם צאַרס מיליטער־פערד. דער קרעטשמער האָט אָבער אַלץ ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון אים. ענדלעך איז ער אַרויס מיט לשון: אין דעם פרימאָרגן, ווען דער „פּאָדריאַדטשיק" איז אַוועק, איז דער חתן אַרויסגעלאָפן אַ צעטומלטער פון דעם צימער און פאַר־לאָנגט צו וויסן, ווער עס איז געווען ביי אים אין חדר. וויפיל מען האָט אים ניט דערקלערט, אַז קיינער אַחוץ דעם "פּאָדיאַדטשיק" איז דאָרט ניט געווען, האָט ער אַלץ ניט געוואָלט גלויבן. ער איז אַרומגעלאָפן אַ צע־טראָגענער, געפרעגט מאָדנע פראַגעס, און געזוכט ניט קיין אַנדערן ווי אליהו־הנביאן. דער חתן — האָט ווייטער דערציילט דער קרעטשמער — האָט זיך ענדלעך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל מיט אַ כתב־יד אין האַנט, געחזרט און געשעפּטשעט. און ווען ס'איז געקומען די צייט פון דער דרשה, האָט דער חתן־בחור אַוועקגעלייגט אַ דרשה, אַז דער עולם איז פשוט דערשטוינט געוואָרן... זיין טאַטע־מאַמע האָבן זיך גאָר גענומען גרויסן מיט אים: זיי האָבן גאָר אַליין ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ תכשיט זייער זון איז!

דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט וועגן דער דרשה, איז געווען דער קרעטשמער. ביי אים אין קאָפּ האָט זיך דעם חתנס אַרומזוכן אליהו־הנביא פאַרבונדן מיט דער געשטאַלט פון דעם שטילן „פּאָדריאַד־טשיק".

נחום־מאיר אָבער האָט דעם סוד ניט אַרויסגעגעבן...

צווייטער טייל

שמ״ר דער ראָמאַניסט און דערציילער
זיינע נאָכמאַכער און קריטיקער

„דריי דורות האָבן זיך געהאָדעוועט אויף זיין שאַפן. ער איז דער ליבלינג געווען פון אַ קאָלאָסאַלן לייענער־שיכט. מיט זיין וואָרט האָט ער אַריינגעדרונגען אין די סאַמע פאַרחושכטע, סאַמע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך, וואו קיין געדרוקט וואָרט איז ניט אַריינגעקומען. ער איז געווען פאַר־קניפּט מיטן סאַמע געדיכטן, סאַמע אונטערשטן פאָלקשיכט. צום סאַמע לעצטן טרעפּל אויפן סאָציאַלן לייטער האָט דערגרייכט שמ״רס בוך.“

(א. וועוויאָרקאַ, „רעוויזיע“, ז. 1.)

קאַפּיטל 8

שמ״ר אין אָדעס — ער הויבט אָן צו שרייבן ראָמאַנען

אין דער צייט פון דער מלחמה איז נחום־מאיר, פאַרנדיק מיט זיין רעגימענט, אָנגעקומען קיין בוקאַרעשט, די הויפּט־שטאָט פון רומעניע. עס איז אים דאָן גאָר אויפן זינען ניט געקומען, וואָס פאַר אַ גרויסע ווירקונג זיין קורצער וויזיט אין יענער שטאָט וועט האָבן אויף אים, אויף זיין לעבן און אויף זיינע ווייטערדיקע טעטיקייטן.

אָנקומענדיק קיין בוקאַרעשט, האָט זיך נחום־מאיר באַקענט דאָרט מיט אברהם גאָלדפאַדען און מיט זיין יידישן טעאַטער.

מיר ווייסן ניט די פּרטים, ווי נחום־מאיר האָט זיך באַקענט מיטן יידישן טעאַטער, אָבער אַז דער איינדרוק פונעם טעאַטער אויף אים איז געווען אַ שטאַרקער, איז צו זען פון דעם, וואָס ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט, און נחום־מאיר איז געוואָרן פריי פון זיינע פליכטן אַלס „פּאָד־ריאַדטשיק״, איז ער ניט געפאָרן קיין פּינסק, וואו זיין פאַמיליע האָט זיך געפונען, און אויך ניט קיין ווילנע, וואו זיין רייכער פעטער וויגאָדסקי האָט געוואוינט. ער האָט זיך געלאָזט גלייך קיין אָדעס, וואו עס האָט גע־שפּילט אַ יידישער טעאַטער. ער האָט מסתמא געפילט, אַז אים וועט באַ־שערט זיין צו מאַכן אַ וויכטיקע ביישטייערונג צו דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן טעאַטער.

נאָך אַ סיבה האָט אים באַוואויגן זיך צו באַזעצן אין אָדעס. אין יענער צייט איז די דאָזיקע שטאָט געווען דער צענטער פון דער העברייאישער קולטור, און צוויי העברייאישע זשורנאַלן — „המליץ״ און „הבוקר אור״ — זיינען דאָרט אַרויסגעגעבן געוואָרן. ער האָט געהאָפט צו ווערן אַ מיט־אַרבעטער אין איינעם אָדער אין די ביידע צייטשריפטן, און אַזוי אַרום קאָנען מפרנס זיין זיך, זיין פרוי און קינד. ער האָט קיין אַנונג ניט געהאַט, וואָס פאַר אַ סורפּריז עס דערוואַרט אים נאָך זיין צוריקקערן זיך פון דער מלחמה. ער איז אַוועק פון פּינסק ווי דער איידעם פון ר׳ מיכל בערצינסקי; ער איז אַוועק פון ווילנע ווי דער פּלימעניק פונעם רייכן יחיאל וויגאָדסקי,

און ער איז צוריקגעקומען ווי „שמ״ר״, דער פּאָפּולערער יידישער שרייבער.

פאַר די דריי יאָר, וואָס ער איז געווען פאַרנומען מיט די געשעפטן פון זיין פעטער, זיינען די ניין דערציילונגען, וואָס ער האָט פאַרפאַסט און פאַרקויפט זיי צו ש. י. פין, אָפּגעדרוקט געוואָרן און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, און יעדע פון זיי איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין עטלעכע אויפלאַגעס. דער נאָמען ״שמ״ר״ איז איצט באַקאַנט געווען אומעטום.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז דער נאָמען געוואָרן אַן אייגענער און היימישער אין כמעט יעדן יידישן הויז סיי אין רוסלאַנד און אַזוי אויך אין יעדן ישוב, וואו ס׳האָבן זיך געפונען יידישע מאַסן.

געקומען קיין אָדעס, האָט נחום־מאיר געקראָגן אַ דירה און געבראַכט זיין פרוי און קינד.

עס איז געווען אַ פרייד פאַר מאַן און ווייב זיך צונויפצוקומען נאָך אַן אָפּשייד פון דריי לאַנגע יאָר. עס איז געווען אַ גרויסע פרייד פאַרן פאָטער צוצודריקן צום הארצן זיין דריי־יאָריק יינגעלע אורעמעלע, וועמען ער האָט געזען צום ערשטן מאָל.

דינה האָט זיך געפילט גליקלעך מיטן צוריקקערן זיך פון איר געליבטן מאַן. אָבער דאָס, וואָס ער איז צוריקגעקומען אַן אָרעמאַן, האָט זי זייער געערגערט. זי האָט געהערט, אַז אַלע „פּאָדריאַדטשיקעס״, וואָס זיינען געווען אין דעם קריג, זיינען רייך געוואָרן. נחום־מאיר איז, הפּנים, געווען דער איינציקער, וואָס האָט נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט אָנצוקלייבן געלט בעת דעם קריג. וואָס ער האָט יאָ מיטגעבראַכט פונעם קריג, איז געווען אַ גרויסע צאָל ניט־גענוצטע סאָלדאַטסקע שטיוול, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט פון דער רעגירונג, און געהאָפט צו מאַכן אַ פּראָפיט. דינה איז געווען צופרידן ווען ער האָט זיי ענדלעך פאַרקויפט, אמת, מיט אַ פאַרלוסט, דערפאַר אָבער איז איר הויז באַפרייט געוואָרן פון די שטיוול, פון וועלכע ס׳האָט זיך געטראָגן אַן אומאַנגענעמער ריח.

נחום־מאיר האָט ניט געמאַכט קיין טעות, וואָס ער האָט זיך באַזעצט אין אָדעס. די אָדעסער משכילים האָבן אים פריינטלעך אויפגענומען און אים געמאַכט זיך פילן היימיש. ספּעציעל האָט אים גליקלעך געמאַכט, וואָס ער איז פאַרבעטן געוואָרן פון אברהם־בער גאָטלאָבער, דער רעדאַקטאָר פון „הבוקר אור״, מיטצואַרבעטן אין זיין זשורנאַל. ער האָט אָבער גיך איינגעזען, אַז ער וועט ניט דאַרפן זיין אָפּהענגיק פונעם גוטן ווילן פון א. ב. גאָטלאָבער. ער איז באַפאַלן געוואָרן פון ביכער־אַרויסגעבער, ער

זאָל שרייבן יידישע דערציילונגען פאַר זיי. דעמאָלט האָט ער איינגעזען, אַז שרייבן וועט זיין זיין קאַריערע אין לעבן.

יאָ, ער האָט זיך געפילט גליקלעך. ענדלעך וועט ער מער ניט דאַרפן פאַרקויפן ברעטער אָדער סאָלדאַטסקע שטיוול, כדי מפרנס זיין זיך און זיין פאַמיליע. ער וועט שרייבן! ער וועט קאָנען זיצן רואיק ביי זיך אין דער היים און שרייבן וואָס נאָר זיין האַרץ גלוסט — אַרטיקלען און שירים אין העברייאיש, און דערציילונגען אין יידיש.

אָבער פאַרוואָס נאָר דערציילונגען אין יידיש? פאַרוואָס אויך ניט יידישע ראָמאַנען? — האָט ער ביי זיך געטראַכט.

ניט פאַרלירנדיק קיין צייט, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט און גענומען שרייבן אַ ראָמאַן.

מאַטעריאַל האָט ער געהאַט אַ סך, און מיט דער רייכער פאַנטאַזיע וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער, אָן שוועריקייטן, אין עטלעכע וואָכן צייט אָנגעשריבן זיין ערשטן ראָמאַן, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „דער בלוטיקער אָדיע״. דעם ראָמאַן האָט ער אָוועקגעשיקט צו דער פירמע „מץ״ אין ווילנע. זיי האָבן באַלד דאָס בוך אָפּגעקויפט, און האָבן געמאַכט אַ באַשטעלונג אויף אַ צווייטן ראָמאַן.

אין יענעם יאָר (1879) האָט נחום-מאיר אָנגעשריבן נאָך צוויי ראָמאַנען: „דער גליקלעכער פאַסטוך״ און „ראַשקעלע קאָזאַק״. דעם ערשטן האָט אָפּגעקויפט און אַרויסגעגעבן די פירמע האלמנה והאחים ראָם פון ווילנע, דעם צווייטן — די פירמע „מץ״ פון דער זעלבער שטאָט.

די דריי ראָמאַנען, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן, זיינען דערשינען אין דעם זעלבן יאָר. זיי האָבן געהאַט אַ גרעסערן דערפאָלג ווי זיינע דער־ציילונגען. אַלע דריי ראָמאַנען זיינען צעכאַפּט געוואָרן, און טאַקע איבער־געדרוקט געוואָרן אין עטלעכע אויפלאַגעס.

דערמוטיקט פון דעם גרויסן דערפאָלג פון זיינע ראָמאַנען, האָט נחום־מאיר דעם צווייטן יאָר אָנגעשריבן נאָך זעקס ראָמאַנען: „דער יידישער פריץ״, „דער בעל-תשובה״, „דער קאַטאַרזשניק״, „די בלינדע יתומה״, „די עגונה״ און „דער כשרער ייד״. און ווי די ערשטע דריי, אַזוי האָבן אויך די ראָמאַנען געהאַט אַן אומגעהויערן דערפאָלג. זיין ראָמאַן „דער קאַטאַרזש־ניק״ איז פאַרקויפט געוואָרן אין פערציק טויזנט עקזעמפּלאַרן.

עס שרייבט מרים שמ״ר-צונזער אין איר בוך זכרונות, אַז צענדליקער טויזנטער יידן, וועלכע זיינען צעזייט און צעשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט, געדענקען נאָך ביז איצט ווי זיי האָבן צום ערשטן מאָל זיך באַקענט

מיט שמ״רס אַ ביכל. ווי נאָר מען דערמאָנט זיי שמ״רס נאָמען, אַזוי גלייך שטייט פאַר זייערע אויגן אַזאַ בילד:

פרייטיק־צו־נאַכט אָדער שבת בייטאָג, אַרום אַ טיש, אין אַ גרויסן קרייז, האָבן זיך צונויפגעקליבן יונג און אַלט צו הערן שמ״רס אַ מעשה אָדער אַ פאַרזעצונג פון אַ ראָמאַן, וואָס מען האָט שוין אָנגעהויבן לייענען דעם פריערדיקן שבת. איינער לייענט אין דער הויך, און די געשיכטע האַלט די צוהערער ווי צוגעשמידט מיט קייטן. און פרייטיק, ווען די ליכט גייען אויס, אָדער שבת נאָכמיטאָג, ווען דער אָוונט פאַלט־צו, צעגייט זיך דער עולם ניט־ווילנדיק, — מען וועט מוזן וואַרטן ביז איבעראַכטאָג צו הערן די ווייטערדיקע פאַרזעצונג. עס איז שווער אויסצוואַרטן אויף דער קומענדיקער באַגעגעניש. ביי יעדן איז האַרץ און מוח געשפאַנט מיט די פּאַסירונגען, וועגן וועלכע ער האָט ערשט געהערט. מען האָט אַ טיפן מיטגעפיל מיט די העלדן פון דעם ראָמאַן. מען האָט מיט זיי געוויינט און געלאַכט, געפרייט זיך מיט זייער פרייד און געליטן זייער צער. ערשט דאַרף די פשוטע פרוי, דער איינפאַכער באַלמעלאָכע, דער פּראָסטער שוסטער־ אָדער שניידער־יונג, וואַרטן גאַנצע אַכט טעג ביז ער וועט זיך דערוויסן וואָס עס איז געוואָרן מיט די הייס־געליבטע אָדער שטאַרק־ פאַרדאַמטע העלדן אין שמ״רס ראָמאַן. אַזוי ווי שמ״רס טויזנטער צוהערער האָבן שטאַרק געגאַרט צו וויסן די פאַרזעצונג פון ראָמאַן, האָבן זיי זיך אויסגעלערנט און צוגעוואוינט צו לייענען יידיש. אויף אַזאַ אופן איז אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר שטאַרק אויסגעוואַקסן דער עולם, וואָס לייענט יידישע ביכער.

„דאָס וואָס האָט פאַסירט מיטן שמ״רן און דעם יידישן לייענער איז אַן אומגעוויינטלעכע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון דער וועלט־ליטע־ ראַטור. אַז אַ שרייבער זאָל ׳אָנרייסן׳ ווערן מיטאַמאָל פּאָפּולער, באַליבט און באַוואוסט ביי די גרויסע פאָלקס־מאַסן, איז קיין נייס ניט. דאָס טרעפט כמעט אין יעדן לאַנד און אין יעדן דור. דער פאַל מיט שמ״רן, אָבער, פאַר־ מאָגט אין זיך אַ גאָר נייעם און אויסערגעוויינלעכן עלעמענט. דאָ איז ניט געוועזן דער אומשטאַנד, אַז אַ שרייבער איז געפעלן געוואָרן דעם לייענער־ עולם און איז געוואָרן פאָפּולער. די אויסערגעוויינלעכקייט אין שמ״רס פאַל ליגט אין דעם, וואָס ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון אַ לייענער־קרייז, וואָס האָט ביז אים גאָר ניט עקזיסטירט. איידער ער האָט אָנגעהויבן שרייבן, איז ניט געווען אַזאַ זאַך ווי אַ גרויסע יידישע לייענער־מאַסע. ער האָט די מאַסע באַשאַפן.״ („יעסטערדעי״, ז״ז 131־132.)

קאַפּיטל 9

שמ״רס גרויסע פּאָפּולאַריטעט שאַפט אַ סך נאָכמאַכער און אויך אַ סך קריטיקער

שמ״רס גרויסע פּאָפּולאַריטעט ווי אַ ראָמאַניסט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. זיין פליסיקע פעדער האָט פאַרפאַסט צענדליקער ראָמאַנען און דערציילונגען, און די גייסטיק־הונגעריקע יידישע מאַסן אין די יידישע שטעט און שטעטלעך האָבן זיי דורשטיק געשלונגען.

עס שרייבט אברהם וועוויאָרקאַ:

„שמ״ר איז געווען אַן אָפּטימיסט, און זיין אָפּטימיזם האָט אים געמאַכט פאַר דעם ליבלינג פון זיינע טויזנטער לעזער. אין זיין צייט איז ער געווען דער איינציקער שרייבער מיט אַזאַ אָפּטימיזם, מיט אַזאַ לעבנס־באַרעכטיקונג און לעבנס־פרייד. פון די סאַמע טיפסטע הומאַנישע קוועלן האָט ער דאָס גענומען, און אין די סאַמע ברייטסטע הומאַנישע קאַנאַלן האָט ער עס צוריק געגעבן.״

„ניט נאָר די אָרעמע און אונטערדריקטע האָבן געלייענט שמ״רס ראָמאַנען, זיינע ביכער זיינען געלייענט געוואָרן דורך אַלע קלאַסן. דער אָרטאָדאָקסישער ייד האָט געהאַט פאַרגעניגן פון דער מעשה; זיינע יונגע זין זיינען געווען פאַראינטערעסירט צו הערן וועגן דער גרויסער וועלט און די מעגלעכקייטן צו שטודירן און צו ווערן וויכטיקע מענטשן. צו פרויען האָט אַפּעלירט די ראָמאַנטישע און עסטעטישע זייט — אין די סענטימענטאַלע ליבעס און דעם טרויעריקן שפּילן אויף דער פּיאַנאָ און דער געליבטערס זיפצן אין דער שיין פון דער לבנה, האָבן זיי געפונען אַן אויסדרוק פון זייערע אייגענע געפילן. צו די דינער און דינסטן איז געווען ליב דאָס גוטע וואָרט, וואָס זייער שמ״ר האָט געהאַט פאַר זיי, און די האָפענונג, וואָס ער האָט זיי געגעבן אויף אַ בעסערן און גליקלעכערן מאָרגן.״ („רעוויזיע״, ז״ז 25־29.)

די גרויסע פאָדערונג אויף זיינע ביכער האָט אַרויסגערופן אַ צאָל פאַרפאַסערס, וואָס האָבן אויסגענוצט שמ״רס פּאָפּולאַריטעט און האָבן גע־פרואווט נאָכצומאַכן אים. זיי האָבן אַזוי אויסגעשטעלט די טיטל־בלעטער

פון זייערע ביכלעך, אַז עס האָט אויסגעוויזן ווי זיי זיינען געשריבן פון שמ״רן. אָט איז אַ טיטל־בלאַט פון אַזאַ מין ביכל:

דער געטרייער חתן

א העכסט־אינטערעסאַנטער
ראָמאַן
ווי פון
שמ״ר

קיין נאָמען פונעם מחבר איז ניט אָנגעגעבן, אַזוי, אַז ווען מ׳האָט אַ בליק געטאָן אויפן שער־בלאַט, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דער מחבר איז שמ״ר.

עס האָבן זיך אויך פלוצלונג באַוויזן אויפן ליטעראַרישן מאַרק פאַר־שיידענע שרייבער מיטן נאָמען שמ״ר, דהיינו: „שמ״ר פון סאַדליקאָוו״, „שמ״ר פון סלוצק״, „שמיר״ און נאָך אַנדערע. שמ״ר האָט געהאַלטן אין איין וואָרענען די לייענער קעגן די דאָזיקע פעלשער און פּלאַגיאַטאָרס, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן.

„די דאָזיקע שרייבערלעך האָבן קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט שמ״רס אָרט שרייבן. זייערע ביכלעך האָבן ניט געהאַט קיין שום צוזאַמענ־האַנג מיטן ווירקלעכן לעבן. די אַמעראַצישע גראָבקייט זייערע מיט דער נאַאיוו־צינישער באַציאונג צו זיך אַליין און צום לעזער, איז ווי די באַציאונג פון פיפיקן קרעמער צום פויער וואָס קויפט ביי אים. די דאָזיקע ליטע־ראַטור איז טאַקע געווען די ליטעראַטור פון דעם דאָזיקן קרעמער.״ (א. וווויאַרקאַ, „רעוויזיע״, ז״ז 22־25.)

שמ״רס גרויסע פּאָפּולאַריטעט צווישן ברייטן עולם האָט אויך אַרויס־גערופן אַ צאָל שאַרפע קריטיקן און אָנפאַלן אויף אים.

די אַטאַקעס האָבן זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1884.

„ביז יענער צייט, — שרייבט א. וועוויאָרקאַ, — איז שמ״ר פאַר־רעכנט געוואָרן פאַרן ריז פון דער יידישער ליטעראַטור. אַפילו די קעגנער פון יידיש האָבן פון אים גערעדט מיט דרך־ארץ. אויב ער האָט געהאַט צו זיך אַ פיינטלעכע באַציאונג, איז עס געווען מצד די העברייאישע שריי־בער, און די דאָזיקע קעגנערשאַפט איז אויסגעדריקט געוואָרן ניט צו אים, ווי אַ שרייבער, נאָר צו דער שפּראַך, וואָס אין איר שרייבט ער, און צום לייענער, וועמען ער באַדינט. ער אַליין האָט אַרויסגערופן אַפילו ביי דעם

העברייאישן עולם רעספּעקט מיט דעם נייס, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער, ווי אויך אין דער העברייאישער ליטעראַטור — דעם סוזשעט, דעם סיפּור־המעשה, די פּאַרוויקלטע פֿאַבל.״

„אינטערעסאַנט איז אַן אַרטיקל אין דער פֿאָרם פֿון אַ בריוו צו שמ״רן, וואָס ס׳האָט געשריבן ר. ד. זילבערקויש, העברייאישער שרייבער און רעדאַקטאָר פֿונעם העברייאישן זשורנאַל ׳האור׳ אין גאַליציע. דער דאָזיקער אַרטיקל איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די שטימונגען, וואָס שמ״ר האָט אַרויסגערופֿן מיט זיינע ווערק אין געוויסע העברייאישע קרייזן. עס גיט אויך אַ פֿאַרשטעלונג וועגן שמ״רס ווירקונג און פּאָפּולאַריטעט אַפילו אויסער די גרענעצן פֿון רוסלאַנד. דער אַרטיקל איז געשריבן אין העב־רייאיש, פֿון וואַנען מיר זעצן איבער די כאַראַקטעריסטישע ערטער:

„׳און דערפֿאַר זייט איר אַזוי הויך געשעצט אין מיינע אויגן, טאַלאַנט־פֿולער און חשובער שרייבער, און איך קאָן אייך נאָר ווינטשן: פֿירט ווייטער אָן אייער קראַפֿטפֿולע אַרבעט, וואָס איז אַ ברכה פֿאַרן יידישן פֿאָלק! איר מעגט וויסן, אַז אייער ווירקונג איז אַ סך גרעסער ווי די ווירקונג פֿון די גרעסטע העברייאישע שרייבער, וועלכע רעדן פֿון אויבן אַראָפּ; אַ באַוויז האָט איר דאָס, וואָס איר האָט אויפֿגעוועקט צום לעבן אויך די גאַליציישע יידישע מאַסן. איר האָט אויפֿגעעפֿנט זייערע אויגן, זיי זאָלן פֿאַרשטיין וואָס זיי זעען. און פֿאַר אייער טרייסט און פֿאַרן טרייסט פֿון אַלע זשאַרגאָן־שרייבער קען איך אייך זאָגן, אַז אַפילו פּרץ סמאָלענסקין, וואָס ווערט פֿאַררעכנט פֿאַר אַ גואל המושיע, האָט קיין צענט־חלק ניט לייענער וואָס איר, כאָטש זיינע דערציילונגען זיינען שוין באַרימט פֿון לאַנג, און אייערע האָט מען אָט ערשט גענומען לייענען אין די שטעטלעך.׳

„אָט אין דעם ליכט איז שמ״ר באַטראַכט געוועזן...״ (זע „רעוויזיע״, ז״ז 40־41).

דאָס בילד ענדערט זיך אָבער אינגאַנצן ווען עס צעפֿלאַקערט זיך אַ קאַמף קעגן אים, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, אין יאָר 1884.

דער ערשטער אים צו אַטאַקירן איז געווען דער באַוואוסטער היס־טאָריקער ש. דובנאָוו אין אַן אַרטיקל, וואָס ער האָט געדרוקט אין דעם רוסישן זשורנאַל „וואָסכאָד״. דער „יידישער פֿאָלקסבלאַט״ האָט פֿאַר־עפֿנטלעכט אַן איבערזעצונג פֿון דעם אַרטיקל, און דאָס האָט געבראַכט צו אַ דיסקוסיע וועגן שמ״רן טאַקע אין דער צייטונג, וואו אַ גרופּע שרייבער, בראש מיט שלום־עליכמען, האָבן אים שאַרף אַטאַקירט.

„דובנאָווס אַרטיקל איז געווען דער סיגנאַל צו אַ גענעראַל־אַטאַקע. פון אַלע זייטן האָבן זיך אָנגעפּאַנגען שיטן אָנפאַלן אויפן ראָמאַניסט. מען הויבט זיך אָן אַרומזען, אַז אין פּרט פון יידישקייט איז שמ״ר געכאַפּט אין דער מעשה; אַז ניט געקוקט דערויף, וואָס ער אַליין האָט אָנגעשריבן העברייאישע דערציילונגען, באַציט ער זיך מיט איראָניע צו די שרייבער תלמידי־חכמים. ער הויבט אָן ווערן באַטראַכט ווי אַ פרעמדלינג אין דער משפחה פון די „סופרי־ישראל״; עפּעס אַ מין אַדוואָקאַט פאַר די עם־הארצים, און דערצו אַזאַ, וואָס איז שעדלעך, ווייל דער עם־הארצישער המון האָט אים ליב.״ (א. וועוויאָרקא, „רעוויזיע״, ז. 44.)

צווישן די חסרונות, וואָס מען האָט געפונען אין שמ״רס שרייבן, איז, וואָס זיינע ראָמאַנען ענדיקן זיך שטענדיק מיט אַ גוטן סוף פאַר זיינע גוטע העלדן און מיט אַ שלעכטן סוף פאַר זיינע נעגאַטיווע כאַראַקטערן; אַז זיין שפּראַך איז ניט קיין ריין־יידישע, ווייל זי פאַרמאָגט אַ סך דייטש־מעריזמען; אַז זיינע ראָמאַנען האָבן ניט צו טאָן מיטן ווירקלעכן לעבן; אַז זיינע ביכער זיינען מאָראַליש שעדלעך, און נאָך און נאָך.

די באַשולדיקונג, אַז זיינע ביכער זיינען מאָראַליש שעדלעך פאַר די לעזער, האָט שמ״רן זייער וויי געטאָן. ער האָט געוואוסט ווי גרויס זיין איינפלוס איז געווען אויף די אומוויסנדיקע מאַסן, און האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ קולטור־טרעגער, פאַר אַ מאָראַלישן פירער און לערער. ער האָט זיך דערפאַר געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ריינקייט פון זיינע ראָמאַנען, און ער האָט באַשולדיקט די, וועלכע האָבן אים אַטאַקירט, אַז זיי האָבן זיינע ראָמאַנען ניט געלייענט.

אַן אינטערעסאַנטער אינצידענט, וואָס האָט איבערצייגט שמ״רן, אַז אָט די באַשולדיקונג איז אַ ריכטיקע, איז פאָרגעקומען ווען א. צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פון דעם „פאָלקס־בלאַט״, האָט זיך דערלויבט צו שרייבן אין זיינעם אַ לייט־אַרטיקל די פאָלגנדיקע ווערטער:

„מען זאָל פאָרזיכטיק זיין אין לעזן, באַזונדערס זאָל מען ניט לעזן שמ״רס ראָמאַנען און דערציילונגען, וועלכע ברענגען פיל שאָדן.״

און אָט וואָס שמ״ר האָט געשריבן וועגן אָט דעם אינצידענט מיט יאָרן שפּעטער, אין זיין זשורנאַל „יהי אור״ (1898):

„אַזאַ פּערזאָן, ווי א. צעדערבוים, האָב איך געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן. צו אַלעם ערשטן האָב איך איבערזעצט מיינס אַ דערציילונג, וואָס טראָגט אין זשאַרגאָן דעם נאָמען ׳די פאַלשע האָפענונג׳ (געדרוקט

אין די בילדער פון לעבן) אין העברייאיש, און האָב איר אַ נאָמען געגעבן ׳אחרית נכרתה׳. די דערציילונג האָב איך אַריינגעשיקט צו דעם באַרימטן משורר י. ל. גאָרדאָן, דער צווייטער רעדאַקטאָר פון ׳המליץ׳, מיט דער דערלויבעניש זי צו דרוקן.

„דער הער גאָרדאָן איז פון דער דערציילונג אַזוי איבערראַשט גע־וואָרן, דאָס אַבוואָל איך האָב פון אים פאַר איר קיין לוין ניט פאַרלאַנגט, האָט ער מיר אַריינגעשיקט 25 רובל, מיט דער ביטע אויך ווייטער דעם ׳המליץ׳ צו שטיצן מיט מיינע דערציילונגען און אַרטיקלען.

„אַלס די דערציילונג איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָב איך אַריינגעשריבן אַ בריוו אין ׳פאָלקס־בלאַט׳ צו א. צעדערבוים. אין דעם בריוו האָב איך אים, ערשטנס, געפרעגט: ווי באַלד מיינע דערציילונגען זיינען שעדלעך, וואָרום האָט ער מיין פעליעטאָן ׳אחרית נכרתה׳ אָפּגעדרוקט אין זיין אייגענער ציטונג ׳המליץ׳? צווייטנס, האָב איך אים אויפגעפאָדערט, ער זאָל דערקלערן, וואָרום ער האָט געפונען מיינע ווערק פאַר שעדלעך. דריטנס, האָב איך פאַרלאַנגט ער זאָל דייטלעך מעלדן: וועלכע ווערק מיינע ער האָט געלעזן און וואָס פאַר שעדלעכס ער האָט אין זיי געפונען.

„דער בריוו איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ׳פאָלקס־בלאַט׳ (יאָר 1887) און א. צעדערבוים האָט אונטער אים געשריבן אַ גרויסע לאַנגע באַמערקונג, אין וועלכער ער האָט זיך פאַרענטפערט, דאָס ער האָט ווירקלעך מיינע ווערק ניט געלעזן, נאָר אים שיינט, אַז אַמאָל האָט ער יאָ איינע פון מיינע דערציילונגען געלעזן און עס האָט אים ניט קיין גוטן איינדרוק געמאַכט. ׳אָבער איך ווייס באַשטימט, אַז נאָר אַזעלכע שרייבער ווי איר, ה׳ שמ״ר, — אַזוי האָט ער געענדיקט זיין אַנמערקונג, — זייט אין שטאַנד דאָס פאָלק גוטעס און ניצלעכעס צו געבן, ווייל איר זייט ניט גלייך צו זאָלכע פוסטע אומוויסנדע שרייבער ווי ספעקטאָר און זיין גלייכן איז.׳

„פון דעמאָלט אָן האָט א. צעדערבוים מער ניט גענומען שימף־אַרטיקלען וועגן מיינע ווערק, און האָט, אין קעגנטייל, זייער אָפט מיך צום גוטן דערמאָנט אין זיינעביידע ציטונגען.״

שמ״ר דערציילט ווייטער, אַז אַביסל שפּעטער, ווען ה. לעווי איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון „יידישן פאָלקס־בלאַט״, איז ער דאָרט אָנ־געפאַלן אויף אים און אים שטאַרק קריטיקירט. שמ״ר האָט אים אין אַן אָפענעם בריוו געפרעגט, פאַרוואָס טוט ער עס: האָט ה. לעווי געלייענט

זיינע ווערק? קאָן ער באַווייזן געַנוי, וואָס אין זיי איז שלעכט? אין עטלעכע טעג אַרום האָט אים ה. לעווי געענטפערט, אַז ער האָט קיין זאַך זיינע ניט געליינט, נאָר ער גלויבט, אַז ווען אַזויפיל שרייבער אַטאַקירן אים, מסתמא ווייסן זיי וואָס זיי טוען. דערביי בעט ער אים, שמ״רן, ער זאָל אים שיקן עטלעכע פון זיינע ווערק, כדי ער זאָל קאָנען געבן אַ ריכטיקע קריטיק.

שמ״ר איז אויפגעקאָכט געוואָרן פון אַזאַ אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט און האָט לעווין אַפילו ניט געוואָלט ענטפערן, אָבער גוטע פריינט האָבן אים איינגערעדט, האָט ער לעווין צוגעשיקט דריי דערציילונגען: „אַ שפּרונג אין הימל״, „דער פּוסטער מיוחס״ און „דער אַנטיקל״. דער סוף איז געווען, אַז לעווי האָט זיך עפנטלעך אין זיין צייטונג פאַרענטפערט, האָט שטאַרק געלויבט שמ״רן און אים פאַרבעטן צו ווערן אַ מיטאַרבעטער אין זיין צייטונג. ער האָט אויך געדרוקט עטלעכע פּראָ־שמ״ר אַרטיקלען אין זיין צייטונג.

פון די דאָזיקע אַרטיקלען איז אינטערעסאַנט דעם שרייבער שמואל בערדיטשעווסקיס אַן אַרטיקל, וועלכער איז געשריבן מיט ליידנשאַפט, אין וועלכן ער שרייבט וועגן שמ״רס ביכער פאַלגנדיקס:

„זיי זיינען פיל ניצלעכער פון אייניקע העברייאישע ביכער פון אייניקע מחברים, וועלכע איך וויל ניט פורש בשמם זיין (אָנרופן זייערע נעמען א. אַז. וו.). פאַרוואָס קריטיקירט מען אַזוי ווייניק, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, גאָרניט, די מחברים פון העברייאישע שמאָטעס? ער, שמ״ר, איז ווערט מען זאָל אים שעצן. דער שרייבער שילדערט כאַראַקטערן א. אַז. וו. אַלע וואָס האָבן קריטיקירט שמ״רן, איז דאָס אויס קנאה, דען ער איז אַ זעלטענער שרייבער אין דעם זשאַרגאָן. צו אים קאָן מען פאַרגלייכן זייער ווייניק מחברים, נאָר זיי קריטיקירט מען ניט, ווייל זיי האָבן פאַר זיך צדדים, און שמ״ר האָט קיין צד ניט. זיי ווילן אים פאַרהאַסן, ווייל פון אים האַלט דער עולם.״ („יידישעס פאָלקס־בלאַט״, 1887.)

אָט די אַלע פאַרטיידיקונגען האָבן אָבער ניט געווירקט, אַז די קעגנערישע קריטיקער זאָלן ענדערן זייערע מיינונגען. זיי האָבן פאַרגעזעצט צו שרייבן קעגן שמ״רן ווען און וואו זיי האָבן נאָר געקאָנט.

דער ביטערסטער פון אַלע קריטיקער איז געווען שלום־עליכם, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע בראָשור קעגן שמ״רן, מיטן נאָמען „שמ״רס משפּט״.

שלום־עליכם איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר ניין־און־צוואַנציק און איז

נאָך דאַן געווען ווייניק באַקאַנט אַלס יידישער שרייבער. ווי באַוואוסט, האָט ער אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע ווי אַ שרייבער אין העב־רייאיש און אין רוסיש. ערשט אין יאָר 1888, ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די זאַמלביכער „די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק״, איז ער באַקאַנט געוואָרן ביים עולם ווי אַ ידישער שרייבער.

דעם יונגן שלום־עליכם, וואָס זיין אַמביציע איז געווען צו העלפן אַנטוויקלען די יידישע ליטעראַטור און די יידישע שפּראַך, איז ניט געפעלן געווען שמ״רס אַרט שרייבן. אין זיין פאַרניכטנדיקן פּאַמפלעט באַשולדיקט ער שמ״רן, אַז ער גיט ניט קיין אמתע בילדער פון דעם יידישן לעבן, אַז ער באַקעמפט און לאַכט אויס יידישקייט, אַז זיין שפּראַך איז אַ צע־קאַליעטשעטע, אַז אין זיינע ביכער געפינט זיך ניבול־פּה און ציניזם, אַז דער פאַרפאַסער איז אַן עם־הארץ א. אַז. וו.

אויף די באַשולדיקונגען ענטפערט א. וועוויאָרקאַ אָט וואָס *):

„שלום־עליכמס פיינטשאַפט צו שמ״רן איז געווען אַזאַ, אַז ער האָט זיך בפירוש געטשעפּעט צו אים מיט ניט־געשטויגענע באַשולדיקונגען און זידלערייען. אָט אַזוי מאַכט ער פון אים אַן עם־הארץ, כאָטש שמ״ר איז גראָד געווען אַ מענטש מיט אַ סך וויסן און קולטור, סיי יידישע און סיי וועלטלעכע, וואָס וועגן דעם זאָגן עדות די גרויסע צאָל היסטאָרישע ראָ־מאַנען זיינע, וואָס איז גאָר געווען אַ נייס אין יידיש, און וועגן וועלכע מען דאַרף באַזונדער רעדן.

„זיין שפּראַך איז דורכאויס אַ פאָלקלאָריסטישע. מען וואָלט געקאָנט פון שמ״רס דערציילונגען צוזאַמענשטעלן די רייכסטע פאָלקלאָריסטישע כרעסטאָמאַטיע. וואָס איז שייך גערמאַניזמען, די אַזוי־גערופענע ׳דייטש־מעריזמען׳, זיינען אַלע קלענערע דערציילונגען אָנגעשריבן אין אַ ריינעם, זאַפטיקן, פאָלקסטימלעכן יידיש. נאָר אפילו בנוגע די גרויסע ראָמאַנען זיינע, זיינען אויך אונדזערע פאַרשטעלונגען וועגן די ׳דייטשמעריזמען׳ אין אַ גרויסער מאָס איבערטריבן. פאַקטיש האָט שמ״ר אומפאַרגלייכלעך ווינ־ציקער געזינדיקט מיט ׳דייטשמעריזמען׳ ווי [א. מ.] דיק, און אַ סך ווייניקער ווי אַלע אַנדערע יידישע שרייבער פון יענער צייט האָבן גע־זינדיקט מיט ׳סלאַוויזמען׳, איינגעשלאָסן אַפילו דעם דעמאָלטיקן שלום־עליכם, באַזונדערס אין זיינע פעליעטאָנען און אַרטיקלען.

---

*) די קריטיק איבער דעם ענין שלום־עליכם און שמ״ר, געשריבן פון א. וועוויאָרקאַ, געפינט זיך אין לעצטן טייל פונעם בוך.

„נעמענדיק דייטשע ווערטער, האָט שמ״רן אויסגעזען, אַז זיי זיינען נעענטער און פאַרשטענדלעכער דעם לייענער זינעם, אַרגאַנישער פאַר אים און אָרגאַנישער פאַר יידיש איידער העברייאישע ווערטער. דערפאַר זעען מיר, אַז אין די יידיש־שטייגערישע זאַכן, וואו שמ״ר קאָן אויסקומען מיט בלויז יידיש, זיינען ביי אים קיין ׳דייטשמעריזמען׳ ניט פאַראַן. די ׳דייטש־מעריזמען׳ זיינען פאַראַן אין די גרויסע ראָמאַנען, וואו דער מאַטעריאַל שפאַרט אַרויס פון די גרענעצן פונעם יידישן שטייגער און שפּראַך־סביבה.״ („רעוויזיע״, ז״ז 68־69־70.)

זלמן רייזען טרעט אויך אַרויס קעגן אייניקע שלום־עליכמס אָנקלאָגן. ער שרייבט: „אַ טייל באַשולדיקונגען פון שלום־עליכמען זיינען לחלוטין אומבאַגרינדעט, ווי, למשל, די באַשולדיקונגען וועגן ניבול־פּה און ציניזם, פון וואָס עס איז ביי שמ״רן קיין זכר ניטאָ. אַלע זיינע ליבעס־געשיכטן זיינען צניעותדיק־סענטימענטאַל, דורכגעוועבט מיט דער איבערטריבענער אידעאַליזאַציע פון דעם העלדן־ראָמאַן.״ („לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור״, העפט 4, ז. 782.)

דער באַוואוסטער שרייבער שאול גינזבורג שרייבט:

„אין די ליטעראַרישע קרייזן זיינען ניט אַלע דאַן געווען אייניק מיט שלום־עליכמס משפט איבער שמ״רן, אָבער אַזעלכע זיינען געווען אַ קליינע מינאָריטעט. זעלטן ווער פון אונדזערע שרייבער האָט גענומען אויף זיך די טרחה צו לייענען שמ״רס אומצייליקע ראָמאַנען, אָדער כאָטש אַ טייל פון זיי. מען האָט שלום־עליכמען ווי געגלויבט אויפן וואָרט, זיך פאַרלאָזן אויף זיין מבינות, און מען האָט נאָכגעזאָגט באַשולדיקונגען. שלום־עליכם האָט געלייגט פיל מי אויף צו פאַרשפּרייטן זיין פאַמפלעט, אַזוי אַרום האָט זיך איינגעפונדעוועט אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו שמ״רס שאַפונגען. דער נאָמען שמ״ר איז געוואָרן אַ שם־דבר, דער סינאָניזם פון שונד, פון אַזאַ ליטעראַטור, וואָס פאַרדאַרבט און פטרט אָוועק דעם לעזער.

„מיר דאַכט, אַז עס איז שוין לאַנג צייט צו רעווידירן שמ״רס פּראָצעס דורך קאָנטראָלירן דעם אורטייל, וואָס איז לכתחילה געווען אומגערעכט, איינזייטיק און פאַלש.״ („צוקונפט״, נאָוועמבער, 1940.)

אין דער צייט ווען שלום־עליכם האָט זיין פאַמפלעט אַרויסגעגעבן, האָט זיין קריטיק איבער שמ״רן ווייניק איינפלוס געהאַט אויף שמ״רס לעזער. אָבער מיט יאָרן שפּעטער, ווען שלום־עליכמס רעפּוטאַציע אַלס יידישער שרייבער איז הויך געשטיגן, און זיינע מיינונגען האָבן באַקומען

גרויס געוויכט. האָט זיין פאַרניכטנדיקע קריטיק, וועלכע ער האָט געשריבן אין די יונגע יאָרן, שמ״רן שטאַרק געשלאָגן און אים אַ סך צער און שאָדן געבראַכט.

אַז שלום-עליכמען האָט אַליין פאַרדראָסן אויף זיין אַטאַקע אויף שמ״רן, איבערצייגט דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד:

מיט יאָרן שפּעטער, אַ קורצע צייט נאָך מיין פאָטערס טויט, איז שלום-עליכם געקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין ניו-יאָרק. מיין מוטער האָט אים באַגעגנט, נאָך אַ פאָרשטעלונג אין יידישן טעאַטער. ער האָט זי ניט געקענט, אָבער זי אים יאָ.

זי איז צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— הער שלום-עליכם, די גאַנצע וועלט האָט איר געמאַכט לאַכן, אָבער מיך האָט איר געמאַכט וויינען.

— וויינען? ווי אַזוי? — האָט שלום-עליכם זי, פאַרוואונדערט געפרעגט.

— איך בין מרס. שמ״ר!

שלום-עליכם איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, האָט איר אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אויסגערופן:

— עס איז געווען פון מיר נאַריש און יינגליש, מרס. שמ״ר, נאַריש און יינגליש.

וואָלט ער די עטלעכע ווערטער געזאָגט אין דער עפנטלעכקייט אָדער אין געדרוקטן וואָרט, וואָלט ער די אומגערעכטיקייט, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן מיין פאָטער, אַ ביסעלע אָפּגעווישט. ליידער האָט ער עס ניט געטאָן. אָבער אויך ער איז שוין לאַנג ניט צווישן די לעבעדיקע.

די פאַרטיידיקונגען קעגן די אַטאַקעס אויף שמ״רן, וועלכע מיר האָבן דאָ אויבן ציטירט, זיינען געשריבן געוואָרן מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען דער פאָטער איז שוין, ליידער, צווישן די לעבעדיקע ניט געווען. אין דער צייט אָבער, ווען ער איז אַטאַקירט געוואָרן, האָט ער כמעט איינער אַליין מוטיק געקעמפט קעגן זיינע אָנגרייפער.

אין די פאָררעדעס צו זיינע ראָמאַנען האָט ער יעדע באַשולדיקונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן קעגן אים, באַזונדערס באַהאַנדלט. למשל, וועגן דער באַשולדיקונג, אַז זיינע ראָמאַנען ענדיקן זיך מיט אַ גוטן סוף, שרייבט ער אַזוי:

„פיל פון מיינע לעזער האָבן געפרעגט, וואָרום מיינע ראָמאַנען ענדיקן זיך שטענדיק גוט. וואָרום טו איך ניט נאָך די היינטיקע, ניי־מאָדישע ראָמאַניסטן, וואָס ענדיקן זייערע ראָמאַנען מיט אַ האַרצרייסנדיקער סצענע, וואו דער גוטער האָט דעם שוואַרצן־סוף און דער טיראַן טריאומפירט? אויף דעם מוז איך זיי ענטפערן, אַז איך זע קיין נוצן ניט אין אַזעלכע ענדן. איך רעכן, אַז פאַר דעם לעזער אין אַלגעמיין, און פאַר דעם פּעבעל באַזונדערס, איז פיל גלייכער, זיי זאָלן זען דעם גוטן, ערלעכן באַלוינט מיט גוטס. לעזנדיק אַזעלכע זאַכן, ווי דעם אָרדענטלעכן פאַרלאָזט גאָט ניט, האָט מען אויך באַשטענדיק בטחון אָן דעם אַלערהעכסטן, און אין דער ערגסטער צייט פאַרלירט מען די האָפענונג ניט.״ (פאָררעדע פון ראָמאַן „באַראָן דע אַליגאַר״, 1883.)

וועגן איבערטריבענע עפּיזאָדן אין זיינע ראָמאַנען שרייבט שמ״ר:

„איך געשטיי, אַז איך דערלויב זיך מאַנכעס מאָל עטוואָס צו איבער־טרייבן אין מיינע ראָמאַנען; דאָס איז אָבער נאָר דערפאַר, וואָס איך קען אונדזער לעזענדעס פּובליקום. מען מוז אַ קינד עפּעס זיסעס געבן, ווען מען וויל אים אַ ביטערע מעדיצין איינגעבן. איך ווייס, אַז ווען מיר וועלן געבן דעם פאָלק לויטער מוסר, וועט קיינער אין דער האַנט [ניט] נעמען אַ בוך. עוד נער ישראל. דאָס יידישע פּעבל איז נאָך אַ קינד. מען מוז אים צוליב טאָן און געבן אָנגענעמע זיסע זאַכן, ווען מיר ווילן אים אַ ווירקנדיקע מעדיצין איינגעבן. פון דער מיינונג וועט מיך קיינער ניט אַראָפּפירן.״ (פאָררעדע צו „אַ פאַטש פאַר אַ פאַטש״, 1887.)

בנוגע אומנאַטירלעכע געשעענישן, האָט שמ״ר געהאַלטן, אַז עס איז ניטאָ קיין נאַטירלעכס און אומנאַטירלעכס, אַלץ איז נאַטירלעך. און ער ראָט יעדן לייענער, ער זאָל זיך צוקוקן צו זיין אייגענעם לעבן, וועט ער זען, אַז עס איז פול מיט ניסים, מיט אומנאַטירלעכע פּאַסירונגען. (פאָר־רעדע צו „אַנטלאָפענער סאָלדאַט״, 1884.)

וועגן דעם, אַז ער מאָלט געשטאַלטן אין זיינע ראָמאַנען, וועלכע זיינען אמתע טייוולאָנים, האָט שמ״ר געשריבן:

„טייוואָלים? יאָ, עס זיינען פאַראַן מענטשן, וועלכע זיינען אמתע טייוואָלים. פאַרוואָס זאָל מען ניט שרייבן פון אַזעלכע מענטשן, וועגן וועלכע מיר לייענען כמעט יעדן טאָג אין אַלע צייטונגען? איר אַליין (אויב איר לייענט צייטונגען) ווייסט דאָך, אַז מערדער און רויבער האָבן זיך ניט אויסגעשעפּט פון דער וועלט. מיר הערן זייער אָפט פון זייערע רציחות און סקאַנדאַלן.״ ((פאָררעדע צו „אַנטלאָפענער סאָלדאַט״, 1884.)

דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך באַדאַרפט פאַרענטפערן פאַר זיינע קריטיקער, האָט שמ״רן זייער געקרענקט. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מען האָט נאָר אים, צווישן אַזויפיל יידישע און העברייאישע שרייבער, אויסגעקליבן אַזוי שאַרף צו קריטיקירן. פאַרוואָס האָט מען אים געוואָלט פאַרניכטן? פאַרוואָס האָבן די קריטיקער געוואָלט פון אים אָוועקרויבן זיין גוטן נאָמען? איז עס געווען אויס קנאה, דערפאַר ווייל ער איז געווען אַזוי פּאָפּולער? איז עס געווען דערפאַר, וואָס די יידישע מאַסן האָבן דווקא געוואָלט זיינע ביכער לייענען?

ווי אַזוי ער האָט געפילט וועגן די אומגערעכטע און פאַלשע באַשולדיקונגען פון זיינע קריטיקער, האָט שמ״ר אויסגעדריקט אין אַ בריוו צו זיין מוטער:

„איך האָב אָנגעשריבן איבער הונדערט און פופציק ווערק. בוכהענדלער זיינען דורך זיי רייך געוואָרן, אָבער איך אַליין האָב גאָט געדאַנקט, ווען איך האָב געקאָנט געבן גענוג ברויט מיין פאַמיליע. זאָגאַר דעם גוטן נאָמען, וואָס איך האָב דורך מיין שווערער אַרבעט דערוואָרבן, האָט מען מיר אויך ניט פאַרגונען, און די אַלע וועלכע האָבן זיך פון מיינע ווערק אויסגעלערנט אַביסל שרייבן, האָבן מיך מיט שמוץ באַוואָרפן. מען האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפטן דורך ליגנס און נידערטרעכטיקע קריטיקעס איינצובילדן דעם פובליקום, אַז מיינע ווערק זיינען שעדלעך, ווען אין דער אמתן האָבן מיינע ווערק טויזנטער אומוויסנדע בלינדע מענטשן די אויגן געעפנט און טויזנטער יידן האָבן דורך זיי אָנגעפאַנגען צו פאַרשטיין וואָס די וועלט און דאָס לעבן פאָדערט פון זיי.“ (שמ״רס „פנקס“, ז. 57.)

קאַפּיטל 10

שמ״רס דערציילונגען און ראָמאַנען

וואָס איז דער כאַראַקטער פון שמ״רס דערציילונגען און ראָמאַנען? וואָס האָבן זיי פאַרמאָגט אין זיך, וואָס האָט אַזוי באַצויבערט זיינע הונדערטער־טויזנטער לייענער? מיט וואָס און ווי אַזוי האָט דער אויטאָר געפאַנגען די הערצער און די נשמות פון מענער און פרויען?

לאָמיר אָנהויבן פון זיין טעכניק:

יעדע דערציילונג אָדער ראָמאַן האָט שמ״ר אָנגעהויבן מיט אַ פאָר־רעדע און אויך מיט אַ העברייאישן שיר.

„די פאָררעדע״, שרייבט דיזראַעלי, „זייענדיק דער אַריינגאַנג אין אַ בוך, דאַרף מיט איר געשפּאַנטקייט פאַראינטערעסירן דעם לעזער ווייטער דעם בוך צו לייענען. אַ גוטע פאָררעדע איז פונקט אַזוי נויטיק אַריינ־צובריינגען דעם לעזער אין אַ גוטער שטימונג, ווי אַ גוטער פּראָלאָג אין אַ טעאַטער־שטיק. אויב עס איז צוגעגרייט מיט געשמאַק, וועט עס רייצן ביים לעזער דעם אַפּעטיט דאָס בוך ווייטער צו לייענען.״ (״קוריאָזיטיס אָוו ליטערעטשור״, ז. 26.)

ווי עס ווייזט אויס, האָט שמ״ר אָט דעם דאָזיקן פּרינציפּ גוט פאַר־שטאַנען. אין זיינע פאָררעדעס ווענדט ער זיך צו זיינע לעזער, פרויען און מענער צוגלייך, גיט אָן סיבות פאַרוואָס ער האָט די דאָזיקע געשיכטע אָנגעשריבן. ער נעמט זיי אָן, אַזוי צו זאָגן, ביי דער האַנט, און לאַדט זיי איין צו גיין מיט אים, זיך צו באַקענען מיט די מענטשן, וועלכע ער האָט באַשריבן.

„און איצט, מיין ליבע לעזערין און לעזער, וועלן מיר אַריינגיין אין צימער פון דער באַטריבענער בלומע.״ — די דאָזיקע געווייגלעכע ווענדונג אין שמ״רס ראָמאַנען איז ניט קיין שרייבערישער מאַניר, נאָר אַן אויפ־ריכטיקע אינטימע ווענדונג פון היימישקייט, פון אַ שרייבער, וואָס רעדט צו זיין לייענער ניט פון אַ טריבונע אַראָפּ, נאָר וואָס זיצט מיט אים צוזאַמען ביי אַ קליין טישל אין קיך, ביי אַ פאַררויכערט לעמפּל. די באַלעבאַטים

שלאָפן שוין לאַנג, און ער פירט אַרום זיין ליבע לעזערין איבער די גע־דרייטע לעבנס־שליאַכן פון זיינע העלדן. דאָס איז די אינטימקייט פון אַ שרייבער, וואָס איז ניט אַרויסגעוואַקסן פון אַ שיכט, נאָר צונויפגעוואַקסן מיט איר. ער קאָן ניט זיין העכער פון זיין לעזער. ער רעדט ניט פאַר זיין שיכט, נאָר מיט זיין שיכט און אויף דער שפּראַך פון זיין קולטור־מדרגה, אויף דער שפּראַך פון זיין עמאָציע־מדרגה. אויב יעדער שרייבער איז דער אויסדריקער פון אַ געזעלשאַפטלעכן שיכט, איז שמ״ר געווען דער שרייבער, וואָס האָט זיך געפונען מיט זיין שיכט, מיט זיין לייענער־באַזע, אין די סאַמע נאָענטסטע, סאַמע אינטימסטע באַציאונגען. (זע א. וועוויאָרקאַ, „רעוויזיע״, ז. 29.)

דער שיר, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דער פאָררעדע, האָט געהאַט אין זיך ניט נאָר דעם עסענץ פון דער געשיכטע, וואָס דאַרף דערציילט ווערן, נאָר אויך אַ מאָראַל. די שירים זיינען געשריבן געוואָרן אין אַ לירישן סטיל, עס זאָל זיין לייכט זיי צו געדענקען.

מיטן אַריינשטעלן די העברייאישע שירים אין זיינע יידישע ביכער, האָט שמ״ר פּרובירט, ערשטנס, צופרידנצושטעלן די העברייער, וועלכע האָבן געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף דער יידישער שפּראַך, און, צווייטנס, כדי זיך אויסצודריקן אין דער שפּראַך, וואָס איז אים ליב און טייער געווען.

שמ״ר דער שרייבער פון דערציילונגען באַלאַנגט צו אַ גאַנץ־אַנדערער ליטעראַרישער קאַטעגאָריע ווי שמ״ר דער שרייבער פון ראָמאַנען. דער אונטערשייד איז אין דעם רוים, פּלאַץ, פאָרמע, סוזשעט, כאַראַקטעריזירונג, ווי אויך אין דער שפּראַך, וואָס ער באַנוצט.

אין מערסטע פון זיינע דערציילונגען באַנוצט שמ״ר די מאָנאָלאָגן־פאָרם, ד. ה. ער דערציילט אייך די מעשה ווי ער ווייסט זי.

די סוזשעטן פון זיינע דערציילונגען זיינען פון אַ סאַטיריש־הומאָריס־טישן כאַראַקטער. זיי האָבן אין זיך שטענדיק דעם עלעמענט פון מאָראַל. אין די דאָזיקע דערציילונגען האָט דער מחבר אָנגעדייט, אויף אַן אומ־דירעקטן אופן, די איבלען און אומגערעכטיקייטן, וועלכע האָבן עקזיס־טירט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון דער יידישער וועלט אין יענער צייט.

שרייבט א. וועוויאָרקאַ:

„שמ״ר האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל דערציילונגען, פון אַ בויגן און צוויי די גרויס. פון זיי זיינען פאַראַן אַזוינע, וואָס האָבן אַ גרויסן

ליטעראַטור־היסטאָרישן און קולטור־היסטאָרישן ווערט; אַזוינע, וואָס זיינען רייך מיט שטייגער־בילדער פונעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן; אַזוינע, וואָס זיינען אָנגעזאַפּט מיט שווין־פאַרגעסענעם פאָלקלאָר, מיט שאַרפן פאָלקס־הומאָר און בייסנדיקער סאַטירע קעגן די שיינע יידן, תקיפים. טייל פון זיי קאָנען דינען פאַר אמתע מוסטערן פון פאָלקסטימלעכער שאַפונג; טייל פון זיי קאָנען זיך פאַרגלייכן מיט די בעסטע מוסטערן — אין פאַרמעלן זין — פון דער יידישער אַזוי־גערופענער קלאַסישער ליטעראַטור.

„צווישן די דאָזיקע קלענערע דערציילונגען צייכנט זיך באַזונדער אויס אַ סעריע הומאָריסטישע מעשיות, וואָס ס׳האָט דערציילט אַ כלומר־שטער בטלן ׳יודקע שמערקעס׳. די דאָזיקע מעשיות האָבן אין זיך אַ שאַרפן סאָציאַלן אויפּרייס־שטאָף, געווענדט, מיט זייער בייסנדיקער סאַ־טירע, קעגן די שיינע יידן, און ניט אומזיסט זיינען זיי באַליבט געווען ביי די אונטערשטע שיכטן, און פאַרהאַסט אין דער בכבודיקער געזעלשאַפט.

„אַנדערע דערציילונגען פון דער זעלבער סעריע גיבן גלענצנדיקע שטייגער־בילדער פון יענער עפּאָכע. ס׳ווערן אַרויסגערופן קאָמישע קאָ־ליזיעס, וואו עס קומט בולעט אַרויס די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער סביבה, צוזאַמען מיט אַנזאָגן וועגן אַ נייעם סאָציאַלן ברויז פון פאַרשאַרפטע סאָציאַל־שטייגערישע סטיכיעס.

„אחוץ די דאָזיקע דערציילונגען, האָט ער אַ גאַנצע ריי אַנדערע קליינע דערציילונגען, פון וועלכע אַ טייל איז שאַרף סאַטיריש און גראָטעסק־אַרטיק, אַנדערע דערהויבן זיך צו דער מדרגה פון אַ געלייטערטן אָפּטי־מיסטישן הומאָר. אין די אַלע דערציילונגען געפינען מיר די פאָר־שטופע פון שלום־עליכמס מאָנאָלאָג־פאָרם, דעם הומאָריסטיש־שפּאַטישן און גראָטעסק־איבערגעטריבענעם הומאָר.

„אַ באַזונדערע מייסטערשאַפט ווייזט אין די דאָזיקע דערציילונגען שמ״ר אַרויס אינעם דיאַלאָג. ער איז זאַפטיק, פאַרבנרייך און לעבעדיק, אָנגעפּיקעוועט מיט פאָלקלאָר. די יידענע פון אַלע סאָציאַלע שיכטן און גרופּעס, מיט איר שפּראַך, מיט איר מענה־לשון, לעבט אויף אין זיין דיאַלאָג.״ („רעוויזיע״, ז״ז 8־9.)

זלמן רייזען שרייבט:

„מיט געוויסע באַוואָרעניש, זיינען שמ״רס ווערק אַן אוצר פון דעם יידישן פאָלקס־לשון. ער האָט זיכער געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער שפּראַך־אַנטוויקלונג פון דעם יידישן מאַסן־לעזער, באַקענענדיק אים מיט נייע ווערטער און באַגריפן.

„אין שמ״רס קלענערע דערציילונגען, וואָס ער האָט דערהויפּט געשריבן אין די ערשטע יאָרן פון זיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט, דערהויבט ער זיך צו אַ געוויסער ליטעראַרישער מדרגה. זיי אַנטהאַלטן גאַנץ לעבעדיקע שילדערונגען פון דעם יידישן אַלטמאָדישן לעבנס־שטייגער, אָפט אויך באַהויכט מיט אַ גוטמוטיקן פאָלקסטימלעכן הומאָר. דער געזעלשאַפטלעכער אינטערעס פון די דאָזיקע דערציילונגען ליגט אויך אין דעם סאַטירישן טאָן, מיט וועלכן ער באַהאַנדלט די נעגאַטיווע דערשיינונגען פון דעם יידישן לעבן.״ („לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור״, העפט 4, ז. 786.)

און קלמן מרמר שרייבט: „קריטיקירנדיק שמ״רס ראָמאַנען, האָבן זיינע קריטיקער אויך פאַרזען זיינע מאַסן־דערציילונגען פונעם יידישן לעבן, וואָס זיינען געווען ריין פון די אַנגעוויזענע חסרונות אין זיינע ראָמאַנען. אין היץ פונעם קאַמף האָבן די קריטיקער אויך שטאַרק איבערטריבן די פעלערן אין שמ״רס ראָמאַנען און גאַנץ פאַרשוויגן זייערע מעלות. ערשט אין דער נייער צייט, און אין אַ נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג — אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — האָט מען אָנגעהויבן אָביעקטיוו אויספאַרשן שמ״רס שאַפן. מען איז טאַקע אויך דאָרט געקומען צו גאָר אַנדערע רעזולטאַטן, ווי שמ״רס קריטיקער מיט איבער פיר צענדליק יאָר צוריק.״ („מאָרגן־פרייהייט״, 24טן נאָוועמבער, 1940).

גאַנץ אַנדערש ווי אין זיינע דערציילונגען, וואו די האַנדלונג קומט פאָר אין יידישן תחום, האָט שמ״ר, אין זיינע ראָמאַנען, אויפגעבראַכן די טויערן פון דעם תחום און אַרויסגעפירט זיינע העלדן אין דער גרויסער וועלט אַריין און, צוזאַמען מיט די העלדן — דעם לייענער זיינעם.

„די האַנדלונג פון די דאָזיקע ראָמאַנען קומט זעלטן פאָר בלויז אין יידישן תחום; אין גרעסטן טייל וואַרפט זיך די האַנדלונג אַריבער אין אַנדערע לענדער. און ניט בלויז בנוגע דעם אָרט פון דער האַנדלונג, אויך דער טיפּאַזש איז ביי שמ״רן ניט קיין אויסשליסלעך־יידישער. ער האָט געגעבן אַ גאַנצע גאַלעריי ניט־יידישע געשטאַלטן, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע. דאָס אַלץ איז באמת געווען אויסערגעוויינלעך פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז געווען דורכאויס אַ נאַציאָנאַלע, לויט איר עלעמענטן־באַשטאַנד. דער פאַרשיידנאַרטיקער טיפּאַזש, די דינאַמיק, דער הו־האַ פון שיפן און באַנען, שטעט און מדינות, האָבן אויסגעדריקט דעם דראַנג פון

די מאַסן אין דער ברייטער ליכטיקער וועלט אַריין.״ (א. וועוויאָרקאַ, ״רע־וויזיע״, ז. 29.)

ש. טענענבוים, דער יונגער קריטיקער, שרייבט: ״ווי זשול ווערן, קעראַל מעי און סוען העדין, וועלכע האָבן אַריינגעפירט די געאָגראַפיע אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור, אַזוי האָט שמ״ר אונדז באַוויזן די ווייטע לענדער פון דער וועלט: שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, עגיפּטן, פּאַלעסטינע און לעצטנס אויך אַמעריקע. די סענסאַציע איז געווען די וואונדערלעכע איבערלעבעניש פון דעם עלטערן לעזער, פון דעם יידישן אַרבעטער, פון דער אָרעמער דינסט־מיידל. ער האָט אויפגעפרישט דעם יידישן לעזער, וואָס האָט נאָך די וועלט־ליטעראַטור ניט געקענט לעזן.״ (״דער טאָג״, יאַנואַר, 1941.)

די טעמע פון ליבע איז געווען פאַרבאָטן אין די יידישע היימען פון דער ״געטאָ״. חתונות זיינען אַראַנזשירט געוואָרן דורך שדכנים, און אין מערסטע פאַלן האָבן זיך חתן־כלה ניט געזען ביז דעם טאָג פאַר דער חופּה. און ס׳איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ זינד, ווען אַ מאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף אַ פרעמדער פרוי, און אַפילו מיטן אייגן ווייב האָט מען ניט געטאָרט גיין צוזאַמען אין גאַס.

שמ״ר האָט געהאַט דעם קוראַזש אַריינצוברענגען דעם מאָטיוו פון ליבע אין זיינע ראָמאַנען. כאָטש ער האָט זיינע ליבעס־סצענעס געשריבן מיט גרויס פאַרזיכטיקייט און ניט געגאַנגען ווייטער פון אַ קוש אָדער אומאָרמונג צווישן די געליבטע, און שטענדיק אונטערגעשטראָכן דעם אויסקוק אויף הייראַט, — פונדעסטוועגן האָבן די פרומע יידן אים גע־האַלטן פאַר אַן אַפּיקורס. אָבער דאָס איז ניט אַלץ, וואָס זיי איז ניט געפעלן געווען אין שמ״רס שרייבן. וואָס עפּעס באַזינגען די שיינקייט פון אַ פרוי? וואָס עפּעס באַשרייבן אירע גאָלדענע אָדער פעך־שוואַרצע האָר? די גאָלדענע אָדער פעך־שוואַרצע האָר פון זייערע ווייבער האָט מען צו דער חופּה אָפּגעגאָלט, און אויף זייערע קעפּ אָנגעטאָן פּאַרוקן, ווי עס פּאַסט פאַר פרומע יידישע פרויען. און וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד וועגן שיינע קליידער פאַר פרויען און אייראָפּייאישע קליידער פאַר מענער? ווי וואַגט עס דער אַפּיקורס שמ״ר צו ראָטן יידישע יונגעלייט זיי זאָלן אויסטאָן זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס און זיך אָנטאָן אין מאָדערנע קליידער? און וואָס איז נאָך ערגער פון אַלץ, — ער ראָט זיי אַפילו זיי זאָלן שערן זייערע בערד און פּיאות! האָט מען ווען געהערט אַזעלכע זינדיקע רייד?

ס׳איז נאַטירלעך, אַז אין אָרטאָדאָקסישע הייזער האָבן שמ״רס ביכער

זיך ניט געטאָרט באַווייזן, און ווען מען האָט זיי יאָ געפונען — האָט מען זיי אין פייער געוואָרפן. האָבן פרומע יונגעלייט זיי געלייענט אין געהיים, און צווישן די בלעטער פון זייערע סידורים און גמרות — באַהאַלטן שמ״רס ראָמאַנען.

געוויסע קריטיקער האָבן מיט יאָרן צוריק באַטיטלט שמ״רס ווערק ווי „שונד־ראָמאַנען״. די דאָזיקע באַצייכענונג האָט זיך פאַרשפּרייט און זי איז אָפט באַנוצט געוואָרן, ווען שמ״רס ווערק זיינען דערמאָנט אָדער דיסקוטירט געוואָרן. איז עס טאַקע אמת, אַז שמ״ר האָט געשריבן שונד־ אָדער „בולוואַר״־ראָמאַנען? איידער מיר וועלן ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווילע, און קלאָר מאַכן די באַדייטונג פונעם וואָרט „שונד־שטאָף״.

„שונד־שטאָף״, שרייבט שאול גינזבורג, „איז אַלץ וואָס קיצלט די נידעריקע אינסטינקטן, וואָס רופט אַרויס אוממאָראַלישע געפילן. אין ׳שונד־שטאָף׳ שפּילט די הויפּט־ראָלע פּשוטע געשלעכטלעכע ליידנשאַפט, און דעריבער איז שונד אידענטיש מיט פּאָרנאָגראַפיע.

„גאַנץ אַנדערש פון ׳שונד־שטאָף׳ איז ׳פאַרווייליגונג־שטאָף׳. עס האָט ניט צו טאָן מיט שמוץ און אוממאָראַלישקייט. עס זוכט צו זעטיקן איינע פון די סאַמע נאַטירלעכסטע, באַרעכטיקטסטע באַדערפענישן — געבן דעם מידן, פאַרמאַטערטן מענטשן צעשטרייאונג, גייסטיקע אָפּרו.

„אָט צו דער ׳פאַרווייליגונג־ליטעראַטור׳ האָבן באַלאַנגט שמ״רס ראָ־מאַנען. קיין פּאָרנאָגראַפיע אָדער עראָטישע סצענעס וועט איר אין שמ״רס ראָמאַנען ניט געפינען. דער מאָטיוו פון ליבע שפּילט אין זיי אַ באַדייטנ־דיקע ראָלע, אָבער עס ווערט באַהאַנדלט זייער צניעותדיק.״ („צוקונפט״, נאָוועמבער, 1940.)

און א. וועוויאָרקאַ זאָגט:

„שמ״ר, ׳דער פּאָעטער פון בולוואַר־ליטעראַטור אין יידיש׳, — אין דער אמתן האָט שמ״ר מיטן בולוואַר־ראָמאַן קיין שום שייכות ניט. אים פעלט דער עיקר, מיט וואָס עס צייכנט זיך אויס די בולוואַר־ליטעראַטור אין אַלע שפּראַכן. די בולוואַר־ראָמאַנען האָבן געצויגן דעם עולם, דער עיקר דעם קליינבירגערלעכן, די הויז־פרוי, דערמיט, וואָס זיי האָבן גע־וועקט די טונקעלע, ׳פּיקאַנטע׳ אינסטינקטן פונעם לייענער. שמ״ר, פאַר־קערט, האָט שטענדיק אַפּעלירט צו די ליכטיקסטע, פיינסטע געפילן פון זיינע לייענער, פונעם פאַרהאָרעוועטן, פאַרחושכטן, פון דער דינסט.

„פון וואָס באַשטייט דאָס שונדישע ביי שמ״רן? דער עיקר פון דעם, וואָס די קאָליזיעס ווערן געלייזט (אין אַ גרויסן טייל פון זיינע ראָמאַנען) שטענדיק צום גוטן פונעם געליטענעם, און אויב עס איז ניטאָ קיין נאַטיר־לעכער וועג פאַר דער דאָזיקער ׳גליקלעכער ענדע׳, געשעט עס כמעט אומ־נאַטירלעך, ווי דורך אַ נס.

„אַ געוואַלדיק גרויסע שונד־ליטעראַטור, לויט אַלע דינים און מיט אַלע פּליטערלעך, האָט זיך אַנטוויקלט אויף יידיש, דער עיקר אין אַמעריקע. אין רוסלאַנד האָט זי זיך אַנטוויקלט גאָר שפּעט, און ערשט אינעם סוף פונעם ערשטן צענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט; און די שפּעטער אירע זיינען געווען די צייטונגען פונעם יידישן קליינבירגער. אָט יענע ראָמאַנען זיינען באמת געווען ׳העכסט אינטערעסאַנטע׳ און נאָך מער ׳פּיקאַנטע׳. דאָרט האָט פאַרנומען אַ היפּש אָרט פּאָרנאָגראַפיע, שלאָף־צימער געשיכטעס, דעטעקטיוו־מאָראַל, פרויען־וואַמפּירן, א. אַז. וו.

„קעגן די דאָזיקע ראָמאַנען, זיינען שמ״רס ׳העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען׳ געווען ניט בלויז ניט אינטערעסאַנט און ניט פּיקאַנט, נאָר זיי זיינען פשוט געווען אין פאַרגלייך מיט זיי לאַנגווייליקע מוסר־ספרים.

„אמת, עס זיינען שוין פריער געווען אין רוסלאַנד פאַרפאַסער פון אמתער שונד־ליטעראַטור, נאָר ערשטנס, האָט שמ״ר צו זיי קיין שייכות ניט געהאַט, אַחוץ דאָס, וואָס די מחברים האָבן זיך געקליגט, אויף אַזאַ אָדער אַזאַ אופן, אַרויסצושטעלן דעם נאָמען פונעם פּאָפּולערן ראָמאַניסט ׳שמ״ר׳ אויפן טיטול־בלאַט. צווייטנס, זיינען אויך די דאָזיקע שונד־מעשיות ניט געווען קיין אמתע שונד. דער עיקר איז זייער ׳שונדישקייט׳ באַשטאַנען דעריין, וואָס זיי האָבן קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט דערווירקלעכקייט, און קיין שום צוזאַמענהאַנג מיטן ווירקלעכן לעבן. ביי שמ״רן זיינען די פאַרוויקלטסטע ראָמאַנען פאַרקניפּט געווען מיט ווירק־לעכע רעאַלע שטייגער־מאָמענטן.״ (א. וועוויאָרקאַ, „רעוויזיע״, ז״ז 22־25.)

שמ״ר איז געווען איינער פון די ערשטע שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט געשעענישן אין דער יידישער געשיכטע פאַר אַ צאָל ראָמאַנען. אין איניקע פאָררעדעס פון די דאָזיקע ראָמאַנען אונטערשטרייכט ער די וויכטיקייט און ניצלעכקייט פאַר דעם יידישן לייענער צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פון זיין פאָלק.

עס שרייבט שמ״ר:

„ווען די שרייבער זאָלן נאָר ניט איבערכאַפּן די מאָס פון דער פאַנ־

טאָזיע, קאָנען, דורך אַזעלכע ראָמאַנען, די לעזער באַקומען אַ באַגריף פון זייער היסטאָריע. זיי קאָנען זען די מעלות און חסרונות פון זייערע עלטערן; זיי קאָנען געפינען די אורזאַכן פון זייער גליק און אומגליק.״ (פּאָררעדע, „פון קליין צו דער קריין״.)

די רשימה פון זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען, וואָס מיר גיבן דאָ אונטן, איז ווייט ניט קיין פולע:

„פון קליין צו דער קריין״, „מאָרד אויס ליבע״, „דער קינדער־מערדער״, — טרילאָגיע, געבויט אויף דער הורדוס־עפּאָכע.

„דער פאַלשער פּרינץ״, — געבויט אויף די דערציילונגען פון יוסיפוס פלאַוויאוס וועגן אַכעלעאוס און דער פּרינצעסין גלאַפירא.

„דער עגיפּטישער המן״, — גענומען פון די לעגענדעס וועגן פּטאָלמע־אוס פילאָפּטער.

„דער לעצטער יידישער קעניג״, — עס מיינט בר־כוכבא.

„דער געבילדעטער עם־הארץ״, — געבויט אויף דער באַוואוסטער געשיכטע פון די צוויי גרויסע יידישע געלערטע, רב יהודה הלוי און אברהם אבן עזרא.

„דער באַראָן דע אַגילאַר״, — געבויט אויף דער ספרדישער עפּאָכע אין שפּאַניע.

„דער טיראַן צאַר אַלעקסאַנדער דער דריטער״, — די עפּאָכע פון דעם צאַרישן קייסער אין רוסלאַנד.

„ניקאָלאַי דער ערשטער״, — פון דער צייט פון זיין הערשן אין רוסלאַנד.

„שפּאַנישע אינקוויזיציע״, — פון דער געשיכטע פון יידישן לעבן אין שפּאַניע.

ד ר י ט ע ר   ט י י ל

שמ״ר און דער יידישער טעאַטער
שמ״ר דער העברייאישער שרייבער
שמ״ר דער ציוניסט

קאַפּיטל 11

דער געבורט פון דעם יידישן טעאַטער

די טעטיקייטן פון מיין פאָטער אויפן געביט פון דערציילונגען און ראָמאַנען זיינען ניט געווען די איינציקע, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרנומען אין די צען יאָר, וואָס ער האָט זיך צוריקגעקערט פון דעם רוסיש־טערקישן קריג. ער האָט גענומען אַ גאָר גרויסן אָנטייל אין דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד.

איידער מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די אויפטועון פון מיין פאָטער, וועלן מיר דערציילן בקיצור ווי אַזוי דער יידישער טעאַטער איז באַשאַפן געוואָרן.

אין יאָר 1877 איז אַ יונגערמאַן אין די דרייסיקער יאָרן, מיטן נאָמען אברהם גאָלדפאַדען, געקומען אויף אַ באַזוך אין דער שטאָט יאַסי, רומעניע. א. גאָלדפאַדען איז, ווי באַקאַנט, געבאָרן געוואָרן אין רוסלאַנד, געענדיקט די ראַבינער־שול אין זשיטאָמיר, געווען גוט באַהאַוונט אין דער רוסישער ווי אויך אין דער העברייאישער ליטעראַטור, און אַליין געשריבן אַרטיקלען און לידער אין דיביידע שפּראַכן.

זייענדיק אין יאַסי, האָט ער זיך באַקענט מיט אַ גרופּע יונגעלייט, וועלכע זיינען אויפגעטראָטן מיט געזאַנג און טענץ פאַר די באַזוכער פון די וויין־קעלערן אין דער שטאָט.

גאָלדפאַדענען איז איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז מען וואָלט געקאָנט מיט דער גרופּע זינגער און טענצער געבן אַ נייעם סאָרט אונטערהאַלטונג, אין דער פאָרם פון שוישפּיל. ער האָט דעם פּלאַן פאָרגעלייגט פאַר זיי, און עס איז זיי געפעלן געוואָרן. גאָלדפאַדען האָט דאַן פאַרפאַסט אַ קאָמישן וואָדעוויל־אַקט, געדונגען אַ זאַל, האָט אויסגעבויט אין אים אַ קליינע בינע, אויסגעמאָלן די דעקאָראַציעס, איינגעשטודירט מיט די „אַקטיאָרן" זייערע ראָלן און האָט געעפנט זיין „טעאַטער".

אינטערעסאַנט איז, וואָס גאָלדפאַדען אַליין האָט געשריבן וועגן זיין פּרואוו צו גרינדן אַ יידישן טעאַטער:

„ווען דאָס יידישע טעאַטער איז ביי מיר נאָר־וואָס געבוירן געוואָרן, איז דאָס געלעגן אין די וויקעלעך, ווי דער שטייגער איז מיט יעדן ניי־געבוירענעם קינד. איך האָב דעמאָלט געהאַט נאָר אַנדערהאַלבן ‚שפּילער'. פאַרוואָס זאָג איך ניט צוויי? ווייל איינער, דער עלטערער, האָט שוין עפּעס באַוויזן טאַלאַנט צום ‚עקטן', און דער צווייטער איז געווען אַן איינפאַכער אַרבעטער־יינגל; ווייל ער האָט געהאַט אַ יונג, שיין פּנימל, האָב איך אים אַנגעטאָן אין אַ קליידל און אַ טיכל אויפן קאָפּ, אַז ער זאָל שפּילן די ראָלע פון אַ ווייבל, ווען ער פלעגט ביינאַכט קומען פון דער אַרבעט.

„דערנאָך האָב איך מיין ניי־געבוירענעם קינד געמוזט וויקלען אין וויקל־שנורן, נאָך ניט אָנטאָן קיין העמדל מיט שיכלעך... דאָס הייסט, איך האָב געמוזט צונויפשטראָפּען אַזעלכע פאַר שמאַטעס צום שפּילן, וואָס מיין פעדער האָט זיך געשעמט זיי אויפצושרייבן... מען האָט באַלאַמוטשעט גלאַט אויסוויינינק, וואָס איך האָב מיינע ‚שפּילער' געלייגט אין מויל אַריין...

„דאָס ערגסטע וואָס מיך האָט געפּלעפּט, אַז איך האָב באַמערקט ווי די אַמאָליקע פּובליקום האָט זיך נאָך גוט אָנגעלאַכט און זיך זייער גוט אַמוזירט דערביי.

„ווען איך האָב אויפגעפירט מיין ערשטע לעבנס־דראַמע רייך, אַן קאָמיקער און געזענגע, זיינען מאַנכע פון פּובליקום צו מיר אַרויפגעגאַנגען אויף דער בינע און מיך אַפּאָסטראָפירט מיט פאָלגנדע כאַראַקטעריסטישע ווערטער: ‚מיר קומען ניט אין טעאַטער מען זאָל אונדז אָנוויינען אַ קאָפּ! מיר האָבן אונדזערע אייגענע צרות אינדערהיים פון ווייב און קינדער! מיר קומען אין טעאַטער, איר זאָלט אונדז אונטערהאַלטן, פאַר אונדזער פראַנק ווילן מיר איר זאָלט אונדז פריילעך מאַכן און מיר זאָלן זיך גוט אָנלאַכן!...'

„און פון דעם פראַנק פון אונדזערע באַזוכער איז דאָן אָפּגעהאַנגען די עקזיסטענץ פונעם גאַנצן יונגן יידישן טעאַטער, — איך האָב מיך געמוזט דערווייל בויגן פאַר דעם ווילן פונעם פּובליקום, און האָב מיר געטראַכט: זאָל נאָר דערווייל דאָס קינד האָבן יאָרן, זאָל נאָר דאָס יידישע טעאַטער אויסוואַקסן און געדויערן, און דאַן, שפּעטער, ווען ער וועט שוין שטיין אויף אַ פעסטן באָדן, וועלן געוויס זיך יאָווען נייע טאַלאַנטפולע אויטאָרן, וועלכע וועלן אויסאַרבעטן פאַר דער יידישער בינע ספּעציעלע יידישע נאַטור־טרייע לעבנס־דראַמעס.‟ („אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער‟, ז״ז 265־167.)

אָבער דערווייל, כדי צופרידנצושטעלן דאָס „ווערטע פּובליקום‟, האָט

גאָלדפאַדען, נעבעך, געמוזט פאַרפאַסן אַזעלכע מאַכערייקעס ווי „דער מאַן מיט הערנער״, „דעם זייגערמאַכערס קאַפּעליוש״, „האָט־זשע מיר און זייט־זשע מיר געזונט״ און דאָס גלייכן.

אָפּגעווען אין יאַסי אַ יאָר צייט, איז גאָלדפאַדען מיט זיינע „שפּילער״ אַוועקגעפאָרן קיין בוקאַרעשט, וואו עס זיינען געווען בעסערע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען דעם יידישן טעאַטער. דאָרט האָט ער אויך געקראָגן עטלעכע יונגע פרויען פאַר זיין טעאַטער. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ כאָר פון יונגע משוררים און האָט אָנגעהויבן אויפפירן דריי־אַקטיקע קאָמעדיעס, ווי „שמענדריק״, „צוויי קוני לעמעלס״, „קאָלדוניע״ און אַנד.

אָבער לאָמיר זיך איצט צוריקקערן צו דער צייט, אין יאָר 1878, ווען נחום־מאיר האָט זיך באַזעצט אין אָדעס, ווייל ער האָט געהערט, אַז דאָרט שפּילט אַ יידישער טעאַטער.

ווי מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, האָט נחום־מאירן שטאַרק געצויגן צו דער יידישער בינע.

אין אָדעס האָט צו יענער צייט געשפּילט יידיש טעאַטער, אַ גרופּע אַמאַטאָרן, אונטער דער לייטונג פון אַ שוישפּילער מיטן נאָמען ראָזענבערג. אַזוי ווי דאָס שפּילן פון יידיש טעאַטער איז געווען פאַרבאָטן פון דער רעגירונג, זיינען די פאָרשטעלונגען געגעבן געוואָרן אונטערן נאָמען „ליטעראַרישע אָוונטן״.

אברהם גאָלדפאַדען האָט זיך דאַן געפונען מיט זיין טרופּע אין רומעניע. ווען ער האָט דערהערט, אַז אין אָדעס שפּילט מען יידיש טעאַטער, איז ער באַלד אַהין אָנגעקומען און מיטגעבראַכט מיט זיך זיין טרופּע.

ראָזענבערגן האָט זייער ניט געשמעקט גאָלדפאַדענס אָנקומען. פאַר אַזאַ קאָנקורענט האָט ער זיך זייער געשראָקן. און טאַקע גיך האָבן זיי זיך צעקריגט. די פּאָליציי איז געוואָר געוואָרן וועגן ראָזענבערגס „ליטע־ראַרישע אָוונטן״ און האָט זיין טעאַטער פאַרמאַכט.

גאָלדפאַדען איז אָפּגעפאָרן קיין פּעטערבורג. ער האָט צענזורירט אייניקע פון זיינע פּיעסעס און צוריקגעקומען קיין אָדעס, געדונגען דעם גרויסן מאַרינסקי טעאַטער, אָנגעבנדיק דערביי אַז עס איז אַ דייטשער טעאַטער. דאָרט האָט ער אויפגעפירט זיינע קאָמעדיעס: „די צוויי קוני לעמעלס״, „שמענדריק״, „קאָלדוניע אָדער די כישופמאַכערין״ און אַנדערע פון זיינע שאַפונגען.

אין זיין טרופּע האָבן זיך דאַן געפונען די שוישפּילער ספּיוואַקאָווסקי,

פּינקעל, הער און מאַדאַם צוקערמאַן, ראָזאַ פרידמאַן און אַנדערע.

דער דירעקטאָר פון טעאַטער איז געווען אַ גריך מיטן נאָמען האַמערא. ווי עס ווייזט אויס, האָט גאָלדפאַדען מיטן גריך ניט געקאָנט שטימען. אָפּ־זייענדיק דאָרט אַ קורצע צייט, איז גאָלדפאַדען אַרויסגעטראָטן פון טעאַטער. האַמערא האָט אָבער דעם טעאַטער אַנגעהאַלטן. ער האָט אַריבערגעבראַכט פון רומעניע דעם יונגן, טאַלאַנטפולן שוישפּילער זיגמונד מאָגולעסקאָ. ער האָט צוגעצויגן צו זיין טרופּע די שוישפּילער אבא שעהנגאָלד, משה טייך און לעאָן בלאַנק, און אויפגעפירט מיט זיי לאַטיינערס „די ליבע פון ירושלים”, „די צווי שמואל שמעלקעס”, אויך ספּעקטאָרס „דאָס פּוילישע יינגל”.

שמ״ר האָט אָפט באַזוכט די טעאַטער־פאָרשטעלונגען. איין אָוונט, אַרויסגייענדיק פון אַ פאָרשטעלונג מיט זיין פריינט א. ב. גאָטלאָבער, האָט אים דער לעצטער געפרעגט, פאַרוואָס ער שרייבט ניט אַן קיין פּיעסע פאַר דער יידישער בינע. די פראַגע האָט, ווי עס ווייזט אויס, אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. איך וויל דאָ ציטירן, וואָס שמ״ר אַליין האָט וועגן דעם געשריבן:

„טאָקע, פאַרוואָס זאָל איך ניט פּרובירן אָנשרייבן אַ פּיעסע? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט. איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן וואָס פאַר אַ פּיעסע צו שרייבן, און ביי מיר איז געבליבן, איך זאָל שרייבן אַ טעאַטער־שטיק פון קליין־שטאָטישן ליטווישן לעבן, אין וועלכן איך זאָל שילדערן דעם פאַנאַטיזם פון די קליין־שטאָטישע רבנים, דעם אַבסורד פון די קהלשע דעפּוטאַטן, און אויך פאַרשטעלן איי ניקע סוביעקטן פון יענער פינצטערער צייט.” (שמ״רס „געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַדעס”, „מענטשן־פריינט”, 1891).

די פּיעסע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, איז געווען אַ דראַמאַטיזאַציע פון זיין ראָמאַן „דער יידישער פריץ”. ער האָט פון דעם געמאַכט אַ לעבנס־בילד אין פיר אַקטן. דער שטאַרק־דראַמאַטישער אינהאַלט פונעם ראָמאַן, ווי אויך פון דער פּיעסע, איז געווען געבויט אויף דער טעמע: „פּוימעניקעס” — די יונגע יידישע יינגלעך (קאַנטאָניסטן), וואָס מ'פלעגט כאַפּן, כדי אָוועקצוגעבן זיי פאַר סאָלדאַטן. ער האָט דאָרט טאַקע אויך פאַרגעשטעלט אין אַ קאָמישן ליכט, די קהלשע דעפּוטאַטן, די קליינ־שטעטלדיקע רבנים, שדכנים און די אַנדערע פאַרשוינען פון יענער צייט. ער האָט דער פּיעסע געגעבן דעם זעלבן נאָמען ווי זיין ראָמאַן — „דער יידישער פּריץ אָדער דער טרייפניאַק”.

שמ״ר האָט זיין פּיעסע געבראַכט צו דעם דירעקטאָר האמערא און זי פֿאָרגעלייענט פֿאַר אים. זי איז אַזוי געפֿעלן געוואָרן דעם דירעקטאָר, אַז ער האָט זי באַלד אָפּגעקויפֿט פֿאַר הונדערט רובל, און צוגעזאָגט דעם אויטאָר צו צאָלן אויך פֿופֿצן רובל פֿאַר יעדער פֿאָרשטעלונג.

אײדער די פּיעסע איז צוריקגעקומען פֿון פּעטערבורג אַ צענזורירטע, האָט זיך האמערא צעקריגט מיט די אַקטיאָרן און איז אַוועק פֿון טעאַטער.

דער נייער דירעקטאָר, וואָס איז אָנגעקומען אויף זיין פּלאַץ, איז געווען יוסף לערנער, אַן אַדוואָקאַט, וועלכער איז פֿריער געווען דער דירעקטאָר פֿון אַ פּראָווינציזישן טעאַטער אין בוקאַרעשט, רומעניע.

צו פֿאַרקלענערן די אויסגאַבן פֿון טעאַטער, האָט לערנער זיך אַריבער־געקליבן אין דעם קלײנעם „רעמעסלענעם״ (האַנטווערקער)־קלוב, און זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט גרויס ענטוזיאַזם. ער האָט צוגעצויגן צו זיין טעאַטער די שוישפּילער הער און מאַדאַם זילבערמאַן, מאַדאַם סאָפּיע גאָלדשטיין (שפּעטער קאַרפּ) און הער בוים. ער האָט אויך צוזאַמענ־געשטעלט אַ גרויסן כאָר פֿון יונגע מענער און פֿרויען, און אַלס אויטאָר פֿאַרן טעאַטער האָט ער אַנגאַזשירט שמ״רן, אויף אַ מאָנאַטלעכן געהאַלט פֿון הונדערט מיט פֿופֿציק רובל.

גאַנצע צוויי חדשים האָט די טרופּע שטודירט דעם „יידישן פּריץ״. פּראָבן זיינען געמאַכט געוואָרן צוויי מאָל אַ טאָג, אַזוי אַז די אַקטיאָרן האָבן געקענט זייערע ראָלן אויף אויסנווייניק. עטלעכע מוזיקאַלישע נומערן זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן אין דער פּיעסע, צו וועלכע שמ״ר אַליין האָט פֿאַרפֿאַסט די לידער.

עס איז די פּרעמיערע פֿון „יידישן פּריץ״. שמ״ר און זיין פֿרוי זיצן אין טעאַטער און מיט קלאַפּנדיקע הערצער פֿאָלגן זיי נאָך דעם שפּילן פֿון די שוישפּילער: וועלן די אַקטיאָרן געדענקען די ווערטער פֿון זייערע ראָלן? וועט, חלילה, ניט טרעפֿן אַ סיבה מיט די דעקאָראַציעס? וועט די פּיעסע געפֿעלן ווערן דעם עולם? אָט די געדאַנקען האָבן אָנגעפֿילט זייערע מוחות.

ניט שמ״ר, ניט זיין פֿרוי און ניט י. לערנער מיט די שוישפּילער, האָבן זיך געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז די פּיעסע וועט האָבן אַזאַ ריזיקן דער־פֿאָלג. מיט יאָרן שפּעטער האָט שמ״ר באַשריבן וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין טעאַטער יענע נאַכט:

„איך אַליין, אַלס פֿאַרפֿאַסער פֿון ׳יידישן פּריץ׳, בין געוויס פּסול לעדות. ווען איך וועל אַליין דערציילן וואָס דעמאָלט איז געווען, וועט מען

מיר געוויס ניט גלויבן. נאָר די אַקטיאָרן, וואָס האָבן דאָן געשפּילט אין דער פּיעסע, ווי הער מאָגולעסקאָ, שיינגאָלד און מאַדאַם גאָלדשטיין, זיי קאָנען עדות זאָגן, אַז דער דערפאָלג פון דער פּיעסע וואַר אַ ריזענהאַפטער. מען האָט נאָך ביז יענעם אָוונט ניט געהערט דאָס פּובליקום אַזוי אַפּלאָדירן. מען האָט קיין מאָל ניט געזען אַ פּובליקום אַזוי גערירט ווי דעמאָלט. קיין אויג איז ניט טרוקן געבליבן; אַלע, אָן אויסנאַמען, זיינען געווען אַזוי צופרידן, דאָס מען האָט יעדן אַקטיאָר און יעדע שוישפּילערין אומצייליקע מאָל אַרויסגערופן. מיך האָט מען מיד געמאַכט מיט דעם אַרויסרופן. אויך דעם הער לערנער האָט מען עפנטלעך באַדאַנקט פאַר דעם, וואָס מען האָט אַזאַ שטיק אויפגעפירט.״ (שמ״רס „מענטשן־פריינט״, 1891.)

צוליב דעם גרויסן דערפאָלג פון דער פּיעסע, האָט י. לערנער זיך אַריבערגעצויגן אין גרויסן מאַרינסקי טעאַטער, וואו די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן יעדן אָוונט גאַנצע צוויי חדשים מיט געפאַקטע הייזער.

שמ״רס פּאָפּולאַריטעט איז שטאַרק געוואַקסן. גאַנץ אָדעס האָט וועגן אים און זיין טעאַטער־שטיק גערעדט. ער איז געווען גליקלעך וואָס זיין פּיעסע האָט אַזאַ גרויסן פינאַנציעלן דערפאָלג, ווי אויך וואָס זי האָט געהאַט אַזאַ קינסטלערישן דערפאָלג. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער „יידישער פּריץ״ איז געווען פון די ערשטע פּיעסן אין יידישן טעאַטער, וואָס האָט געהאַט אַן ערנסטן אינהאַלט, און אין וועלכער עס זיינען געשילדערט געוואָרן געוויסע חסרונות, נעגאַטיווע שטריכן פונעם יידישן לעבן אין יענער צייט. אויך איז אין דער פּיעסע צום ערשטן מאָל געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו צו שילדערן ריכטיקע רעאַלע בילדער פון מענטשן.

יאָ, שמ״ר איז געווען גליקלעך, און ניט ווייניקער גליקלעך איז געווען דינה. זי, וועלכע האָט מורא געהאַט, אַז איר אומפּראַקטישער מאַן וועט ניט קאָנען באַזאָרגן מיט ברויט זי און אירע קינדער, האָט שוין איצט געוואוינט אין אַ גרויסער, שיינער דירה; האָט געהאַלטן ניט נאָר אַ דינסט־מיידל, נאָר אויך אַן אַם פאַר איר ניי־געבוירענעם ייִנגעלע, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם זיידן, יצחק־אייזיק. איר היים איז איצט געוואָרן דער צענטער פון יידישן אָדעס, וואו משכילים, שרייבער, אַקטיאָרן, מוזיקער און סתם פריינט, פלעגן זיך צונויפקומען און מיט ליבע און רעספּעקט אַרומרינגלען איר שיינעם און טאַלאַנטפולן מאַן.

דער גרויסער ענטוזיאַזם, מיט וועלכן די פּיעסע איז אויפגענומען

געוואָרן ביי די טויזנטער יידן אין אָדעס, האָט שמ״רן קלאָר געמאַכט די ליבשאַפט, וואָס דאָס יידישע פּובליקום האָט פאַרן יידישן טעאַטער, ווען, נאַטירלעך, מ׳גיט זיי גוטע פּיעסעס. ער האָט באַדויערט וואָס אַחוץ דעם יידישן טעאַטער אין אָדעס, איז אין גאַנץ רוסלאַנד קיין אַנדער טעאַטער ניט געווען.

ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ טרופּע שוישפּילער, וועלכע זאָלן אַרומפאָרן „גאַסטראָלירן״ אין פאַרשיידענע שטעט.

אָבער וואו זאָל ער נעמען אַקטיאָרן פאַר דעם צוועק? די וועלכע ער האָט געקענט און פון וועמען ער האָט געהערט, זיינען געווען אַנגאַזשירט אין זיין טעאַטער, אָדער אין אַ טעאַטער אין רומעניע. ער האָט ענדלעך באַשלאָסן צו אַנאָנסירן אין די צייטונגען, אַז די יעניקע יונגע מענער און יונגע פרויען, וואָס האָבן דעם ווילן צו שפּילן אויף דער יידישער בינע, זאָלן זיך מעלדן צו אים.

אין די עטלעכע וואָכן נאָך דעם, איז שמ״רס הויז געווען איבערפילט מיט קאַנדידאַטן פאַר דער יידישער בינע. ער האָט אויסגעפּרובירט זייערע פעיאיקייטן, געבנדיק זיי קליינע ראָלן איינצושטודירן, און האָט נאָכ־דעם אויסגעקליבן די יעניקע, וועלכע האָבן עס געשפּילט מיט מער אָדער ווייניקער טאַלאַנט. צווישן די וועלכע ער האָט דעמאָלט אויסגעקליבן און האָבן זיך שפּעטער אויסגעצייכנט און זיך דערוואָרבן נעמען אויף דער יידישער בינע, זיינען געווען: די הערין געליס, האַלאַניו, קלענער, גאָלובאָק, קויפמאַן און אָסטראָווסקי; די מאַדאַם געליס, פריילין זאַקס און פריילין לעוויצקי, די לעצטע — שפּעטער די באַוואוסטע סאַראַ אַדלער, די פרוי פון גרויסן יעקב אַדלער.

אין דער זעלבער צייט וואָס ער האָט געשריבן ראָמאַנען פאַר עטלעכע „פירמעס״, און געקליבן און צוגעגרייט יונגעלייט און מיידלעך אויפצוטרעטן אויף דער יידישער בינע, האָט שמ״ר אויך אָנגעשריבן זיין צווייטע פּיעסע, „דער בעל־תשובה״, אַ דראַמאַטיזירונג פון זיין ראָמאַן מיטן זעלבן נאָמען.

ווען ער האָט די פּיעסע איינגעשטודירט מיט זיין נייער טרופּע, איז ער מיט זיי אָוועקגעפאָרן קיין ניקאָלאַיעוו, כדי דאָרטן זי אויפצופירן. דאָס איז געווען אין פרילינג, 1881.

קירצלעך נאָך זייער אָנקומען אין יענער שטאָט, איז דער צאַר אַלעק־סאַנדער דער צווייטער דערשאָסן געוואָרן אין פּעטערבורג, און אין

יעליסאַוועטגראַד איז אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אויף יידן.

די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד זיינען אַזוי צעשראָקן און צעטומלט געוואָרן פון די געשעענישן, אַז טעאַטער איז זיי אין קאָפּ ניט געלעגן. שמ״ר האָט אָבער געפּילט די אחריות פאַר זיינע אַקטיאָרן, — אַלע פון זיי אָרעמע יונגע מענטשן, וועלכע האָבן זיך איינפאַך געגויטיקט אין ברויט. האָט ער געדונגען אַ טעאַטער, און אונטער דעם נאָמען פון אַ „דייטשישן טעאַטער״, האָט ער זיין נייע פּיעסע אויפגעפירט. די פּיעסע האָט געהאַט אַ דערפאָלג, אָבער די מורא פאַר אַ פּאָגראָם האָט אוממעגלעך געמאַכט אָנ־צוגיין מיט די פאָרשטעלונגען. מיט אַ גרויסן פינאַנציעלן פאַרלוסט האָט ער פאַרמאַכט דעם טעאַטער. די פּיעסע האָט ער איבערגעגעבן צו די אַקטאָירן, מיט דער דערלויבעניש אויפצופירן זי וואו זיי האָבן נאָר געוואָלט, ניט פאַרלאַנגענדיק פון זיי קיין האָנאָראַר. די טרופּע האָט אַביסל שפּעטער, ווען עס איז געוואָרן רואיקער, געשפּילט די פּיעסע, מיט גרויס דערפאָלג, אין כערסאָן, יעקאַטערינאָסלאַוו, כאַרקאָוו און קיעוו.

דעם זעלבן זומער פון 1881 האָט שמ״ר געקראָגן אַ דערלויבעניש פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פון קעשענעוו צו שפּילן דאָרט יידיש טעאַטער.

מיט אַ טרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון חיימאָוויטש, קאַרפּ, צוקערמאַן, בויקע, נאַכאַמקוס, קויפמאַן, פריילין זאַקס, פריילין לעוויצקי און זשעני גאָלדפאַדען (אַ שוועסטער פון אברהם גאָלדפאַדען), האָט שמ״ר געעפנט אַ טעאַטער אין קעשענעוו און אויפגעפירט, מיט גרויס דערפאָלג, זיינע פּיעסעס „דער בעל־תשובה״ און „דער יידישער פּריץ״. דאָרט האָט ער אויך צום ערשטן מאָל אויפגעפירט זיין היסטאָרישע מעלאָדראַמע „די שפּאַנישע אינקוויזיציע״ און זיין אָפּערעטע „דער נדר״.

ווינטער 1882 האָט זיך שמ״ר מיט זיין טרופּע צוריקגעקערט קיין אָדעס. צוזאַמען מיט אברהם גאָלדפאַדענען און יוסף לערנערן אַלס שותפים, האָט ער געעפנט דעם גרויסן מאַרינסקי־טעאַטער, און ווידער אָנגעגעבן, פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אַ „דייטשער טעאַטער״.

מען האָט צוגעצויגן צו דער טרופּע די טאַלאַנטפולע שוישפּילער מאָגולעסקאָ, ספּיוואַקאָווסקי, הער און מאַדאַם גראַדנער און מאַדאַם עדעל־שטיין, און אַנגאַזשירט אַ גרויסן כאָר און אַ גרויסן אָרקעסטער. אין יענעם יאָר האָט גאָלדפאַדען אָנגעשריבן און אויפגעפירט זיינע צוויי פּרעכטיקע ווערק „שולמית״ און „בר־כוכבא״, און שמ״ר — זיינע דערפאָלגרייכע לעבנס־בילדער: „דער קאַטאָרזשניק״, „אייזערנע פּרווי״, „דער פּראָצענט־

ניק״ און „קאָקעטע דאַמען״. ער האָט אויך אַדאַפּטירט און אויפגעפירט גאָגאָלס באַרימטע קאָמעדיע „דער רעוויזאָר״.

צווישן גאָלדפאַדענען און שמ״רן האָט געהערשט אַ זייער פריינטלעכע און וואַרעמע באַציאונג. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן טיף רעספּעקטירט. יעדער פון זיי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַ געוויסער אַרבעט: גאָלדפאַדען — מער אויפן געביט פון אָפּערעטע, און שמ״ר אויפן געביט פון דראַמע.

אין יענער צייט איז די באַציאונג צום טעאַטער פון אַלעמען, וואָס זיינען געווען מיט אים פאַרבונדן, געווען אַ זייער איבערגעגעבענע. מיין מוטער פלעגט אָפט רעדן און דערציילן פון יענעם פעריאָד, וועלכער איז געווען איינער פון די פאַרביקסטע און גליקלעכסטע אין איר לעבן. ווען זי האָט וועגן דעם גערעדט, פלעגט זי אויפלויכטן; אירע אויגן האָבן געגליט און אירע באַקן האָבן געפלאַמט, ווי עפּעס אַ פייער וואָלט זיך אין איר אָנגעצונדן. זי האָט דערציילט פון דעם אידעאַליזם, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין באַצוג צום יידישן טעאַטער, סיי ביי די שרייבער און סיי ביי די אַקטיאָרן. די בינע איז געווען זייער טעמפּל, זייער רעליגיע. זי האָט דערציילט פון גאָלדפאַדענס און דעם פאָטערס אומדערמידלעכער אַרבעט ביי דער אויפפירונג פון אַ נייער פּיעסע. מען האָט ניט גערוט ביז יעדע איינצלהייט איז געווען פולקאָם. זי האָט איבערגעגעבן פון דער ליידנשאַפטלעכער ליבע צו דער בינע פון אייניקע אַקטיאָרן, ווי מאָגו־לעסקאָ, גראַדנער, ספּיוואַקאָווסקי און אַנדערע, וועלכע האָבן אָפט געשפּילט צוויי אָדער דריי ראָלן אין איין פּיעסע, ניט ווייל עס האָבן אויסגעפעלט אַקטיאָרן, נאָר ווייל זיי האָבן אַזוי געגאַרט צו זיין אויף דער בינע.

עס איז אָבער ניט באַשערט געווען דעם דאַרטיקן טעאַטער זיך ווייטער צו אַנטוויקלען. די צאַרישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן דאָס יידישע טעאַטער. די טרופּע איז פאַנאַנדערגעפאַלן. אַ טייל פון די שוישפּילער איז אַוועק קיין רומעניע, אַ טייל — אין אַנדערע לענדער, און אייניקע האָבן זיך געלאָזט קיין אַמעריקע.

מיט יאָרן שפּעטער האָט א. גאָלדפאַדען, אין אַ בריוו צום פאָטער, באַרירט יענע עפּאָכע אין אָדעס, און אונטערגעשטראָכן דעם פאָטערס ביישטייער צו דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן טעאַטער. שרייבט גאָלד־פאַדען:

„ווען איך בין געקומען מיט מיינע פּיעסעס דאָס ערשטע מאָל קיין רוסלאַנד אין אונדזער ציוויליזירטער אָדעס, איז די קריטיק אויף מיר אָנגעפאַלן, וואָס איך פאַשע דעם עולם מיט ׳באַלאַגאַנשטשינע׳ און גיב

זיי ניט קיין ׳לעבנס־דראַמעס׳. נאָר איידער איך האָב ׳פּאָספּעיעט׳ מיך אַרומצוקוקן און אָנשרייבן נייע פּיעסעס פאַר דעם נייעם עולם, זייט איר, ה׳ שייקעוויטש, ווי אַ מלאך מיר אונטערגעקומען און מיר געהאָלפן, ביז איך וועל מיך אויסרוען, מיט אייערע ׳לעבנס־דראַמעס׳. ווי געדאַנקט האָב איך אייך פונעם האַרצן, און ווי אַנטציקט בין איך געווען, ווען איך האָב געזען אויף דער בינע אייערע פּיעסעס: ׳יידישער פּריץ׳, ׳בעל־תשובה׳, ׳שקאָנטיסט׳ און קאַטאַרזשניק׳ — ווי מחיה געווען האָט זיך דאָס יידישע פאָלק, אַז ער האָט דערזען זיינע יידישע טיפּן, זיין לשון, זיין לעבן און זיך אַליין.״ (שמ״רס „נאַציאָן״, 1902.)

קאפיטל 12

שמ"רס העברייאישע דערציילונגען.—גיט אַרויס אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל „בילדער פון לעבן" אין דעם זשורנאַל „דער ליטוואַק"

ווי ער איז נישט געווען פאַרנומען מיט שרייבן און אויפפירן טעאַטער־שטיק, מיט צוציען און דערציען נייע שוישפילער פאַר דער יידישער בינע, מיט אַרומפאָרן מיט זיין טרופּע און געבן פאַרשטעלונגען אין פאַרשיידענע שטעט — פונדעסטוועגן האָט שמ"ר געפונען צייט צו שרייבן ראָמאַנען און דערציילונגען ניט נאָר אין יידיש, נאָר אויך אין דער העברייאישער שפּראַך.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז שמ"ר איז געווען אַ משכיל, און האָט זייער ליב געהאַט די העברייאישע שפּראַך, אין וועלכער ער האָט אָנגעהויבן זיין שרייבערישע קאַריערע. אין יענער צייט האָט ער אָנגעשריבן אַ ראָמאַן מיטן נאָמען „הנדחת", אויך די העברייאישע דערציילונגען: „אחרית צדיקים", „טעות גוי", „כויה תחת כויה", „מומר להכעיס" און אַנדערע. אייניקע פון זיי זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין גאַטלאָבערס „הבוקר אור". שמ"ר האָט אויך פאַרפאַסט אַ סעריע העברייאישע דערציילונגען אונטערן נאָמען „סיפּורים פון יודקע שמערקעס", וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן ליטעראַרישן דערפאָלג. זיי זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין דער דייטשער שפּראַך דורך דר. שלמה מאַנדעלקערן, און זיינען דערשינען אין דער דייטשער „אַלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס".

דער גרויסער דערפאָלג פון זיינע יידישע און העברייאישע דערציילונגען און ראָמאַנען האָט רייך געמאַכט זייערע אַרויסגעבער, אָבער ניט זייער שרייבער. שמ"ר האָט באַקומען אַ נישטיקן האָנאָראַר, און עס איז אים גאָר קיינמאָל אויפן זינען ניט אַרויף צו פאָדערן מער.

ווען דער יידישער טעאַטער איז פאַרמאַכט געוואָרן, און שמ"ר האָט פאַרלאָרן די הכנסה וואָס ס'האָט אים אַריינגעבראַכט, האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל, מיט דער האָפענונג צו פאַרבעסערן זיין עקאָנאָמישע לאַגע.

ראָזע שאָמער־באַטשעלים

אין יענער פֿינצטערער צייט אין רוסלאַנד, איז געווען פֿאַרבאָטן אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל אין יידיש. די רעגירונג האָט ניט געוואָלט, אַז די יידישע באַפֿעלקערונג זאָל זיך גייסטיק און קולטורעל אַנטוויקלען. ווי אַזוי־זשע האָט שמ״ר געקאָנט אַרויסגעבן אַ זשורנאַל? ער האָט „באַשווינדלט״ די רעגירונג אויפֿן פֿאָלגנדיקן אופֿן: ער האָט דעם זשורנאַל אַ נאָמען געגעבן „בילדער פֿון לעבן״ מיט אַן אונטער־קעפּל: „כאַראַקטעריסטישע דערציילונגען, קאָמעדיעס, פֿאָלקס־לידער, אַנעקדאָטן, גרויסע העכסט־אינטערעסאַנטע ראָמאַנען און עפּיגראַמען״. אויף יעדן נומער איז געווען אָנגעגעבן וועלכער טייל עס איז. אין דער אמתן האָט דער זשורנאַל געהאַט פּאָליטישע און פּאָפּולערע וויסנשאַפֿטלעכע אַרטיקלען, אויפֿקלערונגען וועגן נאַטור, פּעליעטאָנען, עפּיגראַמען א. אַז. וו. דאָס אַלץ האָט שמ״ר אַליין אָנגעשריבן. קיין ראָמאַנען זיינען אין זשורנאַל ניט געווען. דער זשורנאַל איז דערשינען אַ יאָר צייט.

עס שרייבט א. וועוויאָרקאַ: „די דאָזיקע ׳בילדער פֿון לעבן׳ קאָנען גערעכנט ווערן פֿאַר די פֿאָרגייער פֿון די באַרימטע פּרצעס ׳בלעטלעך׳.״ („רעוויזיע״, ז. 55)

עס איז סוף 1884.

מיטן פֿאַרמאַכן פֿונעם יידישן טעאַטער, האָט די שטאָט אָדעס פֿאַרלאָרן איר חן ביי שמ״רן. ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך דעם רוישיקן טעאַטער־לעבן. ער האָט געבענקט צו שרייבן טעאַטער־שטיק, צו מאַכן פּראָבן און אויפֿצופֿירן זיינע, ווי אויך גאָלדפֿאַדענס, פּיעסעס. ער האָט אַפֿילו געבענקט נאָך די האַרץ־קלאַפּעניש, וואָס ער האָט געשפּירט ביי דער פּרעמיערע פֿון די אויפֿפֿירונגען פֿון זיינע פּיעסעס. אָן דעם אַלעמען איז אָדעס פֿאַר אים געוואָרן גרוי און לאַנגווייליק.

אין דער דאָזיקער שטימונג, האָט ער איין טאָג דערהאַלטן אַ בריוו פֿון קיעוו, וואָס האָט אים געגעבן אַ זיסן ציטער פֿון דערוואַרטונג. דער בריוו איז געווען פֿון דער פֿירמע לעווין־עפּשטיין, אין וועלכן שמ״ר איז איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען קיין קיעוו מיטן צוועק, אַז ער זאָל שרייבן פֿאַר זיי ראָמאַנען.

קיעוו! שמ״ר האָט געהערט אַ סך פֿון אָט דער שטאָט. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז אַ גרויסע און זייער שיינע שטאָט, אין וועלכער עס געפֿינט זיך אַ גרויסע יידישע באַפֿעלקערונג.

אַ געדאַנק איז אים דורכן קאָפּ דורכגעלאָפן: אפשר וועט ער קאָנען אין קיעוו אָרגאַניזירן אַ יידישן טעאַטער?

ער האָט זיך באַראַטן מיט דינהן וועגן אַריבערפאָרן אַהין, און פאַר־געלייגט, זי זאָל מיט אים מיטפאָרן. נייך, פאַר איר וועט זיין אוממעגלעך צו פאָרן מיט אים און איבערלאָזן די פיר קינדערלעך מיט דער דינסט־מיידל און אַם, און צו פאַרבלייבן אין אָדעס אָן איר מאַן האָט זי אויך ניט געוואָלט.

שמ״ר האָט זיך פאַרטראַכט: ווי וואָלט געווען, ווען זי און די קינדער זאָלן פאָרן אויף אַ באַזוך קיין פינסק אויף אַ קורצער צייט?

דער פּלאַן איז דינהן געפעלן געוואָרן. שוין זעקס יאָר ווי זי האָט פאַרלאָזן די שטאָט פון איר געבורט. שוין אַזוי לאַנג ניט געזען די עלטערן, די שוועסטער, די ברידער און פריינט, וועמען זי האָט דאָרט איבערגעלאָזן.

מאַן און ווייב האָבן זיך גענומען גרייטן צו זייערע רייזעס. די זאַכן זיינען פאַרפאַקט געוואָרן; דאָס מעבל און די שטוב־זאַכן זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן; דאָס דינסט־מיידל און די אַם זיינען אָועקגעשיקט געוואָרן. אָפּ־געזעגנט זיך מיט זייערע פריינט און באַקאַנטע, האָבן זיך די וועגן פון דינהן און נחום־מאירן צעשיידט: אירער — אין דער ריכטונג פון איר געבורט־שטאָט פינסק, און זיינער — אין דער ריכטונג פון דער אומ־באַקאַנטער און פיל־צוזאָגנדיקער שטאָט — קיעוו.

קאפיטל 13

שמ״ר דער ציוניסט

פון זיין פריסטער יוגנט, איז שמ״ר געווען אַ ציוניסט. ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער גלאַררייכער פאַרגאַנגענהייט פון זיין פאָלק און לאַנד, און זיין האַרץ האָט געבלוטיקט אויף דעם פינצטערן גורל פון זיי ביידן. אין העברייאישע שירים, ווי אויך אין אַרטיקלען און אין יידישע לידער, האָט ער אויסגעגאָסן דעם ווייטיק, וואָס האָט זיין האַרץ אָנגעפילט:

„וואו נעמט מען צו ווייגען אַזוי פיל טרערן,
צו באַוויינען ציון ווי אַ געטרייע קינד?
פאַרדונקלט איז איר הימל און אירע שטערן,
שוואַרץ און פאַרוויסטעט שטייט זי אַצינד.

זי הייסט שוין ניט ווירטין, ניטאָ שוין די יאָרן,
ביי אירע דינסטן, איז זי אַ דינסט געוואָרן;
פאַרשוואונדן איז איר כבוד, איר שיינקייט, איר פראַכט,
זי איז איצט געוואָרן צו שפּאָט און צו שאַנד,
יעדערער מאַכט חוזק, יעדערער לאַכט
פון בת־ציון, מיין פאַטערלאַנד.״

ווי אַ הייסער נאַציאָנאַליסט, איז זיין גרויסער באַגער געווען, אַז ארץ־ישראל זאָל צוריק אויפגעריכט ווערן, און אַז די פאַרוואַגלטע יידן זאָלן זיך צוריק אומקערן צו זייער אַלטער היים. ער האָט עס באַטראַכט ווי דעם איינציקן וועג, אין וועלכן די יידישע פראַגע קאָן געלייזט ווערן.

אין קיצור האָט ער אָנגעשריבן אַ ראָמאַן, אין וועלכן ער האָט די דאָזיקע אידייע פּראָפּאַגאַנדירט. ער האָט אַ נאָמען געגעבן דעם ראָמאַן „אַ רפואה פאַר דער מכה״. די רפואה איז באַשטאַנען אין צוריקקערן זיך פון די יידן קיין ארץ־ישראל.

אונדזער פאָטער שמ״ר

אַט האָבן מיר שמ״רס אַ ליד, וואָס באַווייזט אונדז קלאָר זיינע געפילן צו ארץ־ישראל:

„ווער וויינט דאָס און שרייט מיט אַ ביטערן קול
און רייסט מיט איר יאָמער דעם הימל?
ווער גיסט דאָס טרערן גאָר אָן אַ צאָל,
געריבט איז איר שלאָף און איר דרימל?

באַקאַנט איז די שטימע, דער אַלטער קלאַנג,
איר הערט דאָס אין יעדער מדינה.
דאָס וויינט און קלאָגט שוין לאַנג, זייער לאַנג
די מוטער פּאַלעסטינע.

ווי איז מיר און ווינד!
זאָגט, וואו איז מיין קינד?
אַוואו איז ער פאַרשוואונדן?
שוין צוויי טויזנט יאָר
טראָג איך, מוטער, נאָר
אַ האַרץ מיט שווערע וואונדן.

טאָ גיט מיר אָפּ מיין גליק,
מיין קינד גיט צוריק!
מיין גאַנצער לעבן, מיין טרייסט איז ער.
וויפל איז דער שיעור.
צו פּלאָגן זיך און מיר?
מיין קינד, קום שוין אַהער.

געבראַכט האָט מען מיר אַ גרוס פון מיין קינד,
אַז ער איז מיט מעלות כסדר.
ער לערנט אַלץ אויס גיך און געשווינד
און איז דער בעסטער אין חדר.

זיין חכמה איז גרויס, שטאַרק דער פאַרשטאַנד,
דער שכל איז זייער אַ גלייכער.
און ווי נאָר ער קומט אַריין אין אַ לאַנד,
מאַכט ער זי שענער און רייכער.

ראָזע שאָמער־באַטשעליס

ער מאַכט מאַסן געלט,
ער מאַכט רייך די וועלט,
און אַליין איז ער אין סכנות.
מען נוצט אים גאָר אויס,
מען וואַרפט אים אַרויס,
מען האָט אויף אים קיין רחמנות.

טאָ זיי־זשע שוין קלוג, און זאָל זיין גענוג
זיך דרייען אין גלות אַזוי ווי אַ ווינט.
וויפל איז דער שיעור צו פּלאָגן זיך און מיר?
צו מיר, אָ, צו מיר, קום מיין קינד.

דערציילט האָט מען מיר, אַז גאָר אָן אַ סוף
פּלאָגט מען די אייניקלעך מיינע.
מען שלאַכטעט, מען קוילעט אַזוי ווי די שאָף
יענקעלעס קינדער די פיינע.

ניטאָ איין אָרט אויף דער גאַנצער ערד
וואו זיי האָבן ניט געליטן.
ניטאָ איין פאָלק, וואָס האָט מיט זיין שווערד
יענקעלעס פלייש ניט געשניטן.

זיינע הייזער פאַרברענט,
זיינע טעכטער געשענדט,
קינדערלעך געוואָרפן אין פלאַמען.
פון צרות אָן עק, פון שטענדיקער שרעק
פאַרגעסן האָט ער זיין מאַמען.

נו, גיב־זשע זיך אַ ריר
און קום גיך צו מיר,
געגנוג שוין זיין טויב און בלינד.
וויפל איז דער שיר צו פּלאָגן זיך און מיר?
צו מיר, אָ, צו מיר קום, מיין קינד.״

אַ גאַנץ יאָר איז שמ״ר אָפּגעווען אין קיעוו, אָבער זיין חלום צו אָרגאַניזירן דאָרטן אַ יידישן טעאַטער איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. סוף יאָר, ווען די פירמע לעווין־עפּשטיין האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע, איז ער מיט זיי מיטגעפאָרן, און ווידער אַמאָל צוליב דער זעלבער סיבה, וואָס האָט אים געבראַכט קיין קיעוו: ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אין וואַרשע שפּילט אַ יידיש טעאַטער.

דאָס מאָל איז ער ניט אַנטוישט געוואָרן, ווייל אַ יידיש טעאַטער האָט דאָרט טאַקע געשפּילט אונטער דער דירעקציע פון די שוישפּילער הער און מאַדאַם טאַנצמאַן.

צוויי יאָר איז שמ״ר אָפּגעווען אין וואַרשע. ער פלעגט אָפט באַזוכן זיין פאַמיליע אין פּינסק, און פאָרן צוריק קיין וואַרשע, צום יידישן טעאַטער. דורך דער צייט, וואָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט, זיינען אַלע זיינע פּיעסעס אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג. ער האָט דאָרט אויך אויפ־געפירט זיין נייע טעאַטער־שטיק „די געטרייע פרוי״ — אַ דראַמאַטיזירונג פון זיין ראָמאַן „דער בלוטיקער אַדיע״.

אין יאָר 1887, ווען שמ״ר איז אַנגאַזשירט געוואָרן ביים גרויסן פאַר־לאַג האלמנה והאחים ראָם אין ווילנע, צו שרייבן ראָמאַנען אויסשליסלעך פאַר אים, איז ער אַוועקגעפאָרן אין יענער שטאָט, וואו ער האָט פאַרבראַכט ביי אַ יאָר צייט.

זומער 1888 האָט זיך שמ״ר צוריקגעקערט צו זיין פאַמיליע קיין פּינסק.

נ. מ. שייקעוויטש, שמ״ר

אין דער עלטער פון 42 יאָר, אין יאָר 1888

פערטער טייל

עראינערונגען
וועגן מיין פאָטער שמ״ר

קאַפּיטל 14

דערינערונגען

ווען איך קער זיך אום מיט מיין בליק צו דער פאַרגאַנגענהייט און פּרוביר אַרויסצוברענגען דאָס ערשטע געדעכעניש, וואָס איך האָב פון מיין פאָטער, זע איך פאַר זיך אַ גרויס פענצטער, ביי וועלכן איך בין געשטאַנען אויף אַ שטול, און מיט אַ קלאַפנדיק הערצל אויסגעקוקט זיין אָנקומען פונעם וואָקזאַל.

דאָס איז געווען אין פּינסק, אין יאָר 1888. דער פאָטער, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם ווילנער פאַרלאַג „ראָם" און האָט אין ווילנע פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט, האָט עס פון דאָרטן באַדאַרפט אָנקומען.

איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר פינף־זעקס, אָבער איך געדענק מיט אויסערגעוויינלעכער קלאָרקייט יענעם מאָמענט.

איך געדענק קלאָר מיין פריידיקן אויסגעשריי, ווען די דראָזשקע, אין וועלכער מיין פאָטער איז געזעסן, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים הויז. לעבן פאָטער איז געזעסן מיין מוטער און מיין ברודער אברהם, דאַן אַ ייִנגל פון אַ יאָר דרייצן, וועלכע האָבן באַגעגנט דעם פאָטער אויפן וואָקזאַל. ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין הויז, זיינען זיי באַגעגנט געוואָרן מיט אויסגעשרייען פון פרייד פון מיינעביידע שוועסטערלעך, מאַניעלע, חנהלע, און מיר.

איך געדענק קלאָר דעם פאָטערס אויסזען פון יענער צייט: אַ הויכער, אַ פעסט־געבויטער, מיט אַ קורץ־געשוירן בלאָנד בערדל, שוואַרצע האָר, אַ הויכער ווייסער שטערן און לאַכנדיקע גרוי־בלויע אויגן. געטראָגן האָט ער אַן אַנצוג פון גרויען געקעסטלטן שטאָף, און אַ ווייכן, גרויען הוט.

ער האָט מיינע שוועסטערלעך צערטלעך געקושט, און איך געדענק מיין פרייד, ווען ער האָט מיך אויפגעהויבן און האַרציק אָנגעקושט.

מיט דעם צוריקקער פונעם פאָטער אַהיים, איז דאָס שטיל לעבן ביי אונדז אין הויז געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערש. כמעט שטענדיק איז עס געווען פול מיט מענטשן — די מיטגלידער פון מיין מוטערס פאַמיליע, ווי אויך

פאַרשיידענע פּריינט און באַקאַנטע. אין די אָונטן פלעגט קומען צו אונדז דער שטאָט־חזן מיט זיינע משוררים, און די לידער, וואָס זיי האָבן געזונגען, — חזנישע, טעאַטער־ און פאָלקס־לידער, — געדענק איך נאָך ביז היינטיקן טאָג. אַך, ווי שווער עס איז געווען דעמאָלט פאַר אונדז קינדער צו גיין שלאָפן, ווען אין שטוב איז געווען אַזוי פריילעך און לעבעדיק און פול מיט געזאַנג! דער זודיקער סאַמאָוואַר איז געשטאַנען אויפן טיש, און דער מאַמעס פלאָדן און פּוטער־קיכלעך פלעגן אַזוי גוט שמעקן. וויינענדיקע, פּראָטעסטירנדיקע, פלעגן מיר, איך און מיינע שוועסטערלעך, זיך לייגן אין אונדזערע בעטלעך, און מקנא געווען דעם ברודער, וואָס אים האָט מען דערלויבט צו זיין אויף.

מיין מוטער איז געווען זייער אַ שיינע: אַ הויכע, אַ שיין־געבויטע, מיט ברוינע לעבעדיקע אויגן, מיט ברוינע זיידענע האָר, וואָס זי האָט פאַרקעמט הויך אויפן קאָפּ. זי פלעגט זיך געשמאַקפול קליידן, און איז געווען, וואָס מען רופט אַן אַ „דאַמע". זי איז ניט געווען קיין צוגעלאָזענע, — אַ ביסעלע שטרענג, און מיר, קינדער, האָבן אַ ביסעלע מורא געהאַט פאַר איר.

דערפאַר אָבער האָבן מיר ליב געהאַט אונדזער פאָטער. ער איז געווען צערטלעך און האָט אַרויסגעוויזן אונדז, קינדער, אַ סך ליבע. ער פלעגט זיך מיט אונדז שפּילן, האַלדזן און קושן, און ניט איין מאָל אונדז געמאַכט וויינען פון אַ קוש, וועלכער האָט געלאָזט צייכנס פון זיינע ציינער אויף אונדזערע בעקלעך.

דער גרעסטער „קרבן" פון אונדז אַלעמען איז געווען מיין שוועסטערל חנהלע. זי איז געווען די יינגסטע, אַ ווייכינקע, אַ גראָבינקע, מיט וואונדער־באַרע צוויי שוואַרצע גרויסע אויגן. מיט איר האָט ער געמאַכט אַ סך שפּאַס: ער האָט איר איינגערעדט, אַז זי „לייגט אייער", — ווען זי פלעגט אויפשטיין פון אָרט, פלעגט דאָרטן ליגן אַן איי, וואָס ער האָט אונטער־געוואָרפן. דאָס ערשטע מאָל, ווען דאָס האָט פּאַסירט, האָט זיך חנהלע שטאַרק פאַרשעמט. אָבער ביסלעכווייז איז זי אַזוי צוגעוואוינט געוואָרן צו געפינען אַן איי אויף איר שטול, אַז זי פלעגט שוין אַליין זאָגן: „פּאַפּאַ, איך האָב שוין ווידער געלייגט אַן איי." איין מאָל האָט זי, צו איר איבער־ראַשונג, געפונען אויף איר שטול אַ הערינג אַנשטאָט אַן איי. נו, נו, האָבן מיר דאָס אַלע געלאַכט! אָבער מער פון אַלעמען האָט געלאַכט דער פאָטער, — אַזוי שטאַרק געלאַכט, אַז טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן.

זייער שטאַרק האָבן מיר ליב געהאַט צו הערן די מעשיות, וואָס ער פלעגט אונדז דערציילן. ווי נאָר ער האָט זיך צוגעלייגט אויף דער סאָפע, פלעגט אונדזער דריילינג אים באַפאַלן, ער זאָל אונדז דערציילן אַ מעשה. וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע מעשיות מיר פלעגן הערן, און ווי ער פלעגט זיי אונדז דערציילן! מיר זיינען געשפרונגען פון באַגייסטערונג און אינ־טערעס. נאָר אין די סאַמע אינטערעסאַנטסטע מאָמענטן, פלעגט ער פלוצלינג איבערהאַקן, און זיך בעטן ביי אונדז, מיר זאָלן אים לאָזן שלאָפן, און אַז ער וועט דאָס איבעריקע דערציילן מאָרגן. דערביי האָט ער זיך איבער־געדרייט מיטן פנים צו דער וואַנט, און זיך געמאַכט שלאָפנדיק. האָבן מיר אָנגעהויבן אַ געבעט, ער זאָל ווייטער דערציילן, און דערביי אים שלעפן ביי די הענט, קלאַפן אין געזיכט, און גלאַט אַזוי טרייסלען. דאַן פלעגט ער מיט אַ באַהאַלטענעם געלעכטער עפענען די אויגן און פרעגן, וואו ער האַלט. פלעגן מיר אַלע מיט אַמאָל אים אָנהויבן צו דערמאָנען. מאַכט ער זיך ניט־פאַרשטייענדיק. און וואָס מער מיר דערמאָנען אים, אַלץ מער פאַרגעסט ער. אָבער, ווען ער האָט זיך שוין „דערמאָנט”, זיינען מיר באַ־לוינט געוואָרן מיט דעם איבעריקן טייל פון דער מעשה, וואָס האָט אונדזערע הערצלעך אָנגעפילט מיט פאַרגעניגן און פרייד.

אָפט פלעגט ער ביי אונדז פאַרלאַנגען מיר זאָלן איבערדערציילן זיינע אַ מעשה. מיר האָבן דאָס געטאָן מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט און מיט דער זעלבער מימיקע און באַטאָנונג, ווי זיינע. ניט אַלע מאָל אָבער איז עס אונדז אַזוי לייכט אָנגעקומען, צוליב זיין שטיפערישקייט. איין מאָל, צום ביישפיל, האָט ער געהייסן מאַניעלען אים איבערדערציילן די „מעשה מיטן האָן”. האָט זי אָנגעהויבן:

— אַמאָל איז געווען אַ טאַטע מיט אַ מאַמע. האָבן זיי געהאַט אַ מיידל, ביי וועלכן עס האָט באַדאַרפט זיין תנאים. האָט מען זי געשיקט צו אַ שוחט קוילענען אַ האָן. גייענדיק אַהין, איז דער האָן אַריינגעפלויגן אין אַ פאַסטקע...

דאָ האָט איר דער פאָטער אונטערבראָכן:

— וואַרט אַ ווײַלע, מאַניעלע. ביי וועמען האָט באַדאַרפט זיין תנאים, ביים האָן?

— ניין, ניט ביים האָן, — ענטפערט מאַניעלע, — ביים מיידל.

— ביי וועלכער מיידל? — פרעגט זי דער פאָטער מיט פאַרוואונדערונג.

— ביי דעם מיידל, וואָס דער טאַטע מיט דער מאַמע האָבן געהאַט, — ענטפערט מאַניעלע.

ראָזע שאָמער־באַטשעלים

— וואָס פאַר אַ טאַטע מיט אַ מאַמע?

הויבט מאַניעלע ווידער אָן דערציילן די מעשה פון אָנהויב. און ער הויבט איר ווידער אָן שטעלן פראַגן. ווען ער שטעלט איר די פראַגע:

— ווי אַזוי קאָן אַ מיידל אַריינפליען אין אַ פּאַסטקע? — שרייט שוין מאַניעלע אויס מיט כעס:

— ניט דאָס מיידל איז אַריינגעפלויגן אין דער פּאַסטקע, נאָר דער האָן! — און צעוויינט זיך אויפן קול.

צעלאַכט זיך אונדזער שטיפערישער פאָטער, כאַפּט זי אַרום און הויבט זי אָן קושן.

אַלע מעשיות, וואָס ער פלעגט אונדז דערציילן, האָבן געהאַט אין זיך אַ מאָראַל: ניט צו זאָגן קיין ליגן! צו זיין גוט צו אַן אָרעמאַן! ניט צו פאַרלאַנגען צופיל, ווייל דער, וואָס פאַרלאַנגט צופיל, ווערט גאָרניט האָבן, א. אַז. וו. די ווירקונג, וואָס די מעשהלעך האָבן געהאַט אויף אונדז, איז אומבאַשרייבלעך.

ביז היינטיקן טאָג פילן מיר זייער מאָראַלישע ווירקונג!

דעם זעלבן יאָר וואָס ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּינסק, האָט דער פאָטער דאָרט אָרגאַניזירט אַ יידיש טעאַטער.

די טעאַטער־געביידע איז געשטאַנען אין אַ סאָד, פול מיט הויכע ביימער און פרוכט־ביימלעך. די געביידע איז געווען אַ הילצערנע, מיט לאָזשעס פוןביידע זייטן פון דער בינע. קיין הינטערשטע וואַנט צו דער געביידע איז ניט געווען, ווייל דאָרטן איז געווען צוגעבויט די „גאַליאָרקע", אַ מין סאָרט הילצערנער בריק, פון וואַנען מען האָט געקאָנט זען די בינע. קיין שטולן אָדער בענק זיינען אויף דער „גאַליאָרקע" ניט געווען.

די טרופּע, וואָס דער פאָטער האָט צוזאַמענגעשטעלט, איז געווען אַ גרויסע. זי איז באַשטאַנען מערסטנס פון שוישפּילער, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן אין וואַרשע. צווישן די שוישפּילער האָבן זיך געפונען: עליִאַס ראָטשטיין, אַ גוטער זינגער; שליפּערשטיין, אַ כאַראַקטער־קאָמיקער: פיינשטיין, פישזאָן, בערמאַן און אַנדערע. די פּרימאַדאָנע איז געווען פרייליין אַדעלע זינגער (שפּעטער פראַנט), וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ שיינע סאָפּראַנאָ־שטימע. דער פאָטער האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט אַ כאָר פון יונגע מענער און פרויען. צווישן די יונגעלייט האָבן זיך געפונען עטלעכע משוררים פון דער פּינסקער שול.

די פּיעסעס, וועלכע מען האָט אויפגעפירט, זיינען געווען דעם

דינה — שמ״רס פרוי

50 יאָר אַלט

פּאָטערס: „דער בעל־תשובה", „יידישער פּריץ", „אַ קלאָפּ פאַר אַ קלאָפּ", און „פּראַצענטניק", ווי אויך א. גאָלדפאַדענס „שולמית", „קאַלדוניע", און „דאָקטאָר אַלמאַסאַדע".

עפּעס ווי אַ מעשה פון „טויזנט און איין נאַכט" איז יענע צייט פאַר מיר פאַרבליבן. די קאָלירטע לעמפּלעך פון דער בינע; דער סאַמעטענער פאַרהאַנג, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרונטערגעלאָזן צווישן די אַקטן; די מוזיק; די אַקטיאָרן; די הונדערטער מענטשן, וואָס זיינען געקומען אין טעאַטער; דער גרויסער גאָרטן מיט די שמעקנדיקע פּרוכט־ביימער; דער הויכער גוי מיטן רויטן העמדל, וועלכער פלעגט אונדז פאַר־קויפן „סאַכאַרנע מאָראָזשענע" („אייז־קרים") פון אַ פעסל, וואָס ער פלעגט טראָגן אויפן קאָפּ. היינט די פּראָבן, וואָס מען פלעגט אין אונדזער הויז מאַכן! מיר, קינדער, האָבן ליב געהאַט צו זען, ווי אונדזער פאָטער לערנט די אַקטיאָרן וואָס צו טאָן, ווי צו גיין, וואו צו שטיין! אָבער נאָך מער פון אַלץ האָבן מיר ליב געהאַט צו הערן, ווי די אַקטיאָרן זינגען די לידער וואָס אונדזער פאַפּאַ האָט פאַרפאַסט. אַ כישופדיקע צייט איז דאָס פאַר אונדז געווען! אַן אומפאַרגעסלעכע צייט!

דער יידישער טעאַטער האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין פּינסק. יונג און אַלט זיינען געלאָפן זען די פאָרשטעלונגען. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס די איינוואוינער פון פּינסק האָבן געזען יידיש טעאַטער. אפילו דער רוסישער פּאָליצמייסטער מיט זיינע מקורבים פלעגן אָפט קומען אין טעאַטער צו די פאָרשטעלונגען. וואו מען איז געגאַנגען און וואו מען איז געשטאַנען, האָט מען געהערט זינגען די טעאַטער־לידער, און געהערט שמועסן וועגן די פּיעסעס, וואָס מען האָט אויפגעפירט. עפּעס איז דאָס גרויע אַלטעגלעכע לעבן פון דעם בלאָטיקן שטעטל פּינסק אויפגעפרישט און אויפגעמונטערט געוואָרן.

לאַנג האָט דער טעאַטער ניט עקזיסטירט. באַלד זומער האָט דער פאָטער אים פאַרמאַכט. עס האָט אים געלאָקט צו גרעסערע זאַכן. אים האָט געצויגן אין די ברייטערע וועלטן.

אין יענער צייט איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן מיט בריוו פון אַמעריקע. יידישע אַקטיאָרן האָבן אים איינגעלאַדן צו קומען אַהין, צו זייער טעאַטער אין ניו־יאָרק.

קאַפּיטל 15

שמ״ר פאָרט קיין אַמעריקע

פאָרן קיין אַמעריקע אין יענער צייט איז געווען אַ ריזיקע, עפּעס אַ מוראדיקע זאַך, — עס האָט געמיינט איינפאַך דאָס לעבן איינשטעלן. דער פאָטער האָט אָבער באַשלאָסן צו פאָרן, און איז טאַקע געפאָרן. אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אונדז דערקלערט, אַז ער איז אַהין געפאָרן צוליב אונדז, קינדער, כדי צו שאַפן פאַר אונדז בעסערע מעגלעכקייטן זיך צו בילדן און אַנטוויקלען.

דעם טאָג פאַר זיין אָפּפאָר איז ביי אונדז אין הויז געווען ווי ערב יום־כיפּור. דאָס הויז איז פול געווען מיט מענטשן, וואָס זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט אים. אַלע האָבן געוויינט — מיין מוטער, אירע עלטערן, די ברידער, שוועסטער און פריינט. אַפילו אונדזער דינסטמיידל, באַשע, האָט פאַרגאָסן ביטערע טרערן.

מיר, קינדער, זיינען נאָך געווען צו יונג צו פאַרשטיין די באַדייטונג פון דעם שריט, וואָס אונדזער פאָטער גייט מאַכן. מיר זיינען אָבער אַ היפּש ביסל צעטומלט געווען פון דעם אַלעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן ביי אונדז אין הויז. אָבער ווען איך האָב דערהערט, ווי דער זיידע דערציילט דער מאַמען, אַז דער פאָטער האָט „פאַרסטראַכירט״ זיין לעבן אין פאַל אויב מיט אים וועט עפּעס פּאַסירן אויף דער רייזע, האָב איך זיך שטאַרק דער־שראָקן. ליגנדיק אין בעטל יענע נאַכט נאָך מיין פאָטערס אָפּפאָרן, ווען איך האָב דערהערט דאָס וויטע טרויעריקע פייפן פון דער באַן, האָב איך ביטער געוויינט. איך האָב געטראַכט, אַז אויף דער באַן זיצט מיין טייערער פּאַפּע, אַז ער פאָרט ווייט אַוועק פון אונדז, און אַז מיר וועלן אים ניט זען פאַר אַ לאַנגער, לאַנגער צייט.

און אָט איז געקומען פּסח, דער ערשטער סדר. מיין מוטער, ברודער, מיינע ביידע שוועסטערלעך און איך זיצן אַרום טיש אומעטיקע, מיט פאַר־קלעמטע הערצער, ווייל דער פּאַפּאַ איז ניט מיט אונדז, נאָר ווייט, ווייט ערגעץ אויפן ים. מיין מוטער זאָגט די הגדה, און הייסע טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן. זי באַרואיקט זיך, הייסט אונדז עסן אַלע גוטע זאַכן, וואָס

די דינסט דערלאַנגט, אָבער מיר האָבן ניט קיין אַפּעטיט. די מוטער הויבט אָן זינגען „חד־גדיא״ און הייסט אונדז מיטזינגען, אָבער עס זינגט זיך נישט. ווי קאָן מען זינגען, ווען דער פּאַפּאַ איז ניטאָ? אַ טרויעריקער, זייער טרויעריקער סדר איז עס געווען אָן אים.

אַ יאָר צייט זיינען מיר געווען אין פּינסק אָן אונדזער פּאָטער, אָבער מיר האָבן אים אויף איין ווײַלע ניט פאַרגעסן. מיר האָבן שטענדיק גערעדט וועגן אים, און אַרויסגעקוקט אויף זיינע בריוו. ער האָט געשריבן צו דער מוטער, אַז ער איז אין ניו־יאָרק אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד, ניט נאָר דורך די אַקטיאָרן, נאָר אויך דורך די דעמאָלטיקע צייטשריפטן און בכלל — דורך דעם יידישן עולם, און אַז צו זיין קבלת־פּנים האָט מען אויפגעפירט זיין פּיעסע „די קאָקעטע דאַמען״, וואו ער איז באַגריסט געוואָרן מיט שטורעמדיקע אָוואַציעס. ער האָט אויך מיטגעטיילט, אַז ער איז געוואָרן אַ שותף מיט די שוישפּילער זיגמונד מאָגולעסקאָ און חיימאָוויטש (הײנע) אין זייער טעאַטער אין ניו־יאָרק, און אַז זיי האָבן אויפגעפירט זיין ניי טעאַטער־שטיק „רבקה״ מיט אַן אומגעהויער־גרויסן דערפאָלג. און דער עיקר — אַז ער גרייט זיך אונדז אַלעמען אינגיכן אַריבערצונעמען צו זיך.

ניין, מיר האָבן אונדזער פּאָטער ניט פאַרגעסן, און יעדע נאַכט, איידער מיר, קינדער, זיינען געגאַנגען שלאָפן, האָבן מיר אָפּגעזאָגט קריאת־שמע, אָפּגעוואונטשן דער מאַמען, דעם זיידן מיט דער באָבען, דעם ברודער און אַלע גוטע פריינט אַ „גוטע נאַכט״, און אויך געוואונטשן דעם טאַטן אַ „גוטן טאָג״, ווייל ווי מען האָט אונדז געזאָגט, איז טאָג אין ניו־יאָרק ווען עס איז נאַכט אין פּינסק. מיר האָבן פאַרענדיקט אין דער שטיל:

„אָבער דעם קייסער זאָל ניט זיין קיין גוטע נאַכט, ווייל ער איז ניט „גוט צו יידן!״

פרייטיק־צונאַכט און די שבתים און יום־טובים פלעגן מיר פאַרברענגען ביים זיידן (מיין מוטערס פאָטער). איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָט די וואונדערלעכע אָוונטן און וואונדערלעכע טעג.

מיין זיידע, ר׳ מיכל בערטשינסקי, איז געווען אַ מין סאָרט „אַדוואָקאַט״ און דער פירער פון פּינסק. ער איז געווען זייער אַ קלוגער ייד, האָט געהאַט אַן אָפענע האַנט, און די אָרעמעלייט פון שטאָט האָבן אים ממש פאַרגעטערט. ער איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער ייד, אַ חסיד, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער געקענט גוט רוסיש, און מען פלעג צו אים קומען נאָך עצות.

עס זײַנען געקומען פון די אָרעמסטע פּויערן ביז די רײַכסטע „פּאַמעש־טשיקעס״ (פּריצים), ניט נאָר פון פּינסק, נאָר אויך פון די אַרומיקע שטעט. מײַן מוטער פלעגט דערציילן, אַז דער גראַף וויטע, פון דעם קייזערלעכן הויף, פלעגט אָפט באַזוכן אונדזער זיידן, כדי צו הערן פון אים אַ מיינונג וועגן וויכטיקע פּאָליטישע פראַגן.

אַ פרייטיק־צונאַכט. דעם זיידנס גרויס הויז איז העל באַלויכטן פון דעם בליץ־לאָמפּ, וואָס הענגט אין מיטן סטעליע פונעם זאַל, און פינקלט מיט אַלערליי קאָלירן. אין מיטן זאַל — אַ גרויסער, לאַנגער טיש, באַדעקט מיט אַ ווײַסן טישטוך; אויפן טיש — אַ סך אָנגעצונדענע ליכט אין זילבערנע לײַכטער, און אַ סך זילבערנע כּלים. אַלץ איז צוגעגרייט צו דער וועטשערע, און אַלע פרויען אין הויז — די באָבע, מײַן מוטער, אירע דריי יינגערע שוועסטער און מיר, קינדער — וואַרטן ביז די מענער וועלן קומען פון שול. ווען מיר, קינדער, האָבן דערהערט זייערע טריט, זײַנען מיר אַנטקעגן געלאָפן צו דער טיר. דער ערשטער איז אַרײַנגעקומען מײַן הויכער, שיינער זיידע מיט דער ווײַסער באָרד. דערזעענדיק אונדז, קינדער, האָט ער מיט אַן אויסרוף „מאָרדע ביי יום־טוב״, וועלכן ער האָט אַזוי ווי אַרויס־געזונגען, יעדע פון אונדז מיידלעך אויפגעהויבן און אַ קוש געטאָן אויף דער „מאָרדע״.

נאָך אים זײַנען אַרײַן זײַנע צוויי זין, דוד און יהושע (יונגע גימנאַזיסטן), מײַן ברודער אברהם, דער חזן פון שטאָט און זײַנע משוררים, און עטלעכע אורחים.

מײַן באָבע יענטל, אַ קורצינקע, אַ פעטינקע, אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד, מיט עטלעכע שנורן פּערל אַרום האַלדז און לאַנגע בריליאַנטענע אויער־רינגען אויף די אויערן, האָט אַרײַנגעטראָגן אַ גרויסן געפלאָכטענעם קוילעטש, וואָס זי אַליין האָט אויסגעבאַקן. מען האָט זיך געוואַשן און זיך צעזעצט צום טיש. דער זיידע האָט געמאַכט קידוש מיט אַ גרויסן זילבער־נעם בעכער, און מען האָט גענומען עסן. צווישן די געריכטן האָט מען געזונגען זמירות, אויך חזנישע ניגונים. אָבער דאָס ריכטיקע זינגען האָט זיך אָנגעהויבן ערשט נאָכן עסן. דער חזן מיט זײַנע משוררים, מײַנע פעטערס דוד און יהושע, וועלכע האָבן פאַרמאָגט פּרעכטיקע שטימען, און אַלע איבעריקע אין הויז, האָבן מיטגעזונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך געדענק, ווי זיצנדיק אויף אַ שטול ביים טיש, האָב איך זיך ביטער געראַנגלט מיטן שלאָף, וועלכער האָט מיר געהאַלטן אין איין פאַרמאַכן די

אויגן. איך האָב אַזוי ניט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן, איך האָב אַזוי געוואָלט הערן דאָס שיינע געזאַנג...

שבת בייטאָג פלעגט אונדז די מוטער נעמען אויפן פעלד, אויסער דער שטאָט. עס איז געווען אַזוי גוט צו זיין אויפן פעלד, צו לויפן איבער די גרינע לאָנקעס און קלייבן געלע, ווייסע און בלויע בלימעלעך, וועלכע האָבן אַזוי מחיהדיק געשמעקט. אַ גאַנצע וואָך האָבן מיר, קינדער, געוואַרט אויף דעם שבת, ווען מיר וועלן ווידער גיין זיך שפּילן אויף דעם שמעקעדיקן פעלד.

אין די אָוונטן, ווען מיין מוטער פלעגט אַוועקגיין צו באַזוכן אירע עלטערן אָדער פריינט, האָבן מיר, קינדער, זיך אַרומגעזעצט אַרום באַשען, אונדזער דינסט, און זי האָט פאַר אונדז געזונגען לידלעך.

באַשע איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ שוואַרצן שייטל אויפן קאָפּ און מיט שוואַרצע, טרויעריקע אויגן. פון מיין מוטער האָבן מיר געהערט, אַז באַשעס מאַן האָט זי אַוועקגעוואָרפן און איז ערגעץ פאַרשוואונדן.

מיר האָבן זייער ליב געהאַט באַשען, און זי אונדז אויך. כמעט יעדן אָוונט, מיט חנהלען אויפן שויס, און מיט מיר און מאַניעלען לעבן איר, האָט זי פאַר אונדז געזונגען אַלערליי פאָלקס־לידלעך. דאָס פאָלגנדיקע ליד איז געווען איר ליבלינג, — אפשר דערפאַר, וואָס עס האָט אויסגעדריקט איר אייגענעם פּיין און בענקשאַפט:

„אוי, וואָס־זשע גייסטו פאַרדאַגהט און פאַרטרויערט?
וואָס האָסטו אַזוינס אָנגעוואָרן?
וואָס האָסטו אַזוינס אָנגעוואָרן?
נעכטן ביינאַכט האָב איך אים איין מאָל געזען,
האָב איך מיין שטאָלץ אָנגעוואָרן.

אוי, מאַמעניו מיינע, מאַמעניו פיינע,
שוויג אַ ביסעלע שטיל,
שוויג אַ ביסעלע שטיל.
ווילסטו מיר לעשן מיין העלישן פייער? —
טאָ גיב־זשע מיר וועמען איך וויל.

אונדזער פּאָטער שמ״ר

חברטעס מיינע, חברטעס פיינע,
נעמט זיך אַלע צונויף, קומט אַלע צו מיר,
איר זאָלט זיך ניט דערוועגן אַ ליבע צו שפּילן,
נאָר נעמען אַ ראיה פון מיר.

אוי, מיינע צרות, מיינע מכות האָבן מיך אַרומגערינגלט
אַזוי ווי אַ באַנדאַר די פאַס.
אַזוי ווי אַ באַנדאַר די פאַס.
היינטיקע צייטן טאָר מען דעם שענסטן בחור ניט גלויבן,
אַזוי ווי אַ הונט אויפן גאַס.״

מיין ברודער אברהם איז געגאַנגען אין גימנאַזיע; העברייאיש האָט מיט אים געלערנט אַ לערער, וואָס איז געקומען צו אונדז אַהיים. פאַר מיר מיט מאַניעלען האָט די מוטער געדונגען צוויי לערער — איינעם פאַר חומש און צו לייענען און שרייבן יידיש, און דעם צווייטן צו לערנען מיט אונדז רוסיש.

אונדזער העברייאיש־יידישער לערער איז געווען אַ הויכער, דאַרער ייד מיט אַ גרויסן גאַרגל, וואָס האָט זיך געריקט אַרויף און אַראָפּ, ווען ער האָט גערעדט, און אויף וועמעס רעכטער האַנט ס'האָט געפעלט אַ פינגער. דער לערער האָט מיך גערופן „ראַזשינקע" און אַריינקומענדיק אין הויז פלעגט ער פרעגן: „נו, ראַזשינקע, האָסט היינט געמאַכט דיין אוראָק?" ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז איך האָב דעם „אוראָק" ניט געמאַכט, האָט ער מיך באַשטראָפט מיט דעם, וואָס ער פלעגט אַראָפּנעמען דעם וויכן זיץ פון דעם שטול, און מיר הייסן זיצן אויף די האַרטע ברעטלעך אַ האַלבע שעה.

אונדזער רוסישער לערער האָט געהייסן איינבינדער. ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיק, רירעוודיק יידל, מיט אַ שפּיציק שוואַרץ בערדל און ברילן אויף דער נאָז.

איך פלעג מיינע רוסישע „אוראָקן" גוט צוגרייטן, אָבער מאַניעלע — ניט. זי האָט אָבער געהאַט אַזאַ גוט קעפּל אויף זיך, אַז זי האָט געקענט די „אוראָקן" אויף אויסנווייניק פון דעם, וואָס זי האָט געהערט ווי איך שטודיר זיי איין. ווען איינבינדער האָט זי געכאַפּט זאָגן דעם „אוראָק" אויף אויסנווייניק, אַנשטאָט צו לייענען אים פון בוך, האָט ער מיט אַ סאַר־קאַסטישן טאָן איר געהייסן פאַרלאָזן דעם טיש דורכן „פּאַראַדנעם כאָד", וואָס האָט געמיינט פון אונטערן טיש.

ראָזע שאָמער־באַטשעליס

איך לייען בשתיקה מיין פאָטערס ראָמאַנען

קענענדיק שוין לייענען יידיש, האָב איך איין מאָל געפונען אין הויז מיין פאָטערס אַ בוך, און עס אָנגעהויבן צו לייענען. די געשיכטע איז געווען אַזאַ אינטערעסאַנטע, אַז איך האָב דאָס בוך ממש איינגעשלונגען. נאָך דעם האָב איך דורשטיק דורכגעלייענט וואו נאָר עס איז געווען דעם פאָטערס אַ ווערק אין הויז. מיין מוטער איז געווען קעגן דעם, איך זאָל לייענען ראָמאַנען אין מיין עלטער, האָב איך זיי געלייענט אין געהיים. און אָפט, ווען מיין מוטער איז ניט געווען אין דער היים, פלעג איך פאַרלייענען אַ ראָמאַן אין דער הויך פאַר מיינע שוועסטערלעך. מאַניעלע פלעגט זייער ליב האָבן זיך צוצוהערן, אָבער חנהלע, אינגאַנצן אַ יאָר פיר, איז נאָך געווען צו יונג עס צו פאַרשטיין. פלעגט זי שטיין „אויף דער וואַך" ביים פענצטער, און אונדז אָנזאָגן אויב עמעצער קומט. אויף איר סיגנאַל פלעגט דאָס בוך גלייך פאַרשוואונדן ווערן ערגעץ אונטער אַ קישן, און מיר האָבן זיך געמאַכט ווי מיר שפּילן זיך מיט אונדזערע צאַצקעס.

וואָס מיר האָט שטאַרק אימפּאָנירט ביים לייענען אַלס קינד מיין פאָטערס ראָמאַנען, איז געווען, ערשטנס, די אינטערעסאַנטע מעשיות, וואָס ער האָט דערציילט; און, צווייטנס, די וואונדערבאַרע פּרויען, וואָס ער האָט געשילדערט. זיי זיינען געווען אַזוינע שיינע, מיט גאָלדענע אָדער פעך־שוואַרצע האָר, וואָס זיינען געהאַנגען איבער אַלבאַסטער־ווייסע שולטערן. זייערע הענט זיינען געווען ווייס און צאַרט; זיי האָבן גערעדט און זיך אויפ־געפירט שיין און איידל, און געטראָגן האָבן זיי אַזוינע שיינע קליידער פון העל־קאָלירטן זייד; זיי פלעגן אַרומשפּאַצירן אין גערטנער, וואָס זיינען פול געווען מיט בלומען. זייערע נעמען זיינען געווען אַזעלכע קלינגענדיקע, ווי בלומע, פערעלע, ראָזאַליע. דאָס אַלץ האָט מיך שטאַרק פאַרכאַפּט. ווי אַנדערש עס איז אַלץ געווען אַרום מיר! ניט קיין בלומען, ניט קיין גערטנער; די מערסטע פון די פרויען, וואָס איך האָב געזען — אַזוינע איינפאַכע, מיט שייטלעך אויף די קעפּ; זייערע קליידער אַזעלכע טונקעלע; און גערעדט האָבן זיי מיט הויכע, גרילצנדיקע שטימען. ניין, מיר איז ליבער געווען מיין פאָטערס שיינע וועלט מיט זיינע שיינע מענטשן, און מיט טיפער בענקעניש אין האַרצן — האָב איך זיך צו זיי צוריקגעקערט.



האָדעס — שמ״רס מוטער

אין עלטער פון 90 יאָר

ראָזע שאָמער־באַטשעליס

מיין באָבע האָדעס

אין יענעם יאָר האָבן מיר געהאַט אַ גאַסט אין פּינסק — מיין פאָטערס מוטער, די באָבע האָדעס.

מיין פאָטערס פאַמיליע איז אונדז געווען אומבאַקאַנט, ווייל אַלע מיט־גלידער פון דער משפּחה האָבן געוואוינט אין פאַרשיידענע שטעט. מיין פאָטערס ברודער, יאָשע, אַן אַדוואָקאַט, האָט מיט זיין פאַמיליע געוואוינט אין קעשענעוו; אַ צווייטער ברודער, לאַזאַר, מיט זיין משפּחה, האָט גע־וואוינט אין סלוצק; זיין איינציקע שוועסטער, מילקע, און זיין ייִנגסטער ברודער, גבריאל, האָבן געוואוינט אין לוסק, וואו זייער מוטער, האָדעס, מיט איר צווייטן מאַן, ליפשיץ, האָבן אויך געלעבט.

די באָבע האָדעס איז אַלט געווען אַ יאָר זעכציק, ווען זי האָט אונדז באַזוכט. זי האָט נאָך אַלץ געפירט אַ גרויס אַפּטייק־געשעפט אין איר שטאָט, און עס איז טאַקע געווען אַ געשעפט־אָנגעלעגנהייט, וואָס האָט זי געבראַכט קיין פּינסק.

זי איז געווען אַן אימפּאָזאַנטע פּערזענלעכקייט. הויך, שלאַנק און רירעוודיק, און האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ און מיט ווירדע. אָנגעטאָן איז זי געווען עלעגאַנט, אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד, מיט ווייסע קרוזשעוועס אַרום האַלדז, און אויפן קאָפּ, איבער איר פּאַרוק, האָט זי געטראָגן אַ טוך פון שוואַרצן בליאָנד.

קיין צוגעלאָזענע איז זי ניט געווען, און זי האָט זיך געהאַלטן אַביסל פון דער ווייטן. דאָס, וואָס אונדז, קינדער, איז אַמבעסטן געפעלן געוואָרן אין איר, זיינען געווען די גוטע זאַכן, וואָס זי האָט אונדז געבראַכט: פאַר־שיידענע געטריקנטע פיש (קאָפּטשאָנקעס), אַלערליי קאָנפעקטן, און שאַכט־לעך מיט מאַרמעלאַד. ווי קאָנען אַזעלכע גוטע זאַכן ניט געפעלן ווערן?

מיין מוטער האָט זי ניט ליב געהאַט, און זי מיין מוטער — אויך ניט. דערפאַר אָבער האָט אונדזער פאָטער שטאַרק געהאַלטן פון איר און זי ליב געהאַט. אין רוסלאַנד, ווי אויך דורך די אַלע יאָרן וואָס מיר האָבן געוואוינט אין אַמעריקע, האָט ער צו איר זייער אָפט געשריבן בריוו, און זי צו אים אויך. זי איז געווען זייער שטאָלץ אויף איר נחום־מאירן.

זי איז געשטאָרבן אין דער הויכער עלטער פון 104 יאָר. זי האָט איבערגעלעבט אירע צווי זין, נחום־מאיר און יאָשע, און אויך איר איינציקע טאָכטער, מילקע.

קאַפּיטל 16

מיר געזעגענען זיך מיט פּינסק

אין אַ שיינעם טאָג האָט מיין מוטער דערהאַלטן פון פאָטער שיפסקאַרטעס פאַר אונדז אַלעמען, געלט און אַ בריוו, אַז מיר זאָלן אַלע אַרויספאָרן צו אים קיין ניו־יאָרק.

כאָטש מיין מוטער און איר פאַמיליע האָבן געוואוסט, אַז דער פאָטער וועט אונדז אינגיכן אַרויסנעמען צו זיך קיין אַמעריקע, האָט אָבער דער פאַקט, אַז מיר דאַרפן אַהין פאָרן, געטראָפן אַלעמען ווי אַ דונער פון לויטערן הימל. די גאַנצע שטאָט פּינסק האָט פון דעם גערעדט. כמעט אַלע האָבן געקענט מיין מוטער און אַלע האָבן זי ליב געהאַט. דער געדאַנק, אַז דינה מיכלס, שמ״רס פרוי, פאָרט אַוועק אַזש קיין אַמעריקע, האָט אַלעמען אויפגערודערט. מען האָט געוואוסט, אַז די וואָס פאָרן אַוועק אין דעם ווייטן לאַנד, קערן זיך ניט שוין אום צוריק.

די מוטער האָט גענומען אויספאַרקויפן דאָס מעבל און די גאַנצעווירטשאַפט, און זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער רייזע.

ביז איצט געדענק איך, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ביי אונדז אין הויז דעם טאָג פון אונדזער אָפּפאָרן. עס האָט אויסגעזען ווי גאַנץ פּינסק איז געווען ביי אונדז פאַרזאַמלט. אַ קליינינקייט, אַזאַ „יאַזדע״! מען האָט געוויינט, זיך געקושט און געהאַלדזט, און געשיקט גרוסן צו די, וועלכע זיינען געווען אין דעם ווייטן לאַנד.

מיר, קינדער, זיינען געווען שטאַרק צעטומלט. אַלע האָבן געוויינט — האָבן מיר אויך געוויינט, איבערהויפּט ווען אונדזער אַלטער זיידע האָט אונדז אַריינגענומען אין אַ באַזונדער צימער, און מיט טרערן אין די אויגן, אונדז געבענטשט.

דערפאַר אָבער איז אונדזער ברודער אברהם געווען רואיק. דער „מאַנסביל״ אין הויז, האָט ער זיך געפילט ווי אַ באַשיצער ניט נאָר פון דער מוטער און פון אונדז קינדער, נאָר אַפילו פון אונדזער נייער דינסט ראַניע, און אונדזער קוזינע ביילע, וועלכע זיינען מיט אונדז מיטגעפאָרן קיין אַמעריקע.

עס איז שוין געווען נאַכט, ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום וואָקזאַל. די באַן איז געשטאַנען און געוואַרט, דער לאָקאָמאָטיוו האָט געבלאָזן פון זיך אַ דיקן שוואַרצן רויך, און די רויטע לעמפּלעך האָבן געפינקלט ווי רויטע אויגן.

וויסנדיק, אַז מיר פאָרן צו אונדזער טייערן פּאַפּאַ, זיינען מיר, קינדער, פריילעכע אַריינגעלאָפן אין וואַגאָן. די מוטער, אַ פאַרוויינטע, און די איבעריקע זיינען אויך באַלד אַריין. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ פייף: די באַן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, און פּאַמעלעך זיך אָנגעהויבן צו רוקן. ווען איך האָב דערזען דורכן פענצטער, ווי מיין אַלטער שיינער זיידע און מיין אַלטע באָבע פאָכן צו אונדז מיט די הענט און וויינען, איז מיין יונג הערצל פאַרקלעמט געוואָרן.

„זיי געזונט, זיידעניו! זיי געזונט, באָבעניו! זייט געזונט, גאַסן און פעלדער, וואו מיר האָבן אונדזער קינדהייט פאַרבראַכט! מער וועלן מיר אייך ניט זען!"

מיר פאָרן קיין אַמעריקע

אונדזער רייזע איז געווען אַ לאַנגע און שווערע. צען טעג זיינען מיר געווען אויף דער דייטשער שיף „אויגוסטאַ וויקטאָריאַ". מיר זיינען גע־פאָרן דריטע קלאַס. מיין מוטער, איך, מיינע שוועסטער, ווי אויך אונדזער קוזינעביילע און אונדזער דינסטמיידל ראַניע, האָבן כמעט די גאַנצע צייט געליטן פון ים־קראַנקהייט. איבערהויפּט קראַנק איז געווען ביילע, און דער דייטשער שיף־דאָקטאָר, וואָס איז געקומען זי זען, האָט געזאָגט צו מיין מוטער: „מוטער, ביילע מוז שטאַרבען."

דער איינציקער, וואָס האָט הנאה געהאַט פון דער רייזע, איז געווען מיין ברודער. ער איז גיך געוואָרן גוט־ברודער מיט די אָנגעשטעלטע פון דער שיף, מיט די מאַטראָסן און אַפילו מיטן קוכער, און ער פלעגט אונדז אָפּט אַרונטערברענגען אַפּעלסינען און לימענעס, וואָס דער קוכער האָט אים געגעבן. אין די עס־שטונדן, ווען דאָס גלעקל האָט אָנגעהויבן צו קלינגען און אַ מענער־שטים פלעגט אויסרופן: „קאַפּע האַלען", אָדער „מיטאַג האַלען", אָדער „בראָט און פּוטער האַלען", — פלעגט אברהם לויפן און אַלץ אַריינטראָגן אין אונדזער קאַיוטע.

איין מאָל אַ פאַרנאַכט קומט אברהם אַרונטער זייער אַן ערנסטער, און דערציילט אונדז, אַז די מאַטראָסן האָבן אים געזאָגט, אַז מיר גייען אַריינ־

פֿאַלן אין „שוואַרצן ים״, און אַז מיר זאָלן צוגרייטן די לימענעס מיטן ווייך־עסיק, ווייל עס וועט אויסברעכן אַ גרויסער שטורעם און אונדז וועט ווערן ניט גוט.

איך ווייס ניט צי מיר זיינען טאַקע אַריינגעפאַלן אינעם „שוואַרצן ים״, אָבער אַ שרעקלעכער שטורעם האָט טאַקע אויסגעבראָכן. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אויף דער שיף. דורך די פענצטערלעך פון אונדזער קאַיוטע האָבן מיר געזען אומגעהויער־גרויסע כוואַליעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ריזיקע בערג, וועלכע האָבן געוואָרפן די שיף ווי אַ שפענדל אין ים. דער ווינט האָט געיאָמערט און די שיף האָט געפייפט. אַ שרעק האָט אַרומגענומען אַלע פּאַסאַזשירן; קינדער האָבן געוויינט, פרויען האָבן געשריגן, מענער האָבן תּפילות אָפּגעריכט. שעהן־לאַנג האָט דער שטורעם אָנגעהאַלטן. ווען דער ים האָט זיך באַרואיקט און דער ווינט איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָבן אַלע געדאַנקט גאָט, וואָס די שיף איז ניט אונטערגעגאַנגען און מען איז געבליבן לעבן.

די אַלע איבעריקע טעג, ווען עס האָט אונדז נאָר אָפּגעלאָזט די ים־קראַנקהייט, האָבן מיר גערעדט פון אונדזער פּאַפּאַ, וואָס וואַרט אויף אונדז אין אַמעריקע.

מיר האָבן געהערט, אַז ער וואוינט אין אַ גרויס הויז מיט עטאַזשן. איך האָב אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע זיך פאָרגעשטעלט אַ ווייס הויז, אין וועלכן מען דאַרף אַרויפגיין אויף אַ סך טרעפּ, און העט־העט אויף אַ באַלקאָן, מיט גירליאַנדעס און בלומען, זיצט מיין שיינער פּאַפּאַ אויף אַ סאַמעטענעם שטול, אָנגעטאָן אין אַ זיידענעם שלאָף־ראָק, און שרייבט שיינע געשיכטעס.

אויפן צענטן טאָג פון אונדזער רייזע אויף דער שיף, האָט מען דערזען לאַנד. אַלע פּאַסאַזשירן זיינען אַרויפגעלאָפן אויפן דעק, און דער פריידיקער געשריי „לאַנד, לאַנד!״ האָט פאַרקלונגען די לופט.

ווען די שיף איז צוגעשוואומען צום ברעג, האָבן מיר דערזען אַ סך מענטשן, וואָס שטייען און וואַרטן. מיר אַלע האָבן אָנגעשטעלט אונדזערע אויגן און געפּרוווט דערזען דעם פּאַטער. מיר זיינען אַ היפּש ביסל אַנטוישט געוואָרן, ווען דאָס איז אונדז ניט געלונגען. פּלוצים איז אַ מאַן צו אונדז צוגעלאָפן און אונדז אָנגעהויבן קושן. מיר האָבן דעם פּאַטער ניט דערקענט. ער האָט זיין באָרד אַרונטערגענומען, און דאָס האָט איבגאַנצן געענדערט זיין אויסזען.

קאַפּיטל 17

מיר זיינען אין אַמעריקע

ווען די איבעררעאַשונג פון דער ערשטער באַגעגעניש איז אַריבער, און מיר זיינען געקומען אַביסל צו זיך, האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין אַ קליינער שיף, וואָס האָט אונדז אַוועקגעפירט פון „קעסל־גאַרדן" קיין ניו־יאָרק. אין דעם גרינעם „בעטערי־פּאַרק", וואָס געפינט זיך האַרט ביים האַפן, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף די בענק. דער פאָטער האָט אונדז געקויפט באַנאַנעס — אַ פרוכט, וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט געזען. ניט ווייסנדיק, אַז מען דאַרף די שאָלעכץ אַרונטערנעמען, האָבן מיר, קינדער, דאָס איינגעביסן, ווי עס שטייט און גייט, און באַלד אויסגעשפּיגן צוליב דעם משונהדיקן טעם, וואָס דאָס האָט געהאַט. דער פאָטער האָט זיך צע־לאַכט און אונדז געוויזן ווי אַזוי דאָס צו עסן. עס האָט אָבער גענומען אַ לאַנגע צייט, ביז מיר האָבן די „קישקעלעך" — ווי מיר האָבן אַ צונאָמען געגעבן באַנאַנעס — ליב באַקומען צו עסן.

מיטן פאָטער איז געקומען אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען גאָלד, וועלכער האָט אים, דעם פאָטער, באַדינט, געפירט דיווירטשאַפט אין הויז, און אויך אויסגעהאָלפן אין דער דרוקעריי, וואָס דער פאָטער האָט געהאַט. מיט דער הילף פונעם מיסטער גאָלד, האָט מען אונדז אַלעמען געבראַכט צום פאָטער אַהיים — אויף אָרטשאַרד סטריט, דוכט זיך, נומער 34.

צוקומענדיק צום הויז, בין איך געוואָרן אַ היפּש ביסל אַנטוישט. אמת, אַ גרויסע הויז, אָבער ניט קיין ווייסע, ניט קיין שיינע, און פון אַ באַלקאָן מיט גירלאַנדעס און בלומען איז אפילו קיין זכר ניט געווען. דערפאַר אָבער זיינען אין הויז געווען טרעפּ — זיינען מיר, קינדער, מיט שמחה אַרויפגעלאָפן די טרעפּ ביזן ערשטן עטאַזש און מיר זיינען מיטן פאָטער אַריין אין שטוב.

דער צימער, וואוהין מיר זיינען אַריין, איז געווען אַ גרויסער, אַ ליכטיקער, מיט צוויי פענצטער צו דער גאַס. אויסער די צוויי אויל־בילדער, לאַנדשאַפטן, וועלכע זיינען געהאַנגען אויף די ווענט, איז דער צימער געווען איינגעאָרדנט ווי אַן אָפיס, מיט שרייב־טישן, שטולן, ביכער, א. אַז.

וו. די פּאָדלאָגע איז געווען באַדעקט מיט אַ שוואַרץ־ווייס געקעסטלטן „לינאָלעאום״.

צוויי קליינע, טונקעלע שלאָף־צימערן האָבן געפירט צו אַ גרויסן, פּירקאָנטיקן צימער, וועלכער האָט געדינט ווי אַן עס־צימער און קיך. פון דעם קאָמבינירטן עס־צימער און קיך איז מען אַריין אין אַ גרויסן, ליכטיקן צימער, וואו עס האָט זיך געפונען דעם פּאָטערס דרוקעריי.

דער פּאָטער האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ וועכנטלעכן זשורנאַל מיטן נאָמען „דער מענטשן־פריינט״. מען האָט אים געזעצט טאָקע אין זיין אייגענער דרוקעריי.

אין יענער צייט איז דער יידישער אימיגראַציע־שטראָם אין אַמעריקע געווען זייער גרויס, איבערהויפּט צווישן די יאָרן 1885 און 1890. דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט איז זייער וויכטיק געווען פאַר די טויזנטער ניי־אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן. אין יענע פינף יאָר זיינען ביז אַ הונדערט יידישע צייטונגען און צייטשריפטן געבוירן געוואָרן איבערן לאַנד. אָבער זייער ווינציק פון זיי זיינען געבליבן לעבן. צווישן די עטלעכע צייטונגען, וואָס זיינען פאַרבליבן, זיינען געווען: „די יודישע גאַזעטען״ (שפּעטער — „דער יידישער טאַגעבלאַט״), „די אַרבעטער־צייטונג״ (1890־1892), „דער יידישער קוריער״ (1887־1892), און „דער טעלעגראַף״ (1890־1899).

קיין זשורנאַלן זיינען כמעט ניט פאַרבליבן. ס'איז דעריבער געווען אַ גרוואַגטקייט פון פּאָטער אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל גלייך ווי ער איז געקומען אין אַמעריקע.

דער זשורנאַל האָט געהאַט זעכצן זייטן מיט יידישע און אַלוועלטלעכע נייעס, וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, אַ ראָמאַן, דערציילונגען, לידער, וויצן, א. אַז. וו. צוויי דריטל פונעם זשורנאַל האָט דער פּאָטער אַליין געשריבן. צווישן זיינע מיטאַרבעטער האָבן זיך געפונען אליקום צונזער, מאָריס ראָזענפעלד, אברהם מיכל שאַרקאַנסקי, ד. מ. הערמאַלין, פּעטריקאָווסקי און אַנדערע. עטלעכע פון די סאַמע ערשטע אַרבעטער־לידער, וואָס מאָריס ראָזענפעלד האָט אָנגעשריבן, זיינען דערשינען אין „מענטשן־פריינט״.

וואָס שייך די געשעפט־זאַכן, האָט דער פּאָטער כמעט גאָרניט געוואוסט. זייענדיק אַן ערלעכער מענטש, האָט ער געהאַט אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי צו מענטשן. האָבן אים טאָקע זיינע אַבאָנענטן און צייטונגס־פעדלער אַזוי באַהאַנדלט, אַז ניט נאָר האָט ער פון זיין זשורנאַל גאָרניט פאַרדינט, נאָר ער האָט דערלייגט דאָס, וואָס ער האָט פאַרדינט פון זיין שרייבן ראָמאַנען פאַר די פאַרלאַגן פון רוסלאַנד.

פון טעאַטער, אין וועלכן ער איז געווען אַ שותּף, איז ער אַוועק אַ פאַרביטערטער און אַנטוישטער פון דער באַציאונג פון די אַקטיאָרן צו אים. די שטימונג אין הויז איז דעריבער געווען אַ שווערע און געדריקטע. אונ־דזער דינסט ראָניע, וועמען די מוטער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון פינסק, און פאַר וועמען זי האָט באַצאָלט אַלע רייזע־הוצאות, איז אַוועק אַרבעטן אין אַ שאַפּ. די מוטער, וואָס איז ניט געוואוינט געווען צו טאָן שווערע הויז־אַרבעט, האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט. ניט אַזאַ לעבן האָט זי דערוואַרט צו האָבן אין „גאָלדענעם לאַנד". אירער אַ לאַנדסמאַן, כאַצקל לעבענדיגער האָט ער געהייסן, פלעגט קומען איר אַביסל אַרויסהעלפן. אַ קליין, דאַר יידל, מיט אַ שוואַרץ בערדל און טרויעריקע אויגן, שוין אַביסל „אויסגעגרינט", האָט ער דאָך שטאַרק געבענקט נאָך דער אַלטער היים. ווען ער פלעגט קומען, האָט ער די שווערע שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין הויז, געמאַכט נאָך שווערער מיט זיין שטענדיקן זינגען דאָס פאָלגנדיקע טרויעריקע לידל:

„איך גיי אַרום אין די גאַסן
איינער אַליין,
איך האָב ניט מיט וועמען צו שפּרעכן,
נאָר צו זיך אַליין.
אוי, איך האָב ניט מיט וועמען צו שפּרעכן,
נאָר צו זיך אַליין.
אין אַ פרעמדער מדינה
פאַרוואָרפן געוואָרן,
פון דיר, גאָט אַליין,
איז געקומען דער צאָרן."

מיינעביידע שוועסטער און איך האָבן אָנגעהויבן גיין אין סקול, און אברהם האָט געלערנט ענגליש אין דער היים. ער איז שוין געווען אַלט גענוג צו פאַרשטיין דעם פאָטערס עקאָנאָמיש־געדריקטע לאַגע, האָט ער גענומען אים העלפן מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט. ער האָט זיך אויס־געלערנט זעצן, און אויך אַרבעטן אויף דער „פּרעס" (דרוק־מאַשין). ער האָט געשלאָסן די געזעצטע „פאָרמס" פון זשורנאַל און אויף אַ „פּושקאַרט" זיי געפירט צום דרוקן צו דער גרויסער גאָלדמאַן־דרוקעריי אויף פּאַרק־ראָו, אַ מהלך פון אַ פּאָר מייל. און דערנאָך, ווען דער זשורנאַל איז אָפּ־

געדרוקט געוואָרן, האָט ער אויך אויף אַ „פּושקאַרט״, אים געבראַכט אַהיים. ער האָט דערנאָך די זשורנאַלן צעטראָגן צו די צייטונגס־פּאַרקויפער אויף די „סטענדס״ און קאָלעקטירט פאַר זיי דאָס געלט. נישט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער, האָט ער זיך אַריינגעטאָן אין געשעפט, און געהאָלפן דעם פּאָטער, וועמען ער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט.

אַ קורצע צייט נאָך אונדזער אָנקומען קיין ניו־יאָרק האָבן די עלטערן באַשלאָסן זיך אַריבערצוקלייבן אין אַן אַנדער דירה. דער פּאָטער האָט געדענקט, אַז ווען זיין דרוקעריי וועט זיך געפינען אין אַ „סטאָר״ מיט אַ טיר צו דער גאַס, וועט אין געשעפט אַריינפאַלן אַביסל „פּרינטינג״־אַרבעט. ער האָט דעריבער געדונגען אַ „סטאָר״ אויף לודלאָו סטריט.

די „סטאָר״ איז געווען אַ לאַנגע, אַ שמאָלע, מיט אַ גרויסן פענצטער און טיר צו דער גאַס. אויפן פענצטער איז אויפגעשריבן געוואָרן אין ענגליש: „נ. מ. שייקעוויטש, בוק ענד דזשאָב פּרינטינג״. הינטער דער „סטאָר״ האָבן זיך געפונען דריי קליינע צימערן מיט אַ קיך, וואו די פאַמיליע האָט געוואוינט.

לודלאָו סטריט איז דעמאָלט געווען דאָס האַרץ פון דער יידישער איסט־סייד פון ניו־יאָרק. דאָרטן האָבן זיך געפונען אַ סך קראָמען, „פּוש־קאַרטס״ און פּעדלער, און אין סך־הכל אַ זייער ענגע און שמוציקע גאַס.

אונדזער דרוקעריי איז געווען אָפן פון גאַנץ פרי ביז ניין־צען אַזייגער אין אָוונט. און דערפאַר האָט דער פּאָטער געהאַט זייער ווינציק צייט צו פאַרברענגען מיט אונדז. ער פלעגט עפענען די דרוקעריי איידער מיר, קינ־דער, זיינען אַוועק אין סקול, און ווען מיר זיינען צוריקגעקומען, פלעגן מיר אים טרעפן ביי זיין שרייב־טיש מיט זיין שטענדיק־רויכנדיקן סיגאַ־רעט אין האַנט, פאַרטיפט אין שרייבן.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענע אומעטיקע כמורנע טעג אויף לודלאָו סטריט. זיי זיינען זיכער געווען די טרויעריקסטע אין אונדזער לעבן. די אָרעמע היים, אונדזער גוטער, אומעטיקער, שווייגנדיקער פּאָפּאָ, אונדזער אומצופרידענע מאַמע, די שמוציקע ענגע גאַס, די רויטע לעמפּ־לעך, וואָס האָבן ביינאַכט געברענט אויף דער צעגראַבענער גאַס לעבן הויז, און האָבן געוואָרפן אַ מאָדנעם טרויעריקן ליכט אויף אַלץ און אַלעמען.

און נאָך אַ זאַך געדענק איך פון יענער צייט:

ביי אונדז אין דרוקעריי האָט געאַרבעט אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען רעזניק, וואָס האָט געליטן פון שווינדזוכט. ער האָט געהאַט אַ שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים און שוואַרצע טרויעריקע אויגן.

יעדן פאַרנאַכט פלעגט צו דער דרוקעריי צוקומען אַן איטאַליענער מיט זיין קאַטערינקע, און פלעגט שטענדיק שפּילן איין און דעם זעלבן מאָטיוו — דאָס ליד פון „טראַוויאַטאַ", וואָס די שווינדזוכטיקע „קאַמיל" זינגט פאַרן שטאַרבן. יעדעס מאָל ווען דער קאַטערינטשיק האָט דאָס געשפּילט פלעגט רעזניק צוקומען צו דער טיר, און שווייגנדיק זיך צוהערן, ווי דאָס וואָלט געווען אויך זיין געזעגעניש־ליד. מיין יונג הערצל פלעגט פאַרקלעמט ווערן דאָס צוזעענדיק. איך האָב אַזוי שטאַרק רחמנות געהאַט אויפן קראַנקן רעזניק.

טרויעריקע, טונקעלע טעג.

לאַנג האָבן מיר אויף לודלאָו סטריט ניט געוואוינט. אין אַ דריי־פיר חדשים אַרום האָבן מיר זיך אַריבערגעקליבן קיין ברוקלין.

איינער אַ מר. פרינדעל, וועמען דער פאָטער האָט געקענט פון אַדעס און האָט איצט געוואוינט אין ברוקלין, האָט איינגערעדט מיינע עלטערן, אַז אין ברוקלין איז דער ריכטיקער פּלאַץ פאַר אונדז צו וואוינען. ערשטנס, ווייל דירה־געלט איז דאָרט פיל ביליקער, און צווייטנס, זיינען דאָרט די הייזער נייע, מיט מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן, ווי אַ באָד, הייס און קאַלט וואַסער, מאַרמאָרנע „סינקס", א. אַז. וו. די עלטערן האָבן זיך געלאָזט איינרעדן און געדונגען דאָרט אַ דירה.

אונדזער נייע דירה האָט זיך געפונען אויף לענאַרד סטריט, אויף אַן ערשטן שטאָק. די געגנט איז געווען אַ נייע, אַ ניט־שטאַרק באַוואוינטע. ס'האָבן זיך דאָרט געפונען פיל נעגערס. איך געדענק מיין שרעק, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען אַ שוואַרצן מענטשן אויף דער גאַס. איך האָב גענומען לויפן און זיך ניט אָפּגעשטעלט ביז איך בין אַריינגעלאָפן אין הויז.

אין דער געגנט איז קיין אַרבעט אין דרוקעריי ניט אַריינגעפאַלן. דער פאָטער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן זיין צווייטן יאָרגאַנג „מענטשן־פריינט", און איין זעצער איז ביי אונדז דאַן געבליבן אַרבעטן — מר. מייטוס.

דאָס לעבן איז ביי אונדז געווען אַ געמוטשעטס, און אין דער פרעמדער ניט־יידישער ברוקלין — נאָך אומהיימלעכער. מער ווי אַ פּאָר חדשים האָבן מיר דאָרט ניט געוואוינט. מיר האָבן זיך צוריק אַריבערגעקליבן קיין ניו־יאָרק. דאָס מאָל איז די וואוינונג געווען אָפּגעזונדערט פון דער דרוקעריי — די וואוינונג אויף מעדיסאָן סטריט, און די דרוקעריי אין אַ „בייסמענט" (קעלער) אויף עלען סטריט.

דאָס מאָל איז די וואוינונג געווען אַ שיינע און אַ גרויסע: אַ „פּאַרלאָר־פלאָר״ און „בייסמענט״ אין אַ פּריוואַט הויז.

די צימערן אויף דעם „פּאַרלאָר־פלאָר״ זיינען געווען גרויסע און לופטיקע, מיט ליכטיקע פענצטער. פון הינטערשטן צימער האָט אַ טיר אַרויסגעפירט צו אַ וועראַנדע און צו אַ הויף, וואו עס איז געוואַקסן גראָז, און וואו עס האָט זיך געפונען אַ גרויסער בוים מיט אַ סך גרינע צווייגן.

וואָס פאַר אַ פרייד די וועראַנדע און דאָס גראָז און דער בוים האָבן אַריינגעבראַכט אין אונדזער קינדערשן לעבן! מיר האָבן זיך דאָרט געשפּילט, געמאַכט אונדזערע לעקציעס, און געזונגען די לידער, וואָס מען האָט אונדז געלערנט אין סקול. זונטיק, ווען די דרוקעריי איז געווען צוגעמאַכט, איז דער פּאָטער אויך געווען אויף דער וועראַנדע, געלייענט אַ צייטונג, און געטרונקען טיי מיט אונדז און מיט אונדזער מוטער.

זייענדיק שטאַרק פאַרנומען צו „מאַכן אַ לעבן״, האָט זיך דער פּאָטער מיט אונדז שטאַרק ניט געקאָנט אָפּגעבן. אָבער אין די אָוונטן, אַז ער איז געקומען אַהיים, פלעגט ער אונדז אויספרעגן, וואָס מיר טוען אין סקול, וואָס מיר לערנען, א. אַז. וו. איך געדענק ניט, אַז ער זאָל האָבן זיך ווען עס איז געבייזערט אויף אונדז, אָדער באַשטראָפן. עס איז געווען גענוג פאַר אונדז, דער פּאָטער זאָל אונדז בעטן (קיינמאָל ניט הייסן) עפּעס צו טאָן, מיר זאָלן אים ניט פאָלגן. קעגן איין זאַך אָבער האָבן מיר, מיידלעך, פּראָטעסטירט, און דאָס איז געווען צו גיין אין אָוונט זיך לייגן שלאָפן. האָט דער פּאָטער אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט אַ „סטראָפּ״ (קאַנטשיק) און ווען עס איז געקומען אַזייגער ניין, און ער פלעגט מיט אַ ריטמישן טאָן אויסרופן: „שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן״ — און צוגעקלאַפּט דערביי מיט דער האַנט אויפן טיש, און מיר, יונגוואַרג, פלעגן אָנהויבן רעוואָלטירן, איז איין קוק פון אים אויפן הענגענדיקן „סטראָפּ״ געווען גענוג פאַר אונדז דעם קאַמף אויפצוגעבן. און דער קוק איז גראָד געווען אַ מילדער, מיט אַ שמייכל אין די אויגן.

וואָס מיר איז געבליבן אין זכרון פון יענער צייט אויף מעדיסאָן סטריט, איז, ערשטנס, די טעאַטער־פאַרשטעלונגען, וואָס מיר, קינדער, פלעגן געבן, און צווייטנס, פון אַן אָרעם יינגל מיטן נאָמען לייבל, וועלכער האָט געוואוינט ביי אונדז אַ קורצע צייט.

מיין מוטער האָט מיטגעבראַכט פון פּינסק אַ גרויסן קאַסטן מיט טעאַטער־קאָסטיומען, וואָס זיינען פאַרבליבן פון פּאָטערס יידישן טעאַטער. אין קאַסטן האָבן זיך געפונען טייערע סאַמעטענע און זיידענע קאָלירטע

קאָסטיומען, פֿאַרשיידן־קאָלירטע שלייערס מיט אַלערליי פּאַטשערקעס, אויך פּייקלעך און שווערדן, און אַפֿילו די פּאַפּירענע קאַץ פֿון „שולמית"...

אין די אָוונטן, אַז די עלטערן זיינען ניט געווען אין דער היים, פֿלעגן מיר קינדער שפּילן טעאַטער, און טאַקע אין די קאָסטיומען פֿון קאַסטן. אמת, זיי זיינען געווען אַ היפּש ביסל צו גרויס פֿאַר אונדז, אָבער מיר האָבן זיך שוין אַן עצה געגעבן.

די פּיעסע, וואָס מיר האָבן אַמבעסטן ליב געהאַט צו שפּילן, איז געווען „שולמית". די מוזיק איז אונדז געווען גוט באַקאַנט, און דער נוסח פֿון דער פּיעסע אויך. די ראָל פֿון שולמית האָט געשפּילט מאַניעלע, און אבשלום — חנהלע. די איבעריקע ראָלן פֿון מנוח, אביגיל, צינגיטאַנג און אַנדערע, האָב איך געשפּילט. איך בין אויך געווען דער כאָר, סופֿליאָר, רעזשיסער און מענעדזשער.

דעם גרעסטן „טריל" האָט אונדז געגעבן די קאַץ און די ברונעם־סצענע. ווען שולמית און אבשלום שווערן זיך אייביקע ליבע און נעמען דעם ברונעם און די קאַץ פֿאַר עדות, פֿלעג איך פֿון אַ ווינקל אַרויסרוקן די פּאַפּירענע קאַץ. אַן אָנגעצונדן ליכטל הינטער דער קאַצס רויטע פּאַפּירענע אויגן, פֿלעגט זיי מאַכן אויסקוקן ווי פֿינקלענדיקע פֿייערלעך...

ווער עס איז געווען דאָס אָרעם יינגל, וואָס איך האָב דערמאָנט, ווייס איך עד היום ניט — ווי אַזוי ער איז געקומען צו אונדז, און וואו ער איז אַהינגעקומען. איך ווייס נאָר, אַז ער איז אַלט געווען אַ יאָר דרייצן, געווען זייער אָרעם און שמוציק אָנגעטאָן, און אונדזער מוטער פֿלעגט אים געבן עסן און לאָזן שלאָפֿן אין קיך אויף דער סאָפֿע.

דאָס יינגל איז געווען אַ „גרינער", אַ שעמעוודיקער, און מיר, קינדער, פֿלעגן אויף אים רחמנות האָבן, איבערהויפּט ווען ער פֿלעגט זינגען דאָס טרויעריקע לידל:

„ווען מיין מוטער זאָל דאָס וויסן, אוי!
אַז איך האָב נאָך היינט ניט איבערגעביסן, אוי!
אַז אַך און וויי אין אַ פֿרעמדן לאַנד,
אַז אַך און וויי אין אַ פֿרעמדן לאַנד.

ווען מיין מוטער זאָל דאָס וויסן, אוי!
אַז איך האָב היינטיקע נאַכט געשלאָפֿן אָן אַ קישן, אוי!
אַז אַך און וויי אין אַ פֿרעמדן לאַנד,
אַז אַך און וויי אין אַ פֿרעמדן לאַנד."

אונדזער פאָטער שמ״ר

דעם פאָטערס געשעפטן זיינען געגאַנגען זייער שלעכט. די צייט איז געווען אַ ביטערע, און פאַר אונדזער דירה איז שוין געקומען פאַר אַ פאָר חדשים דירה־געלט. אונדזער „לענדלידי״, אַן אַלטיטשקע קריסטין, הייסט באַצאָלן אָדער זיך אַרויסקלייבן, און אַזוי ווי קיין געלט איז ניטאָ, האָט מען טאַקע באַדאַרפט ווידער „מופן״. וואָס פאַר אַ טרויער מיר, קינדער, האָבן געפילט, ווען מיר האָבן באַדאַרפט פאַרלאָזן אונדזער שיין הויז, מיטן גרינעם גראָז און גרויסן בוים אין הויף, און אונדזער באַליבטע ווערענדע !...

קאַפּיטל 18

אברהם־חיים ראָזענבערג, מיין מוטערס שוואָגער, און זיין פאַמיליע

ווען מיר האָבן זיך אַריינגעקליבן אין אונדזער נייער דירה אויף ראַטגערס סטריט, האָבן די עלטערן באַקומען אַ טעלעגראַמע פון מיין מוטערס שוואָגער, אברהם־חיים ראָזענבערג, אַז ער און זיין פאַמיליע געפינען זיך אויף „קעסל־גאַרדן" און ער בעט, מען זאָל קומען זיי אָראָפּנעמען. זיינען די עלטערן טאַקע אַהין באַלד אַוועקגעפאָרן.

איך בין געווען אַליין אין הויז יענעם זומער פאַרנאַכט, ווען איך האָב דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. ווען איך האָב די טיר געעפנט, איז פאַר מיר געשטאַנען אַ הויכער שיינער מאַן מיט אַ ווייסער באָרד און גאָלדענע ברילן אויף די אויגן, און לעבן אים אַ יונג בחורל פון אַ יאָר פופצן, אָנגעטאָן אין אַ גימנאַזיסטישן קאָסטיום.

— וואוינט דאָ דער הער שייקעוויטש? — האָט מיך דער אַלטער מאַן געפרעגט.

אויף מיין ענטפער, אַז יאָ, האָט ער געזאָגט: „איך בין דיין אָנקל ראָזענבערג."

עד היום ווייס איך ניט, ווי אַזוי מיין אָנקל און זיין זון משה, אָדער „מאָיסעי", ווי מען פלעגט אים רופן, זיינען אַרונטערגעלאָזן געוואָרן פון „קעסל־גאַרדן" פריער פון די איבעריקע מיטגלידער פון זייער פאַמיליע. אין אַ פּאָר שעה שפּעטער האָבן מיינע עלטערן געבראַכט אין אַ קאַרעטע מיין טאַנטע חיה (מיין מוטערס שוועסטער) און אירע איבעריקע קינדער: אהרן — אַ יאָר צוועלף, אסיפ — עלף, און לעאָנטשקע — אַ יאָר זיבן.

כאָטש אונדזער דירה איז געווען אָן ענגע — זי איז באַשטאַנען פון פיר קליינע צימערן, האָט מען דאָך געמאַכט פּלאַץ פאַר אונדזערע קרובים, ביז זיי האָבן געדונגען און איינגעאָרדנט פאַר זיך אַ וואוינונג.

די עטלעכע וואָכן, וואָס זיי האָבן ביי אונדז געוואוינט, זיינען געווען זייער שווערע פאַר אונדז און נאָך מער — פאַר זיי. ערשטנס, די ענגשאַפט, און צווייטנס, פון דעם, וואָס מיין אָנקל און זיינע ייִנגלעך האָבן זיך אויף

דער גאס ניט געטארט ווייזן צוליב די „לויפערס". שולדיק אין דעם איז געווען מיין אנקלס באָרד, און מיינע קאזינס גימנאזיסטישע קאסטיומען, וואס זיי האבן געטראגן. ווען עמעץ פון זיי האט זיך באוויזן אויף דער גאס, זיינען זיי באווארפן געווארן מיט שטיינער און טאמייטאס.

אבער אויך א סך שיינע און אנגענעמע שעה'ען האבן מיר צוזאמען פארבראכט. אין די אוונטן, ווען אונדזער פאטער איז געקומען אהיים פון דער דרוקעריי, פלעגט ער און דער אנקל רעדן און דיסקוסירן איבער זייערע ליטעראַרישע טעטיקייטן. דער אנקל איז געווען ראבינער אין פינסק און אין ניקאלאיעוו פאר א סך יארן. ער האט אויפגעשריבן עטלעכע העברייאישע ווערק און געמאכט העברייאישע און יידישע איבערזעצונגען פון רוסישע ווערק. ער האט דעמאלט שוין געהאט אין זינען צו פארפאסן אן ענציקלאפעדיע איבער דער אפשטאמונג פון די נעמען, וואס געפינען זיך אין דער ביבל, — א ווערק, וואס ער האט טאקע אנגעשריבן און ארויסגעגעבן אין שפעטערדיקע יארן אונטער דעם נאמען „אוצר השמות". אחוץ די דיסקוסיעס וועגן ליטעראטור, פלעגן מיין פאטער און מיין אנקל שפילן שאך.

מיין קאזין משה, אדער „מאיסעי"[1] איז געווען זייער א שיינער, מיט אן איידעלן פנים און געטאקטע געזיכט־שטריכן. ער האט גוט געשפילט פידל, און אין די אוונטן האט ער אפט געשפילט הארציקע רוסישע פאלקס־מאטיוון און קלאסישע מוזיק.

ליבער פון אלעמען האבן מיר געהאט אונדזער קאזין אהרן, אדער „אראן",[2] ווי מען פלעגט אים רופן, צוליב די שיינע מעשהלעך, וואס ער פלעגט אונדז דערציילן. ער איז געווען גוט באקאנט מיט דער רוסישער ליטעראטור, און מיר יונגווארג פלעגן זיך ארומזעצן ארום אים, און מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט צו זיינע וואונדערבארע מעשיות.

ניט געקוקט אויף אלע פינאנציעלע שוועריקייטן, האט דער פאטער פארגעזעצט ארויסצוגעבן זיין זשורנאל „דער מענטשן־פריינט" ביזן סוף פון צווייטן יארגאנג, דעצעמבער, 1891. אין פארלויף פון די ווייטערע זעקס־זיבן חדשים האט ער געמאכט נאך א פרואוו אויפן פעלד פון זשורנאליזם:

1) „משה" איז דער איצטיקער גרויסער כעמיקער, פראפעסאר מארטין ראזאנאף, פון דער „פיטסבורג אוניווערסיטעט".

2) „אראן" איז דער ניט־לאנג פארשטארבענער פסיכיקער, דאקטאר אייראן דזש. ראזאנאף.

ער האָט אַרויסגעגעבן דעם „וועג־ווייזער“, געווידמעט דער אַמעריקאַנער ביזנעס־וועלט. מיט דעם איז דער פֿאָטער אויסן געווען צו העלפֿן די „גרינע“ — די טויזנטער אימיגראַנטן, וואָס זיינען אַריבערגעקומען פֿון יענער זייט ים, — זיי באַקענען מיט זייער נייער היים און געבן זיי געוויסע אינפֿאָרמאַציע וועגן אַמעריקע. אויסער דעם זיינען אַריין אַרטיקלען וועגן אַמעריקאַנער האַנדל, וועגן דער רעגירונג און געזעצן פֿון אַמעריקע, וועגן דער אַמעריקאַנער פּאָסט, אַ צעטל פֿון ניו־יאָרקער שפּיטאָלן און קליניקס, אויך אינפֿאָרמאַציע בנוגע אַגריקולטור א. אַז. וו.

אין דער אונטערנעמונג האָט דער פֿאָטער ווידער פֿאַרלוירן אַ סך געלט. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט ער, אויף דעם פֿאַרלאַנג פֿון מיין מוטער, ניט נאָר אויפֿגעהערט אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל, נאָר אויך פֿאַרקויפֿט זיין דרוקעריי, און זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט שרייבן. די דרוקעריי האָט ביי אים אָפּגעקויפֿט טאַקע מיין אָנקל אברהם־חיים ראָזענבערג.

קאַפּיטל 19

אַ שמערצלעכע פּאַסירונג

כאַטש דער פּאַטער איז געווען דערוויטערט פונעם יידישן טעאַטער, האָט אים זיין האַרץ דאָך שטאַרק געצויגן צו די „בינע־ברעטער". איצט, ווען ער האָט געהאַט מער צייט, האָט ער אָנגעשריבן אַ דראַמע מיטן נאָמען: „יהודה הלוי", געבויט אויפן לעבן און שאַפן פון דעם גרויסן העברייאישן דיכטער. ער איז געווען זייער צופרידן מיט זיין נייער שאַפונג. „אַ געלונגענע פּיעסע!" — האָט ער געזאָגט מיט אַ פריידיקן גלאַנץ אין די אויגן.

די פּיעסע האָט געפאָדערט אַן ערשט־קלאַסיקן שוישפּילער פאַר דער דראַמאַטישער ראָל פון יהודה הלוי, האָט דער פּאַטער פאַרבעטן יעקב אַדלערן צו קומען הערן די פּיעסע.

געקומען איז אַדלער ניט אַליין, נאָר מיט מאָגולעסקאָן, וועלכער איז דאַן געווען מיט אים אין שותפות אין זיין טעאַטער אויף דער אַכטער סטריט. געהערט די פּיעסע, זיינען ביידע, אַדלער און מאָגולעסקאָ, פּשוט „פאַרכאַפּט" געוואָרן, ווי מ'זאָגט אויפן טעאַטער־לשון. ביידע האָבן דאָרט געהאַט גוטע ראָלן; דער סוזשעט ווי אויך די האַנדלונג זיינען געווען אינטערעסאַנט און שפּאַנענדיק. זיי האָבן צוגעזאָגט די פּיעסע אויפצופירן אויף יום־טוב (דאַכט זיך, ראש־השנה) און צו באַצאָלן דעם פּאַטער צוויי הונדערט דאָלער, ווען די פּיעסע וועט אויפגעפירט ווערן.

דער פּאַטער האָט זיי געגלויבט אויפן וואָרט, און זיי אַוועקגעגעבן די פּיעסע. און באַלד איז טאַקע דערשינען אַ מעלדונג אויף די אַפישן פון אַדלערס טעאַטער: „אין פאַרבאַרייטונג אויף יום־טוב 'יהודה הלוי' פון נ. מ. שייקעוויטש, שמ"ר."

אַ פּאָר וואָכן צייט איז די מעלדונג דערשינען, ווען פּלוצלונג האָט דער פּאַטער באַמערקט, אַז אַנשטאָט זיין פּיעסע ווערט אויף די אַפישן אַנאָנסירט אויף אַ יום־טוב אַ פּיעסע פון מ. זייפערט, מיטן נאָמען „שומר ישראל".

דער פּאַטער איז אַוועק אין טעאַטער, אויסצוגעפינען וואָס האָט פּאַסירט. אָנקומענדיק אַהין, האָט אים דער מאַן ביי דער טיר געזאָגט, אַז קיינער איז אין טעאַטער ניטאָ. ווען ער איז געקומען אין טעאַטער אויף

מאָרגן, האָט ער געקראָגן דעם זעלבן ענטפער. איז ער אַוועק צו אַדלערן אַהיים, און אויך דאָרט האָט ער געקראָגן דעם ענטפער, אַז אַדלער איז אין דער היים ניטאָ.

איז עס אים געוואָרן אויפּפאַלנד. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, אָבער וואָס־ווען — האָט ער ניט געוואוסט.

דאַן האָט מיין מוטער באַשלאָסן גיין אין טעאַטער, אויסצוגעפינען וואָס דאָרט קומט פאָר. זי איז געווען אַ סך פּראַקטישער פונעם פאָטער, און איר איז ניט געווען אַזוי לייכט אָפּצונאַרן, ווי אים.

אָנקומענדיק אין טעאַטער, האָט זי געקראָגן דעם זעלבן ענטפער פונעם מאַן ביי דער טיר, ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז זי איז מרס. שמ״ר. זי האָט אָבער ניט געוואָרט אויף דרך־ארץ, און אָפּשטופּנדיק אים אַן אַ זייט, איז זי אַריין אין טעאַטער, און טאַקע באַלד געווען הינטער די קוליסן.

ס׳איז איר אַנטקעגנגעקומען מאַדאַם אַדלער, די אַמאָליקע פריילין לעוויצקי, וועמען דער פאָטער האָט אַריינגענומען אין זיין טעאַטער אין אָדעס, און געמאַכט זי פאַר אַן אַקטריסע. דערזעענדיק מיין מוטער, איז איר די מאַדאַם אַדלער געפאַלן אויפן האַלדז, אָנגעהויבן צו קושן, וויינענדיק דערביי מיט ביטערע טרערן. פון איר האָט די מוטער זיך דערוואוסט, אַז די פּיעסע „שומר ישראל״, וואָס ווערט רעפּעטירט, איז ניט קיין אַנדערע, ווי דעם פאָטערס „יהודה הלוי״, און אַז משה זייפערט, וועלכער איז אַנגאַנסירט געוואָרן ווי דער אויטאָר פון דער פּיעסע, האָט געקראָגן פינף־און־צוואַנציק דאָלאַר פאַר ענדערן דעם נאָמען פון דער פּיעסע, און מאַכן אייניקע קליינע ענדערונגען. די מאַדאַם אַדלער האָט געוויינט, פאַר וואָס מען האָט באַשווינדלט איר באַליבטן לערער אויף אַזאַ געמיינעם אופן, און מיין מוטער האָט מיט איר מיטגעוויינט.

מיט וואָס האָט זיך דער שענדלעכער שווינדל געענדיקט? פאַר דעם פאָטער — מיט גאָרניט. ניין, ניט מיט גאָרניט. עס האָט אָנגעפילט זיין ריינע, ערלעכע נשמה מיט פאַרביטערונג. זיין האַרץ האָט געבלוטיקט צו זען זיין פאַמיליע אין נויט, ווען זיין נייע פּיעסע, ווי אויך זיינע אַלטע פּיעסעס, מאַכן רייך די „מענעדזשערס״ און אַקטיאָרן. ער איז געווען דער־שיטערט פון דער הפקרות פון די מענטשן, וואָס האָבן אים אַזוי עפּנטלעך באַשווינדלט, און בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט זיי געטרויט. עס האָט אים געעקלט, וואָס אַ שרייבער ווי מ. זייפערט, זאָל זיין אַזוי געמיין, ווי צו באַ־גוולהן אַ קאָלעגע. יאָ, דער פאָטער האָט שטאַרק געליטן, און באַשלאָסן מער מיט די יידישע אַקטיאָרן ניט האָבן צו טאָן.

שמ״ר ווערט דירעקטאָר פון אַן אייגענעם טעאַטער

„דער מענטש טראַכט, און גאָט לאַכט״, זאָגט די וועלט אַ גלייכוואָרט. דער פאָטער האָט, דאַכט זיך, ערשט באַשלאָסן מער מיט די יידישע אַקטיאָרן און יידישן טעאַטער ניט האָבן צו טאָן, אָבער אין אַ פּאָר יאָר נאָך זיין באַשלוס איז ער געוואָרן דער דירעקטאָר פון אַן אייגענעם טעאַטער אין ניו־יאָרק. „שולדיק״ אין דעם איז געווען מיין ברודער אברהם.

דער ברודער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר אַכצן־ניינצן. ער האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אין קאַלעדזש, צו שטודירן געזעץ.

זיצנדיק איין מאָל אין העריקס קאַפע אויף קאַנאַל סטריט, וואו אַלע יידישע אַקטיאָרן און סתם טעאַטער־מענטשן פלעגן זיך צוזאַמענקומען, האָט ער געהערט, אַז דער ליבערטי טעאַטער, וואו יעקב אַדלער האָט געשפּילט, איז צוליב געוויסע סיבות, פאַרמאַכט געוואָרן. ער האָט אויך געהערט, אַז דער „ליסעי״ פון טעאַטער איז דער יידישער שוישפּילער שעפּסקי.

אברהם האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַן אינטערעס דער פאָטער האָט פאַר דעם יידישן טעאַטער, איז אים איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז דער פאָטער וואָלט איצט געקאָנט איבערנעמען דעם ליבערטי טעאַטער.

ניט לאַנג געטראַכט, און אַפילו ניט אָנפרעגנדיק ביים פאָטער, איז ער אַוועק צו דעם מר. שעפּסקי, און אים פאָרגעלייגט דעם פּלאַן.

שעפּסקי האָט דעם פאָטער ניט געקענט, אָבער געהערט האָט ער פון אים פיל. ער איז געווען באַקאַנט מיט זיינע פּיעסעס און געוואוסט, וואָס פאַר אַ גרויסן דערפאָלג זיי האָבן געהאַט. איז אים דעריבער מיין ברודערס פּלאַן געפעלן געוואָרן. אברהם האָט באַלד צונויפגעבראַכט דעם פאָטער מיט שעפּסקין, און דער געשעפט איז געשלאָסן געוואָרן: שעפּסקי זאָל זיין דער „ביזנעס־מענעדזשער״, און דער פאָטער — אויטאָר און דירעקטאָר.

דער פאָטער האָט אַן שוועריקייטן צונויפגעשטעלט אַן ערשט־קלאַסיקע טרופּע מיט אַ גרויסן כאָר פון יונגע מענער און פרויען. די טרופּע איז באַשטאַנען פון זיגמונד מאָגולעסקאָ, מאָריס מאָשקאָוויטש, מאָריס מייער־סאָן, קאַרל שראַמעק, ה׳ ווײַנבלאַט, הער און מאַדאַם שעפּסקי, מאַדאַם דוביגסקי, בינע אַבראַמאָוויטש, בעלאַ גודינסקי, סאַבינאַ ווײַנבלאַט (שפּעטער ראָזענטהאַל), פּעני ריינהאַרדט און אַנדערע. אַלס מוזיק־קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט האָט ער אָנגאַזשירט הענרי ראַסאָטאַ.

אין דעם הויז, וואו דער טעאַטער האָט זיך געפונען, זיינען געווען צוויי וואוינונגען. האָט זיך אין איין וואוינונג אַריינגעקליבן אונדזער פאַמיליע,

און אין דער צווייטער — דער שוישפּילער מייערסאָן מיט זיין פאַמיליע. די הינטערשטע פענצטער פון ביידע וואוינונגען האָבן אַרויסגעקוקט אויפן דאַך פון טעאַטער. האָבן די מייערסאָנס, ווען זיי האָבן געוואָלט אַריינגיין צו אונדז אין הויז, זיך באַנוצט מיט די פענצטער אַנשטאָט די טירן, און אַזוי אויך מיר, ווען מיר האָבן געוואָלט די מייערסאָנס באַזוכן.

יענע צייט וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. עס איז געווען די אָנגענעמסטע און די פריילעכסטע זינט מיר זיינען געקומען קיין אַמעריקע. אונדזער דירה, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע גרויסע, ליכטיקע צימערן, האָבן די עלטערן אויסגעמעבלירט מיט ווייכע טעפּיכער און שיין מעבל, און די מוטער האָט אַריינגענומען אַ דינסט אין הויז.

דער פאָטער איז געווען גוט געשטימט און מער צוגעלאָזט ווי שטענדיק. מיר, קינדער, ווי נאָר מיר זיינען געקומען פון סקול, פלעגן אַרונטערלויפן אין טעאַטער, צו זען ווי מען מאַכט פּראָבעס, און זיך צוהערן צו די שיינע לידער, וואָס מען האָט איינגעשטודירט. עס פלעגן אין יענער צייט אויך קומען זיך שפּילן מיט אונדז מאָגולעסקאָס קינדער, בעסי און דזשוליוס, און מייערסאָנס מיידעלע, סאָפיע.

דער טעאַטער, אונטערן נאָמען „רומעניע אָפּערע־הויז״, האָט זיך געעפנט מיט דעם פאָטערס נייער פּיעסע „דער געלט־קעניג״, געבויט אויפן לעבן פון דעם יידישן מאַגנאַט אַנשל ראָטשילד. אין דער פּיעסע האָט זיך באַטייליקט כמעט די גאַנצע טרופּע, און צווישן די אַקטן פלעגט מאָגולעסקאָ אונטערהאַלטן דאָס פּובליקום מיט זיין וואונדערלעכן זינגען פון קופּלעטן.

די פּיעסע האָט געהאַט אַ היפּשן דערפאָלג, זי איז „געלאָפן״ עטלעכע וואָכן צייט. נאָך איר איז אויפגעפירט געוואָרן די צווייטע נייע פּיעסע פון פאָטער: „שושנה, די בלום פון יריחו״, מיט אַ היסטאָרישן אינהאַלט. אויך די פּיעסע האָט געהאַט אַ פיינעם דערפאָלג, אָבער פּלוצלונג זיינען די פאָרשטעלונגען איבערגעריסן געוואָרן. פאַרוואָס? ווייל דער מר. שעפּסקי האָט זיך באַטראַכט, אַז ער וויל מער קיין יידישע פּיעסעס אין זיין טעאַטער ניט אויפפירן. אַזוי האָט ער געזאָגט, אָבער געשושקעט האָט מען זיך, אַז ער איז אונטערגעקויפט געוואָרן פון אַ „מענעדזשער״ פון אַן אַנדער טעאַטער (דאַן האָבן געשפּילט נאָך צוויי יידישע טעאַטערס — דער ווינדזאָר־טעאַטער און דער טהאַליאַ־טעאַטער), ווייל דער קליינער „רומעניע אָפּערע־הויז״ איז געוואָרן פאַר אים אַ שטאַרקער קאָנקורענט.

פּראָטעסטן האָבן ניט געהאָלפן, געבעטן אויך ניט. שעפּסקין האָט

ניט געאַרט, וואָס אַזוי פיל מי און געלט איז אַריינגעלייגט געוואָרן אויפ־צובויען דאָס טעאַטער. אים האָט אויך ניט געאַרט, וואָס די גרויסע צאָל מענטשן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן טעאַטער, וועלן בלייבן אָן ברויט. דער פּאָטער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, די אַקטיאָרן — אַוודאי ניט. דאָן האָט מיין ברודער גענומען די איניציאַטיוו. ער האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך מיט דעם, וואָס ער האָט צום לעבן געבראַכט די גאַנצע זאַך. ער האָט געזוכט מיטלען ווי דעם טעאַטער צו ראַטעווען. ער האָט דאַן באַשלאָסן זיך צו ווענדן דירעקט צו די אייגנטימער פונעם טעאַטער, די צוויי אַמעריקאַנער ברידער האַאַסען.

אברהם איז אַוועק צו זיי אין אָפיס, און האָט זיי דערציילט די געשיכטע, ווי דער מר. שעפּסקי האָט אָן שום סיבה פאַרמאַכט דאָס טעאַטער. שעפּסקי איז פון די ברידער האַאַסען גערופן געוואָרן צו געבן אַ דערקלערונג. זיין נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע דערקלערונג האָט אויף זיי געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, און אַזוי ווי שעפּסקי איז געווען אומפּינקטלעך ביים באַצאָלן די „רענט״ פאַרן טעאַטער, און ער איז זיי געווען שולדיק פיל געלט, האָבן זיי צוגענומען ביי שעפּסקין דעם „ליעס״ און אים איבערגעגעבן מיין ברודער, וועלכער איז זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן פאַר זיין קוראַזש און דרייסטקייט.

גרויס שמחה האָט געהערשט אין טעאַטער, ווען דער ברודער איז צוריקגעקומען און געבראַכט מיט זיך דעם „ליעס״, וואָס איז געווען אויס־געמאַכט אויף זיין נאָמען. אויף שעפּסקיס פּלאַץ אַלס „מענעדזשער״, האָט דער פּאָטער אַריינגענומען איינעם אַ מר. גוטמאַן, אַ רייכער „סאַלון־קיפּער״, וועלכער האָט זיך שטענדיק געדרייט ביים טעאַטער, און אַלע האָבן זיך גע־נומען מיט באַנייטע כוחות און מיט גרויס ענטוזיאַזם, איינצושטודירן אויף יום־טוב די נייע קאָמעדיע „המן דער צווייטער״, וואָס דער פּאָטער האָט אָנגעשריבן.

מען פירט אויף „המן דער צווייטער״

די נייע פּיעסע האָט דער פּאָטער געבויט אויף דער היסטאָרישער פּאַסירונג פון שאול וואַהל, וועלכער איז געווען אַ קעניג פון פּוילן אויף איין טאָג. ער האָט פון דעם געמאַכט אַ קאָמעדיע, און געשאַפן אַ ספּעציעלע ראָל פאַר מאָגולעסקאָן.

דער פּאָטער האָט געהאַלטן מאָגולעסקאָן פאַר דעם גרעסטן קינסטלער

אויף דער יידישער בינע. ער האָט זיך מער ווי איינמאָל פירגענומען צו שאַפן פאַר אים ספּעציעלע ראָלן. ער האָט געשאַפן פאַר אים צוויי ראָלן אין זיין פּיעסע „קאָקעטע דאַמען", אין וועלכע מאָגולעסקאָ האָט זיך גע־שאַפן אַ גרויסן נאָמען מיט זיין שפּילן אַלס שפּרינצע די מעקלערין און דעם שאַרלאַטאַן הערמאַן. אין „המן דער צווייטער" האָט דער פאָטער פאַר אים געשאַפן די ראָל פון אַ נאַרישן, אומגעלומפּערטן משרת, וועלכער ווערט דער קעניג פון פּוילן. די ראָל האָט געגעבן מאָגולעסקאָן די גע־לעגנהייט אַרויסצובאַווייזן זיך אין זיין גאַנצער גרויסקייט.

„המן דער צווייטער" האָט אויפגערודערט די ניו־יאָרקער יידישע באַ־פעלקערונג מיט איר אינטערעסאַנטן אינהאַלט, און איבערהויפּט מיט איר פאָלקסטימלעכן הומאָר. אומעטום האָט מען גערעדט פון דער פּיעסע, און פון גרויסן שוישפּילער זיגמונד מאָגולעסקאָ, און אומעטום האָט מען איבער־געחזרט דאָס ווערטל, „אַז איר פאַרשטייט ניט, פאַרשטייט איר מיר", וואָס ער האָט געהאַט אין דער פּיעסע.

די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן פאַר געפּאַקטע הייזער, אָבער מיט־אַמאָל זיינען די פאָרשטעלונגען אָפּגעשטעלט געוואָרן. וואָס איז געשען? דער נייער „מענעדזשער", דער „סאַלון־קיפּער" מר. גוטמאַן, וואָס פלעגט זיצן אין דער קאַסע, איז פלוצלונג נעלם געוואָרן, מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס גאַנצע געלט.

שלעכט. ביטער. די אַקטיאָרן ווילן ניט שפּילן, אויב מען וועט זיי ניט באַצאָלן דאָס, וואָס עס קומט זיי. און „רענט" דאַרף מען אויך באַצאָלן. דער אָרעמער פאָטער האָט ניט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי צו שליסן דאָס טעאַטער.

דער פאָטער און די מוטער זיצן אין הויז פאַרזאָרגטע. דאָס טעאַטער איז פאַרמאַכט. קיין געלט איז ניטאָ, און מען דאַרף זיך אַרויסקלייבן פון דער דירה.

עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און איז אַריין אין הויז. עס איז געווען מר. עדעלשטיין, דער פאַרוואַלטער פונעם „טהאַליאַ־טעאַטער". ער דערציילט, אַז אַזוי ווי די יום־טובדיקע פּיעסע, וואָס זיי האָבן אויפגעפירט אין זיין טעאַטער, איז דורכגעפאַלן, איז דעריבער וואָלט ער אָפּגעקויפט ביים פאָטער זיין פּיעסע „המן דער צווייטער", און ער לייגט אים פאַר צוויי הונדערט דאָלער.

דער פאָטער שטימט גלייך איין. ער גייט אַריין אין קאַבינעט, ברענגט

אַרויס די פּיעסע און וויל זי דערלאַנגען דעם מר. עדעלשטיין, אָבער די מוטער נעמט אַרויס די פּיעסע פון זיין האַנט.

— מר. עדעלשטיין, — זאָגט זי, — איר קאָנט די פּיעסע ניט קריגן פאַר וויניקער פון דריי הונדערט דאָלער, און אויסער דעם צאָלן מיין מאַן צען דאָלער פאַר יעדער פאַרשטעלונג...

מר. עדעלשטיין האָט אויף איר אויסגעשטעלט אַ פּאָר ווילדע אויגן:

— מאַדאַם שמ״ר, וואָס רעדט איר? וועלכער שרייבער באַקומט דאָס אַזוי פיל געלט פאַר אַ פּיעסע?

— אָדער באַצאָלט ווי איך זאָג, אָדער גייט אייך געזונטערהייט. אַ שרייבער דאַרף אויך מאַכן אַ לעבן!

עדעלשטיין האָט געמוזט נאָכגעבן דער איינגעשפּאַרטער מאַדאַם שמ״ר, און באין ברירה דערלאַנגט איר דאָס געלט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז „המן דער צווייטער״ אויפגעפירט געוואָרן אין דעם גרויסן „טהאַליאַ־טעאַטער״, און טאָקע מיט מאָגולעסקאָן אין זיין ראָל אַלס שאול. די פּיעסע איז געגאַנגען לאַנגע וואָכן, און אָנגעפילט די קעשענעס פון די „מענעדזשערס״ מיט גאָלד. דער פּראָפעסאָר אָבער האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט די עטלעכע הונדערט דאָלער, וואָס ער האָט געקראָגן.

מיין מוטער פלעגט אָפט טאַדלען מיין פאָטער, פאַרוואָס ער גיט אַוועק זיינע פּיעסעס און ראָמאַנען פאַר אַזוי ביליק. ער פלעגט פּרואוון זי באַ־רויקן מיט די ווערטער: „נאַרעלע, וואָס ערגערסטו זיך? איך וועל אָנשרייבן אַן אַנדערע.״ אים איז קיינמאָל גאָרניט איינגעפאַלן צו פאַר־לאַנגען באַלוינונג אין פּראָפּאָרציע צו דעם, וואָס זיינס אַ ווערק פלעגט אַריינברענגען. אַלע וואָס האָבן מיט אים געהאַנדלט, האָבן געוואוסט, אַז דער גרויסער שמ״ר איז אין געשעפט־זאַכן נאַאיוו, ווי אַ קינד.

קאַפּיטל 20

שמ״ר עפּנט ווידער אַ דרוקעריי, גיט אַרויס דעם וועכנטלעכן זשורנאַל „דער לאַנד־חכם״ און אַ סעריע יום־טוב־בלעטער

מיטן פאַרמאַכן זיך פון טעאַטער האָבן מיר, נאַטירלעך, באַדאַרפט אויפגעבן אונדזער דירה. אַרייַנגעקליבן האָבן מיר זיך אין אַ פּריוואַט הויז אויף נאַרפאָלק סטריט, לעבן גרענד סטריט.

דעם פאָטער האָט שטאַרק געצויגן צום זשורנאַליזם. ער האָט געהאַט די באַדערפעניש צו ברענגען צום אויסדרוק זיינע ליטעראַרישע כוחות, און געזוכט אַן אָרט וואו צו פאַרעפנטלעכן זיינע דערציילונגען, הומאָרעסקעס, לידער, אַנעקדאָטן א. אַז. וו. און איצט, האָבנדיק אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט, האָט ער ניט לאַנג געטראַכט, און ווידער איינגעאָרדנט אַ דרוקעריי, און טאַקע גלייך צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַ וועכנטלעכן הומאָריסטישן זשורנאַל אונטערן נאָמען: „דער לאַנד־חכם״ — „אַ בלאַט פאַר כל ישראל״. ער האָט אויך אין די נאָענטע דריי־פיר יאָר אַרויסגעגעבן די פאָלגנדיקע יום־טוב־בלעטער:

„די קניידל״ (פּסח), „דער לולב״ (שבועות), „דער אתרוג״ (סוכות), „יום־טוב־בלומען״ (שבועות), „דער נייער חד־גדיא״ (פּסח), „דער שרייער״ (פּורים), „דער אפיקומן״ (פּסח), „דער גן־עדן״ (שבועות), „דער שופר״ (ראש־השנה), „דער סדר״ (פּסח), „דער קלאַפּער״ (פּורים), „דער המן־טאַש״ (פּורים), „דער שלח מנות״ (פּורים).

אין יענער צייט איז געווען אַ מאָדע אַרויסצוגעבן ראָמאַנען אין העפטן־פאָרם — אין פאָרזעצונגען, יעדע וואָך אַ טייל פון ראָמאַן. אַ העפט האָט געהאַט זעכצן זייטלעך, און מ׳האָט גערעכנט פאַר אַ העפט פינף סענט. דער אַרויסגעבער פון די דאָזיקע ראָמאַנען איז געווען יעקב סאַפּירשטיין.

י. סאַפּירשטיין האָט באַשטעלט ביי מיין פאָטער אַ ראָמאַן אין העפטן־פאָרם.

דער ראָמאַן, וואָס דער פאָטער האָט דאַן אָנגעשריבן אין העפטן־פאָרם, האָט געהייסן „דער טיראַן אַלעקסאַנדער דער דריטער". ער האָט געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג, אַז סאָפּירשטיין האָט געבעטן דעם פאָטער צו „ציען" דעם ראָמאַן אַזוי לאַנג ווי עס איז מעגלעך. דער פאָטער האָט ניט געהאַט קיין שוועריקייטן דאָס צו טאָן, און האָט טאַקע „געצויגן" דעם ראָמאַן כמעט אַ יאָר.

ווען דער ראָמאַן האָט זיך ענדלעך געענדיקט, האָט סאָפּירשטיין באַשטעלט ביים פאָטער אַ צווייטן, וואָס איז דערשינען אונטערן נאָמען „גראָספירסט קאָנסטאַנטין"; דערנאָך אַ דריטן ראָמאַן — „גלות־מאָסקווע".

דער גרויסער דערפאָלג פון זיינע ראָמאַנען אין העפטן־פאָרם, האָט דעם פאָטער באַוואויגן אַליין אַרויסצוגעבן זיינע ראָמאַנען אין דער פאָרם. „דער טויטער גאַסט" איז געווען דער ערשטער ראָמאַן, וואָס ער האָט אַליין אַרויסגעגעבן; נאָך דעם האָבן נאָכגעפאָלגט די ראָמאַנען „גוטער טייוול", „פון טראָן צום עשאַפאָט", און „די שרעקלעכע געהיימניס".

אויסער זיין זשורנאַל „דער לאַנד־חכם" און די „יום־טוב־בלעטער", און אויסער די ראָמאַנען פאַר סאָפּירשטיינען און די וועלכע ער האָט אַליין אַרויסגעגעבן, האָט דער פאָטער אין דער זעלבער צייט געשריבן ראָמאַנען פאַרן פאַרלאַג „האלמנה והאחים ראָם" אין ווילנע.

איך גלויב, אַז יענע פאַר יאָר, 1893־1895, זיינען געווען די ליטעראַריש־פּרוכטבאַרסטע אין פאָטערס לעבן. ער האָט דאַן באַוויזן ניט נאָר צו שרייבן אומענדלעך־לאַנגע ראָמאַנען און האַלטן זיינע לייענער געשפּאַנט ביז דער לעצטער שורה, נאָר אויך אַרויסבאַוויזן אויסערגעוויינלעכע פייאיקייטן צו שרייבן דריי־פיר ראָמאַנען אין איין צייט. און געטאָן האָט ער דאָס מיט אַזאַ לייכטקייט, וואָס איז געווען צום באַוואונדערן. ער האָט געקאָנט שרייבן שטענדיק, און אונטער פאַרשיידענע אומשטענדן. ער האָט ניט געפאָדערט, ווי אַנדערע שרייבער, אַ ספּעציעלע אַטמאָספער, ס'זאָל זיין שטיל אַרום אים, מען זאָל אים ניט שטערן, איבערשלאָגן א. אַז. וו.

ער האָט זיך אויך קיינמאָל ניט באַקלאָגט, אַז ער אַרבעט צו פיל. אין קעגנטייל, ער איז שטענדיק געווען אויפגעלייגט, שטענדיק מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, שטענדיק גרייט אַ שטיף טאָן. ווען ער פלעגט, צום ביישפּיל, זיין אין דער היים, פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אויף דעם שטול, וואו די מוטער אָדער איינע פון אונדז מיידלעך פלעגן זיצן, און זיך געמאַכט דערביי, אַז ער האָט גאָר ניט באַמערקט, אַז דער שטול איז פאַרנומען. אָדער ער פלעגט אַריינגיין אין קיך און געפינען דאָרט אַ שאַלעכץ פון אַן

איי, האָט ער עס באַהאַלטן אין דער האַנט, און פאַרבייגייענדיק איינע פון אונדז, פלוצלונג אַ בראַשע געטאָן די שאָלעכץ אין אונדזער אויער, און זיך דערביי צעלאַכן, ווי אַ קינד.

ביי אים אין „אָפיס" פלעגן זיך שטענדיק צונויפקלייבן שרייבער. מ׳פלעגט זיצן, רעדן און זיך היצן וועגן ליטעראַטור, און אָפטמאָל טאַקע אַפילו זיך קריגן. דער פאָטער פלעגט זיצן ביי זיין שרייב־טיש און שרייבן, גלייכצייטיק זיך צוהערן, און אַפילו זיך באַטייליקן אין אַ שמועס.

ווען אַ זעצער אין אונדזער דרוקעריי פלעגט פאַרלאַנגען „קאָפּיע", פלעגט ער אַ פרעג טאָן: „וואָסער ראָמאַן זעצט איר ?". דער זעצער זאָגט אים. דער פאָטער טוט אָן זיינע ברילן, נעמט פון זיין שרייב־טיש אַ קליין שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן עס איז געווען פאַרצייכנט דער נאָמען פון דעם ראָמאַן, ווי אויך די לעצטע פּאָר שורות וואו ער האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט, שרייבט אָן אַ זייטל „קאָפּיע" פאַרן זעצער, און גיט עס אים. ביז דער זעצער האָט אויפגעזעצט דאָס זייטל, האָט שוין דער פאָטער נאָך אַ פּאָר זייטלעך פאַרטיק פאַר אים.

פאַר סאָפּירשטיינס ראָמאַנען פלעגט ער אָנשרייבן אַ היפּשע צאָל זייטלעך מיט אַמאָל, אַזוי אַז ווען דער „אָפיס־באָי" פלעגט קומען נאָך „קאָפּיע", האָט ער עס שוין פאַר אים געהאַט פאַרטיק.

איין מאָל האָט מיר דער פאָטער געגעבן „קאָפּיע", איך זאָל עס באַלד אָוועקטראָגן צו סאָפּירשטיינען אין דרוקעריי אויף קאַנאַל סטריט, ווייל מען וואַרט דאָרט אויף דעם.

איך בין נאָך אַלץ געווען אַ הייסע לעזערין פון מיין פאָטערס ראָמאַנען, איז גייענדיק מיט דער „קאָפּיע" צו סאָפּירשטיינען, האָב איך עס אויפן וועג געלייענט. עס איז געווען אַזוי שפּאַנענד, אַז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס, און געשלונגען יעדעס וואָרט.

שטייענדיק אַזוי, איז פאַר מיר שנעל פאַרבייגעלאָפן סאָפּירשטיינס מענטש, וועמען ער האָט געשיקט צום פאָטער נעמען די „קאָפּיע", ניט קענענדיק זיך דערוואַרטן ביז מען וועט עס ברענגען. ווען ער האָט מיך דערזען, ווי איך שטיי מיט דער „קאָפּיע" אין מיין האַנט און לייען, איז ער געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער.

— הערסט אַ מעשה! — האָט ער זיך געבייזערט, — די זעצער שטייען ליידיק און וואַרטן אויף „קאָפּיע", און זי שטייט זיך גאָר דאָ און לייענט! וואַרט! איך וועל דאָס דערציילן דעם טאַטן!



שמ״ר — אין עלטער פון 50 יאָר

קאַפּיטל 21

אונדזער הויז ווערט אַ צענטער פאַר יידישע שרייבער — א. טאַנענבוים, מאָריס ראָזענפעלד און א. מ. שאַרקאַנסקי צווישן אונדזערע אָפטע באַזוכער

אונדזער היים אויף נאָרפאָלק סטריט איז געווען זייער אַ שיינע, די צימערן ליכטיקע און לופטיקע און שיין־מעבלירט. דער פאָטער האָט גע־קויפט אַ פּיאַנאָ און געדונגען פאַר אונדז אַ פּיאַנאָ־לערער.

אין די אָוונטן איז אונדזער הויז געוואָרן אַ צענטער פאַר שרייבער און סתם פריינט. מיין מוטער איז געווען אַ גאַסטפריינטלעכע פרוי. זי האָט ליב געהאַט, ווען מענטשן פלעגן קומען צו אונדז. זי האָט געזאָרגט, דער טיש זאָל שטענדיק זיין אַ געדעקטער, און יעדער וואָס קומט אַריין, זאָל קריגן אַ גלעזל טיי און עפּעס צובייסן. איניקע אָרעמע שרייבער פלעגן קריגן פון פאָטער, אין דער שטיל, אַ פּאָר דאָלער אויך, ווען זיי פלעגן קומען צו אונדז.

צווישן די שרייבער, וואָס האָבן אונדז דעמאָלט אָפט באַזוכט, איז געווען א. טאַנענבוים, וועלכער האָט זיך אַזוי פּאָפּולער געמאַכט מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע ביכער, און איבערהויפּט מיט זיין ראָמאַן „די געהיימניסע פון רוסישן קייזערלעכן הויף". מיט אים פלעגט אויך קומען זיין פרוי, וואָס פלעגט זיך אונטערשרייבן מיטן נאָמען „כאַסיע די חכמה" אויף די אַרטיקלען, וואָס זי פלעגט שרייבן.

טאַנענבוים איז געווען אַ שטילער און באַשיידענער מענטש. דער פאָטער האָט אים ליב געהאַט און ער דעם פאָטער אויך. מיר, קינדער, פלעגן ליב האָבן זיך צוצוהערן צו זייערע דיסקוסיעס וועגן ליטעראַטור, אָבער מער פון דעם האָט אונדז אַמוזירט צו זען, ווי טאַנענבוים רעדט. צום ביישפּיל, ווען ער פלעגט רעדן, פלעגט ער ניט קוקן אויפן מענטשן, צו וועמען ער האָט גערעדט, נאָר גלאָט אַזוי אין דער וועלט אַריין, און דערביי

מאַכן מאָדנע האַוואַיעס. ביי אונדז אין עס־צימער, איבערן טיש, איז געהאַנגען אַ שפּיגל. ווען טאַנענבוים פלעגט זיצן ביים טיש און רעדן, פלעגט ער קוקן אויף זיך אין שפּיגל, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער רעדט צו זיך אַליין.

כמעט יעדן אָוונט פלעגן צו אונדז אַריינקומען די פּאָעטן מאָריס ראָזענפעלד און אַברהם־מיכל שאַרקאַנסקי. זיי פלעגן קומען שטענדיק צוזאַמען. עס איז געווען מסתמא אין יענער צייט, ווען זיי האָבן צוזאַמען אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „דער אשמדאי״.

ראָזענפעלד איז געווען פּונקט דער היפּוך פון שאַרקאַנסקין, סיי אין אויסזען און סיי אין טעמפּעראַמענט. אַ מאָגערער, אַ טונקעלער, מיט ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, מיט אַ שוואַרץ בערדל, שוואַרצע געקרייזלטע האָר, און אַ טונקל־רויטע פאַרב אין די באַקן. ער האָט פאַרמאָגט אַ הייסן, אַ ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט. זיין אויסשפּראַך איז געווען אַ קלאָרע, שאַרף אַרויסברענגענדיק דעם „ר״.

ראָזענפעלד האָט שטענדיק זיך וועגן עפּעס געהיצט, שטענדיק דעבאַטירט. זייער אָפט האָט ער געגאָסן שוועבל און פעך אויף די אַרויסגעבער פון די דעמאָלטיקע צייטונגען, און ער האָט געהאַט גענוג סיבות צו זיין אין כעס אויף זיי.

איין מאָל האָט ער דערציילט ווי ער האָט אָנגעשריבן אַ ליד און דאָס געבראַכט צו אַן אַרויסגעבער פון אַ טעגלעכער צייטונג.

דער אַרויסגעבער, אַ קורץ, פּעט יידל מיט אַ געל בערדל, האָט אים קאַלט געענטפערט, אַז ער דאַרף ניט קיין לידער.

— איר מוזט דאָס ביי מיר קויפן, אַניט קאָן איך ניט מאַכן קיין לעבן! — האָט זיך ראָזענפעלד ביי אים געבעטן.

— טאָ לעבט ניט! — האָט דער פּעטער אַרויסגעבער אים קאַלט געענטפערט.

ראָזענפעלד האָט זיך אָבער שטאַרק גענויטיקט אין געלט, האָט זיין פרוי גענומען דאָס ליד און געבראַכט צו דעם פּעטן אַרויסגעבער. זי האָט פאַר אים געוויינט און געבעטן, ער זאָל ביי איר קויפן דאָס ליד.

— אויב איר ווילט אַ „קוואָדער״, וועל איך עס קויפן! — האָט איר דער אַרויסגעבער געענטפערט.

די אָרעמע פרוי ראָזענפעלד האָט איינגעשטימט. זי האָט גענומען דעם „קוואָדער״ און געקויפט ברויט פאַר אירע קינדער.

ראָזע שאָמער־באַטשעלים

איז אַ וואונדער, וואָס ראָזענפעלד איז געווען פאַרביטערט אויף דער גאַנצער וועלט?...

אַ גאַנץ אַנדערער מענטש איז געווען שאַרקאַנסקי.

ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, מיט ברייטע שולטערן, די האָר ברויגע, זיידענע, די אויגן גרויסע, פון העל־גרויען קאָליר. ער איז געווען אַ שווייגנדיקער, געקאָנט אָפּזיצן אַ גאַנצן אָוונט און ניט אויסרעדן קיין וואָרט. אַחוץ איין מאָל, געדענק איך, האָט ער פאַרגעלייענט זיינס אַ ליד:

„ווי מיין באָבע האָט גערעדט,
אויף דעם שטייגער שרייב איך.
איך בין אַ יידישער פּאָעט,
און אַ קבצן בלייב איך. . .״ א. אַז. וו.

מיין מוטער פלעגט צווישן אַנדערע מאכלים, אויך אַוועקשטעלן אויפן טיש הייסע באָב און אַרבעס פאַר די געסט. שאַרקאַנסקי האָט זייער ליב געהאַט באָב. פלעגט ער אָפּזיצן אַ גאַנצן אָוונט, איין פוס פאַרלייגט אויפן צווייטן, מיט דער רעכטער האַנט גלעטן זיין וואָנצעלע איבער דער לינקער זייט ליפּ, און קייען באָב.

איין מאָל, אויפעסנדיק אַ גרויסע שיסל באָב, איז ער אויפגעשטאַנען, גענומען זיין הוט, און צוגייענדיק צו מיין מוטער, איר אַ זאָג געטאָן קאַלט און מאָנאָטאָן: „מרס. שמ״ר, אייערע באָב זיינען היינט געווען האַרט.״ און איז אַוועקגעגאַנגען.

אונדזערע פרומע חברטעס

אויף נאָרפאָלק סטריט, וואו מיר האָבן געוואוינט, זיינען אַלע אונדזערע חברטעס געווען קינדער פון אָרטאָדאָקסישע עלטערן און זייער פרומע. ווען זיי האָבן געזען אונדזער פּאָפּאָ זיצן שבתביים פענצטער און רויכערן, האָבן זיי זיך מיט אונדז גערייצט. מיר האָבן דאָס דערציילט דעם פאָטער, און ער האָט זיך פון אונדז אויסגעלאַכט.

— זאָגט אייערע חברטעס, אַז זיי זיינען שוטים; אַז רויכערן אום שבת איז ניט קיין עבירה! זעט איר, קינדער, צו זאָגן ליגנס, צו זיין ניט ערלעך, אָט דאָס הייסט זינדיקן!

ער האָט פאַרענדיקט זיין לעקציע מיט געבן יעדער פון אונדז אַ קוש, און געהייסן אונדז זיך גיין שפּילן.

דער פּאָטער האָט אונדז, קינדער, שטענדיק איינגעטיילט די זעלבע מאָס ליבע. האָט ער איינער פון אונדז מיידלעך געגעבן אַ קוש, צי אַ גלעט, האָט ער די אַנדערע צוויי, אויב זיי זיינען געווען דערביי, אויך דאָס זעלבע געגעבן. ער האָט געהאַלטן, אַז מען טאָר ניט באַווייזן איין קינד מער ליבשאַפט ווי אַ צווייטן, ווייל דאָס קאָן שאַפן פאַרביטערונג און קנאה צווישן זיי. ס'קאָן זיין, אַז טאַקע צוליב דעם האָט תמיד געהערשט צווישן אונדזערע קינדער אחדות און ליבשאַפט.

עס איז יום־כּיפּור פאַרנאַכט. איך שטיי און קוק אַרויס פון אַ פענצטער אויף דער שטילער גאַס. אַלע קראָמען זיינען פאַרמאַכט, און ברענענדיקע ליכט שיינען אַרויס דורך די פענצטער פון די הייזער. מענער, מיט סידורים אונטער די אָרעמס, און פרויען, אין העלע קליידער און ווייסע טיכלעך אויף די קעפּ, גייען אין שול אַריין. עס איז קיל, אַ קאַלט ווינטל בלאָזט, און זאָגט אָן, אַז דער ווינטער קומט אָן. אַ מאָדנער געפיל נעמט מיך אַרום, דאָס האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט פּחד, טרויער, און אין דער זעלביקער צייט אַ מאָדנע זיסקייט און בענקשאַפט...

אויפן געדעקטן טיש ביי אונדז אין הויז שטייען ברענענדיקע ליכט, וואָס די מאַמע האָט געבענטשט. איידער זי איז אַוועק אין שול, האָט זי יעדן פון אונדז אַ קוש געטאָן, געזאָגט: „איך גיי אין שול אויסבעטן אַ גוט יאָר פאַר אונדז אַלעמען.‟ — און זיך צעוויינט...

דאָס עסן שטייט אויפן טיש, אָבער איך און מיינע ביידע שוועסטערלעך עסן ניט, ווייל מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַסטן. מיר גנבענען זיך אַרויס פון הויז, אַז דער פּאַפּאַ זאָל אונדז ניט באַמערקן, און גייען אַוועק צו אונדזער חברטע בעקיס הויז, וואו אונדזערע חברטעס דאַרפן זיך צוזאַמענקומען, כּדי צו דאַווענען.

ווען מיר קומען אַהין אַריין, זיינען שוין אַלע פאַרזאַמלט. ברענענדיקע ליכט שטייען אויפן טיש און וואַרפן אַן אומעטיקע שיין אויף אַלץ און אַלעמען אינעם אָרעמען צימער.

מיט ערנסטע פּנימער צעזעצן מיר זיך אַלע אויף שטולן, זיך צוצוהערן צו די תּפילות, וואָס ראָזי, די עלטסטע צווישן אונדז, דאַרף פאַר אונדז פאַרלייענען.

אַנשטאָט אַ סידור, עפנט ראָזי אויף אַן ענגלישע ביבל, און הויבט אָן פאַרלייענען „בראשית״.

— „אין דהי בעגינינג גאָד קריאייטעד דהי העווען ענד דהי אוירטה״, א. אַז. וו. — ראָזי לייענט אַ ווײלע, הערט אויף, און באַקוקט די פאַר־זאַמלטע.

— פאַרוואָס וויינט איר ניט? — שרייט זי אויס מיט כעס. — היינט איז דאָך יום־כיפור! — און זי לייענט ווייטער.

מיר הערן זיך צו מיט גרויס אינטערעס, מיר באַמיען זיך מיט אַלע כוחות צו וויינען, אָבער די טרערן קומען ניט.

ראָזי האַלט שוין ביי דעם, אַז גאָט האָט באַשאַפן די לעבעדיקע באַ־שעפעניש וואָס קריכן, און קוקט זיך ווייטער אום אויף אונדז.

— פאַרוואָס וויינט איר ניט? — שרייט זי ווידער אויס, אָבער דאָס מאָל מיט אַ ווילדן צאָרן, און גיט מיין שוועסטער מאַניעלען, וועלכע זיצט לעבן איר, אַזאַ קניפּ אין אָרעם, אַז זי פאַרגייט זיך אין אַ ביטער געוויין.

זעענדיק מאַניעלען וויינען, צעוויין איך זיך אויך, און אויף מיר קוקנ־דיק — חנהלע, און אַזוי אַלע איבעריקע מיידלעך.

ראָזי קוקט אונדז אָן אַ צופרידענע און זאָגט אונדז, אַז פאַר היינטיקן אָונט האָבן מיר שוין גענוג „געדאַוונט״, און אַז מיר קאָנען שוין גיין אַהיים.

הונגעריקע, מיט בלייכע פנימער און פאַרוויינטע אויגן, קומען מיר אַהיים, און געפינען אונדזער פאָפאָ אומגיין אַ פאַרזאָרגטער הין און צוריק איבערן צימער.

— וואו זייט איר געווען? פאַרוואָס האָט איר געוויינט? פאַרוואָס האָט איר ניט געגעסן אייער „סאַפּער״?

— היינט איז יום־כיפור, ווילן מיר פאַסטן! — ענטפערן מיר אַלע, ווי מיט איין שטימע.

— עס איז דיין אַרבעט, — ווענדט זיך צו מיר דער פאָטער מיט כעס, און דערלאַנגט מיר אַ פּאַטש איבער דער האַנט. — עסן גייט! די מינוט!

עס איז געווען דער ערשטער און איינציקער קלאַפּ, וואָס מיין פאָטער האָט מיר ווען עס איז געגעבן. איך האָב זיך צעוויינט, ניט פונעם ווייטיק, וואָס איך האָב געשפּירט אין מיין האַנט, נאָר פון דעם ווייטיק אין האַרצן, וואָס דער פאָפאָ איז געווען אויף מיר אין כעס.

קאַפּיטל 22

שמ״ר ווערט ווידער באַפאַלן פון קריטיקער

דער פינאַנציעלער דערפאָלג, וואָס דער פאָטער האָט געהאַט אין יענע פאַר יאָר, איז אין אַ געוויסער מאָס געווען די סיבה פאַר די אָנפאַלן, וועלכע מ׳האָט געמאַכט אויף אים אין יענער צייט.

אַ סך שרייבער זיינען אומגעגאַנגען אָן פרנסה. אַ צאָל פון זיי זיינען געווען ניט לאַנג אַריבערגעקומענע פון רוסלאַנד, פוילן, גאַליציע און רו־מעניע, און האָבן אין זייער נייער היים נאָך ניט געקאָנט קריגן קיין באַשעפטיקונג. האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס שמ״ר איז אַזוי דער־פאָלגרייך. אין זייערע הערצער האָט אויפגעפלאַמט אַ שנאה צו אים. זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן שלום־עליכמס קריטיק פון אַ פופצן יאָר צוריק, און האָבן גענומען משפטן שמ״רן מיט דער הילף פון שלום־עליכמען.

אמת, דעם פאָטערס גרויסע ראָמאַנען, וועלכע מען האָט ביי אים באַ־שטעלט צוליב „ביזנעס״, און וועלכע זיינען געווען בלויז אונטערהאַלטונג־ליטעראַטור, האָבן ניט פאַרמאָגט דעם דראַנג צו העלפן די ברייטע פאָלקס־שיכטן; ניט דעם גייסט קעגן דעם יידישן אַסקעטיזם; ניט די שנאה קעגן תקיפים און שיינע יידן, — ווי זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען, וועלכע ער האָט געשריבן אין זיין ערשטן פעריאָד, ביזן סוף פון די אַכציקער יאָרן. אָבער זיי זיינען ניט געווען ערגער, און אפשר אינטערע־סאַנטער, ווי די גרויסע צאָל ראָמאַנען פון דעם סאָרט, וועלכע האָבן דעמאָלט פאַרפלייצט דעם ליטעראַרישן מאַרק, און זיינען געשריבן געוואָרן פון אַזעלכע שרייבער, ווי זייפערט, דאַליצקי, טאַנענבוים און אַנדערע. אָבער יענע האָט מען ניט קריטיקירט, און בלויז שמ״ר איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס קרבן. מען איז אים שטאַרק באַפאַלן, אים געזידלט, און באַ־טאָנט די נעגאַטיווע זייטן פון זיין שרייבן, כאָטש די מערסטע פון די קריטיקער האָבן זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען אפשר קיין מאָל ניט געלייענט.

אָט־די אָנפאַלן פון די שרייבער, האָבן דעם פאָטער שטאַרק וויי געטאָן.

אָבער אין הויז, צו זיין פאַמיליע, האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט וועגן די אומגערעכטע אָנפאַלן אויף אים. זיין שטאָלץ האָט אים ניט דערלויבט דאָס צו טאָן. אין געדרוקטן וואָרט האָט ער דעמאָלט אויסגעדריקט זיין פּיין, זיין קלאָג אויף זיין שריפטשטעלערישן גורל. אין „לאַנד־חכם" (נומער 10), אינעם אַרטיקל „למי אני עמל?" (פאַר וועמען אַרבעט איך?).

דאָרט שרייבט ער: „אני הגבר, איך דער שרייבער פון דיזע ציילן, בין אַ לעבעדיקער עדות, ווי שלעכט אונדזער פּובליקום באַהאַנדלט די פּערזאָנען, וואָס אַרבעטן פאַר זיי. אַלע ווייסן, אַז איך בין דער איינציקער ביי יידן, וואָס האָט איבער צוויי הונדערט ראָמאַנען און דערציילונגען אין העברייאיש און זשאַרגאָן געשריבן פאַר דעם פאָלק ישראל. אַלע, זאָגאַר מיינע ערגסטע פיינט, וועלן מוזן צוגעבן, אַז מיינע ווערק האָבן אַ גרויסן דערפאָלג געהאַט, און האָבן זייער פיל נוצן געבראַכט. נו, און וואָס איז דער לוין פאַר מיין אַרבעט? וועלכער טויגעניכטס עס האָט נאָר געקאָנט אויפהויבן אַ שטיין, האָט מיר אים אין קאָפּ געוואָרפן. ווער עס האָט זיך פון מיינע ראָמאַנען אויסגעלערנט אַביסל שרייבן, האָט אויף מיר שלעכטס געשריבן. אונדזער פּובליקום האָט מיט פאַרגעניגן צוגעקוקט ווי די באַד־יונגען באַוואַרפן מיך מיט שטיינער, און קיינעם האָט עס ניט אינטערעסירט. אין קעגנטייל, פיל האָבן נאָך געפּאַטשט בראַוואָ."

שמ״ר גיט אַרויס דעם גרויסן הומאָריסטישן זשורנאַל „דער יידישער פּאַק"*

דער ליטעראַרישער, ווי אויך דער פינאַנציעלער דערפאָלג פונעם „לאַנד־חכם" האָט דערמוטיקט דעם פאָטער אַרויסצוגעבן, אין אַ פאַרגרעסערטער פאָרם, דעם וועכנטלעכן הומאָריסטישן זשורנאַל „דער יידישער פּאַק". זיין דרוקעריי האָט ער איבערגעקליבן אין אַ גרויסן, שיינעם „אָפיס" אויף איסט־בראָדוויי, און אַלס שותפים האָט אַריינגענומען דעם שרייבער משה זייפערט — דעמזעלבן, וועלכער האָט ביי אים „אַדאָפּטירט" זיין פּיעסע „יהודה הלוי" — און דעם יונגן יצחק אַבראַמסאָן אַלס ביזנעס־מענעדזשער.

כאָטש מיטאַרבעטער אין זשורנאַל זיינען, אַחוץ זייפערטן, געווען די שרייבער מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, תשר״ק און אַנדערע,

*) „דער יידישער פּאַק" איז געווען דער ערשטער פון דעם מין אין אַמעריקע.

האָט דאָך דער פּאַטער אויסגעפּילט כמעט העלפט פון זשורנאַל אַליין, געשריבן, אַחוץ אונטער זיין ריכטיקן נאָמען, אויך אונטער די נעמען „האָדעסאָן״ און „בן יצחק״ (נאָך זיין מוטער האָדעס און נאָך זיין פאָטער יצחק־אייזיק), און געשריבן האָט ער דאָרט, אַחוץ אַ ראָמאַן, אויך וואָדע־ווילן, הומאָריסטישע דערציילונגען, לידער, אַנעקדאָטן, עפּיגראַמען א. אַז. וו. אַ באַזונדער־גרויסן דערפאָלג האָט געהאַט זיין סעריע סאַטירישע לידער „דער פּאָק לאַכט״, און „דער פּאָק וויינט״.

דער זשורנאַל האָט געהאַט אַ ליטעראַרישן דערפאָלג, אָבער ניט קיין פינאַנציעלן. סוף ערשטן יאָרגאַנג האָבן זיך זייפערט און אַבראַמסאָן צוריקגעצויגן, און דער פּאַטער האָט אַליין אַרויסגעגעבן דעם צווייטן יאָר־גאַנג, אָבער שוין ווי אַ חודשלעכן זשורנאַל. ווען דער צווייטער יאָרגאַנג האָט זיך געענדיקט, האָט „דער יידישער פּאָק״, נאָך אַ גרויסן פינאַנציעלן פאַרלוסט, אויפגעהערט צו דערשיינען. דעם גרויסן „אָפּיס״ האָט דער פּאַטער אויפגעגעבן, און אַריבערגעקליבן זיין דרוקעריי אין אַ קליינער „סטאָר״ אויף דער זעלבער גאַס.

קאַפּיטל 23

שמ״ר צווישן זיינע נאָענטסטע

שלעכטע צייטן, אומעטיקע טעג. יענע צייט איז אינעם פֿאָטערס לעבן איז געווען אַ ביטערע, אַ שווערע. אין דרוקעריי איז קיין אַרבעט ניט געווען. די קריטיקער האָבן אים באַפֿאַלן פֿון אַלע זייטן מיט אַפּלאַכעריי און זלזולים. דער ברודער, וועלכער שטודירט „לאָא״, וויל צוהעלפֿן אין דרוקעריי, לאָזן אים אָבער די זעצער ניט צו צו דער אַרבעט, ווייל ער איז ניט קיין יוניאָן־מאַן. מיר, מיידלעך, זיינען נאָך צו יונג דעם פֿאָטער מיט עפּעס אַרויסצוהעלפֿן.

די מוטער איז אומצופֿרידן און בערוגז. די שלעכטע עקאָנאָמישע לאַגע ווירקט אויף איר שלעכט, און זי מאַכט דעם פֿאָטער פֿאַרוואורפֿן פֿאַר־וואָס ער איז ניט קיין ביזנעסמאַן, פֿאַרוואָס ער לאָזט זיך פֿון אַלעמען באַ־שווינדלען. זי האָט צו אים טענות, וואָס אין אַלע טעאַטערס שפּילט מען זיינע פּיעסעס און מען מאַכט אַ סך געלט פֿון זיי, אָבער ער, דער פּראָפֿעסער, קריגט ניט קיין סענט. עס טוט איר וויי, וואָס די בוכהענדלער ווערן רייך פֿון זיינע ראָמאַנען, און זיין אייגענע פֿאַמיליע ליידט נויט.

דער פֿאָטער ווייסט, אַז די טענות זיינען גערעכטע, און ער פֿילט זיך שולדיק קעגן זיין פֿרוי און קינדער. הערט ער אויס די טענות און פֿאַר־וואורפֿן אַ שווייגנדיקער.

איך געדענק יענע מיטאָג־שטונדן, ווען מיר, קינדער, פֿלעגן קומען אַהיים פֿון סקול, און דער פֿאָטער — פֿון „אָפּיס״. אָוועקלייגנדיק זיין שטאָק און צילינדער־הוט אויף אַ בענקל, פֿלעגט ער זיך אָוועקזעצן אַ שווייגנ־דיקער ביים טיש און עסן דעם אָרעמען מאָלצייט, וואָס די מוטער האָט צוגעגרייט. איך געדענק דעם שאָטן אויף זיין געזיכט און דעם טרויער אין זיינע אויגן.

אָבער אין די אָוונטן, ווען מיר האָבן זיך ווידער אַלע צונויפֿגעקליבן, איז די שטימונג געוואָרן אַ לייכטערע, אַ בעסערע, ווייל עס האָט געהערשט אמתע ליבשאַפֿט צווישן אונדז אַלעמען. נאָכן עסן, ווען מיר, מיידלעך, האָבן צוגענומען פֿון טיש און צוואָשן דאָס געשיר, האָט דער פֿאָטער זיך

אויסגעצויגן אויף דער סאָפע, און יעדע פון אונדז האָט געוואָלט זיין די ערשטע אים צו דערלאַנגען אַ קישעלע אונטערן קאָפּ. אונדזער ליבע האָט אים געוואַרעמט, און ווען מיר האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום אים, פלעגט ער, גלעטנדיק אונדז איבער די קעפּ, אויספרעגן וועגן דער סקול, וואָס מיר לערנען, א. אַז. וו. דעמאָלט האָבן זיינע אויגן געשיינט מיט ליבע און וואַרעמקייט, און אויף זיין געזיכט האָט זיך צעלייגט אַ שמייכל.

מיטן ברודער האָט דער פּאַטער ליב געהאַט צו שפּילן שאַך אין אָוונט. אויך פלעגט ער שפּילן שאַך מיט זיין ברודער לאַזאַר, וועלכער האָט אונדז אָפט באַזוכט. מיר, קינדער, האָבן, נאַטירלעך געוואָלט, אַז אונדזער פּאַפּאַ זאָל געווינען דעם שאַך ביים פעטער, און ווען דאָס האָט פּאַסירט, פלעגן מיר אויסברעכן מיט אַ פרייד־געשריי, און דערביי געזונגען אַ געוויס לידעלע, וואָס דער פּאַטער האָט פאַרפאַסט פאַר דעם צוועק:

„טידל, לידל, לידל רומפּאַ,
רומפּאַ, רומפּאַ,
טידל, לידל, לידל רומפּאַ,
רומפּאַ, פּאַ־פּאַפּאַ.״

דערביי האָבן מיר צוגעקלאַפּט מיט די הענט אויף טאַצן און אויף בלעכענע כלים. דער פּאַטער האָט אונדז געהאָלפן זינגען דאָס לידל, און דערביי געמאַכט אַ זשעסט, ווי ער וואָלט געשפּילט אויף אַ פידל. פאַר־קערט אָבער, ווען דער פעטער האָט געוואונען דעם שאַך, איז געווען טויט־שטיל. „חברה״, האָט דער פעטער צו אונדז געשריען, „פאַרוואָס זינגט איר ניט ?״ — און ניט באַקומען פון אונדז קיין ענטפער, האָט ער, נעבעך, אַליין דאָס לידל געזונגען, און נאָכגעמאַכט דעם פּאַטער, ווי ער שפּילט אויפן פידל.

צווישן די פריינט, וועלכע האָבן אונדז אין יענער צייט אָפט באַזוכט, זיינען געווען די אַרויסגעבער יהודה קאַצענעלנבאָגען, קאַנטאָראָוויטש און יעקב סאָפּירשטיין; אברהם פריידוס, דער ביבליאָטעקאַר פון דער סעמיטי־שער אָפּטיילונג פון דער „ניו־יאָרק פּאָבליק לייברערי״; די דיכטער מ. מ. דאָליצקי, און נפתלי הערץ אימבער; דער פאָלקס־דיכטער שלמה שמולע־וויטש, ווי אויך די שרייבער פּראָפעסאָר געצל זעליקאָוויטש און נאַטאַנזאָן (קל־וחומר).

קאַצענעלענבאָגען און קאַנטאָראָוויטש, וועלכע זיינען געווען שותפים

אין דעם פֿאַרלאַג וואָס האָט געטראָגן זייערע נעמען, פֿלעגן קומען צו אונדז פֿינקטלעך יעדן שבת בייטאָג אויף פֿיש, וואָס מיין מוטער האָט צוגעגרייט. זיי האָבן שטענדיק מיטגעבראַכט מיט זיך נאָטן פֿון אַ ליד פֿון ידישן טעאַטער, וואָס זיי פֿלעגן אַרויסגעבן, און זיי האָבן פֿאַרגעניגן געהאַט צו הערן ווי איך אָדער מיינע שוועסטער האָבן געשפּילט די מוזיק אויף דער פּיאַנאָ.

סאַפּירשטיין איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער, רירעוודיקער מענטש, מיט אַ קלוגן פּנים. זיין קורץ־געשאָרן בערדל איז געווען פֿון זעלבן טונקל־ברוינעם קאָליר ווי זיינע האָר. ער פֿלעגט אונדז באַזוכן יעדן שבת אָוונט, און צוזאַמען מיט מיינע עלטערן און נאָך אַ פּאָר פֿריינט „מאַכן אַן אַקע". דער פֿאָטער האָט כמעט שטענדיק פֿאַרלוירן אין דער שפּיל: ערשטנס, האָט ער געהאַלטן זיינע קאָרטן אַזוי אָפֿן, אַז עס איז געווען לייכט צו זען וואָסערע קאָרטן ער האָט, און צווייטנס, צוליב זיין „מאַכן ספּעקולאַציע". וואָס האָט געמיינט „מאַכן ספּעקולאַציע"? ווען ער האָט געהאַט אַ זייער גוטע קאָרט און איז געווען זיכער אַז ער וועט געווינען, האָט ער אָנגעבאָטן די, וואָס האָבן געשפּילט קעגן אים, זיך צעטיילן מיטן געלט. די שפּילער האָבן שוין געוואוסט, אַז ווען שמ"ר באַט אַן „ספּעקולאַציע", האָט ער אַ זייער גוטע קאָרט, און זיי זיין פֿאַרשלאַג גלייך אָנגענומען. דער פֿאָטער האָט ניט געהאַט קיין האַרץ צו געווינען געלט פֿון זיינע פֿריינט.

מיין מוטערס וועג צו שפּילן קאָרטן איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער. זי האָט אָפֿט אירע קאָנקורענטן פֿאַרטריבן אַפֿילו מיט אַ קליינער קאָרט, מיט דעם וואָס זי פֿלעגט „סטראַשען". איבערהויפּט האָט זי זייער הנאה געהאַט און האַרציק געלאַכט, ווען זי האָט אַזאַ געניטן געשעפֿטסמאַן ווי סאַפּיר־שטיין פֿאַרטריבן מיט אַ גוטער קאָרט.

אין דער שפּיל פֿון „אַקע" האָט אָפֿט אָנטיילגענומען דער דיכטער מ. מ. דאָליצקי. ער און זיין פֿאַמיליע האָבן געוואוינט טאַקע ניט ווייט פֿון אונדז, און זיי האָבן אונדז אָפֿט באַזוכט.

דאָליצקי איז געווען אַ הויכער, ריזיקער, זעקס־פֿוסיקער מאַן, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ רונד געזיכט און שיין־פֿאַרמירטע הענט. ער פֿלעגט אָפֿט פֿאַר אונדז פֿאַרלייענען זיינע לידער. דאָס ליד, וואָס איז מיר מער פֿון אַלע פֿאַרבליבן אין זכרון, האָט געטראָגן דעם נאָמען „קויפֿט אַ ציטונג":

אונדזער פּאָטער שמ״ר

„קויפט אַ צייטונג, קויפט אַ צייטונג,
שרייט אַ יינגל אין די גאַסן,
נאָר איין פּעני, נאָר איין פּעני, —
ניטאָ קיין ענטפער פון די מאַסן.״

דערביי פלעגט דאָליצקי אַקצענטירן די ווערטער מיט זיין שיינער, ווייסער רעכטער האַנט.

נפתלי הערץ אימבער איז געווען אַן אויסערגעווינלעך אינטערעסאַנ־טער מענטש. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פופציק, און אויסגעזען האָט ער ווי אַ ציגײנער. זיין געזיכט איז געווען פון אַ זייער טונקל־ברוינעם קאָליר, זיינע אויגן פעך־שוואַרצע, און זיינע לאַנגע, שוואַרצע האָר האָבן דערגרייכט ביז זיינע שולטערן. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס, שלאַנק געבויט און פאַרמאָגט אַ זייער קלוגן שמייכל.

נ. ה. אימבער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. דער ריכטער מאיר סולצבערגער, פון פילאַדעלפיע, וואָס האָט שטאַרק פאַרערט אימבערס טאַלאַנט, האָט אים געגעבן אַ פּענסיע פון פינף דאָלער אַ וואָך. ווייסנדיק אָבער, אַז ער האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן, האָט סולצבערגער צוגעשיקט דאָס געלט צו הער פריידוס, און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל געבן אימבערן ניט מער ווי אַ דאָלער אָדער צוויי אויף אַ מאָל.

אימבערן האָט דאָס זייער געקרענקט, און אין כעס איז ער געווען ניט אויף סולצבערגערן, נאָר אויף פריידוסן. דעריבער האָט ער פריידוסן גע־רופן ניט מיט קיין אַנדערן נאָמען ווי „דאָס קעלבל״.

אימבער האָט אונדז זייער אָפט באַזוכט. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אין מיר פאַרליבט. איך האָב אָפט געהערט ווי ער זאָגט צום פּאָטער: „שמ״ר, גיב מיר דיין ראָזעלען, איך שטאַרב נאָך איר!״ אויף דעם האָט דער פּאָטער אים געענטפערט מיט אַ געלעכטער: „נאַרישער ייד, דו ביסט דאָך אַלט גענוג צו זיין איר זיידע.״

איין מאָל איז אימבער אַריינגעפאַלן צו אונדז אין הויז זייער אַ קראַנקער. זיינע אויגן זיינען געווען פאַרלאָפן מיט בלוט, און זיין פּנים איז געווען פון אַ גרינעם קאָליר. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע און גענומען שרייען: „שמ״ר, איך שטאַרב! רוף אַ דאָקטער!״

דער פּאָטער איז טאַקע באַלד אַרויסגעלאָפן רופן אַ דאָקטער. מיינע ביידע שוועסטער און איך האָבן דערווייל פּרובירט העלפן אימבערן מיט

וואָס מיר האָבן געקענט. מיר האָבן אים אויסגעטאָן די שיך, געלייגט קאַלט וואַסער צום קאָפּ, געגעבן וואַסער צום טרינקען א. אַז. וו.

דער פאָטער איז באַלד צוריקגעקומען און געבראַכט מיט זיך דר. בלאָשטיין, וועלכער האָט געוואוינט אַנטקעגן אונדזער הויז.

— וואָס איז דאָס, מר. אימבער, איר ווילט גאָר שטאַרבן? — האָט דר. בלאָשטיין געפרעגט, צוגייענדיק צום חולה.

אימבער האָט געעפנט זיינע מידע אויגן.

— דאָקטער, — האָט ער געענטפערט, — ווען דריי מלאכימלעך שטייען אַרום מיר, וועט שוין דער מלאך־המות ניט קאָנען צוקומען צו מיר!

דער דיכטער שלמה שמולעוויטש איז געווען אַ הויכער, דיקער, ברייט־פּלייציקער מאַן, מיט רויטע באַקן און לעבעדיקע אויגן. ער האָט פאַרמאָגט אַ שיינע באַריטאָן־שטימע, און פלעגט שטענדיק פאַרזינגען פאַרשיידענע לידער — רוסישע, יידישע און אויך זיינע אייגן־פאַרפאַסטע. אין יענער צייט האָט ער פאַרפאַסט אַ מעלאָדיע צום פאָטערס ציוניסטיש ליד „די מוטער פּאַלעסטינע", וואָס איז דעם פאָטער געווען זייער געפעלן. מיר, קינדער, האָבן זיך דאָס ליד אויסגעלערנט, און פלעגן עס מיטזינגען מיט שמולעוויטשן.

מיין שוועסטער חנהלע האָט פאַרמאָגט זייער אַ שיין שטימעלע. ווען עס זיינען געקומען צו אונדז געסט, האָט דער פאָטער זי געבעטן עפּעס פאַרזינגען, און ער פלעגט מיט שטאָלץ און פאַרגעניגן זיך אַליין צוהערן צו איר.

עס האָבן מיט אונדז אויך מיטגעזונגען מיינע צוויי פעטערס, דוד און יהושע (מיין מוטערס ברידער, וואָס זיינען אַריבערגעקומען פון פּינסק). דאָס געזאַנג ביי אונדז איז געווען אַזוי פאַרבנרייך, אינטערעסאַנט און פריילעך, אַז פאַרבייגייענדיקע מענטשן פלעגן זיך אָפּשטעלן לעבן אונדזערע פענצטער און זיך צוגעהערט.

קאַפּיטל 24

שמ״ר ענטפערט זיינע קריטיקער דורך זיין בראָשור „יהי אור״

די בייזע קריטיקער פון דעם פּאַטערס ראָמאַנען האָבן זיך פאַרמערט. עס איז געוואָרן אַ מין וויסטע שפּיל, אַרונטערצורייסן שמ״רן.

די קרענקונג, וואָס עס האָט פאַרשאַפט דעם פּאַטער, איז אוממעגלעך צו באַשרייבן. ער האָט געוואוסט ווי פאַלש עס זיינען די פאַרלוימדונגען, און ער האָט באַשלאָסן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו ענטפערן זיינע קריטיקער, האָט ער פאַר דעם צוועק אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע בראָשור מיטן נאָמען „יהי אור״.

אין דער בראָשור באַווייזט ער מיט פאַקטן, ווי אומגערעכט עס זיינען זיינע קריטיקער בנוגע אים. ער באַטאָנט דאָרט, אַז דער מערסטער טייל פון זיינע קריטיקער האָבן זיינע ראָמאַנען גאָר ניט געליינט, און אַז ווען זיי וואָלטן דאָס יאָ געטאָן, וואָלטן זיי פאַר קיין פאַל ניט געשריבן וועגן זיי דאָס, וואָס זיי שרייבן. ער דערמאָנט דאָרט די נעמען פון די שרייבער א. צעדערבוים און ח. לעווי, די רעדאַקטאָרן פון דעם „יידישן פאָלקס־בלאַט״ אין רוסלאַנד, וועלכע האָבן אים ביטער קריטיקירט און דערנאָך, ווען זיי האָבן זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען איבערגעליינט, האָבן זיי זיך פּערזענלעך און עפנטלעך אַנטשולדיקט פאַר אים.

אין דער בראָשור שטעלט זיך דער פּאַטער אָפּ איבערהויפּט אויפן ביכל „שמ״רס משפּט״, וועלכס שלום־עליכם האָט אַרויסגעגעבן מיט יאָרן צוריק. דער פּאַטער באַהויפּטעט דאָרט, אַז ניט שלום־עליכם האָט דאָס ביכל געשריבן, נאָר דוד פרישמאַן, וועמען שלום־עליכם האָט באַצאָלט פאַר דער אַרבעט. ער גיט דאַן איבער דעם אינהאַלט פונעם ביכל, און ווייזט אָן אַז ער ווערט דאָרט פאַלש ציטירט, כדי אים מאַכן לעכערלעך. ער לייקנט אָפּ די באַשולדיקונגען, אַז ער באַנוצט גראָבע רייד און אַז ער לאַכט אָפּ פון יידישקייט, פון יידישע בערד, פון גאָט, פון כלל ישראל. אין דער אמתן, שרייבט ער, שילדערט ער אַלעמאָל בלויז אַ געוויסן כאַראַקטער, און ניט דעם גאַנצן כלל... דאָס, זאָגט ער, טוען בלויז אַנטיסעמיטן.

„יענעם אויסלאַכן,‟ שרייבט דער פּאָטער, „פון יענעם חוזק מאַכן, יענעם איבערקרימען, קאָן יעדער איינציקער. עס קאָן גאָר קיין לייכטערע זאַך ניט זיין, ווי די קליגסטע ווערטער איבערדערציילן מיט אַזאַ טאָן, זיי זאָלן קלינגען נאַריש. מען קאָן די פיינסטע, ריכטיקסטע דערציילונג אַזוי פּאַרקריפּלען, מען זאָל מיינען אַז דאָס איז אַ מעשה אָן הענט, אָן פיס, אָן לייב און לעבן. כדי איינצובילדן די לעזער, אַז אין מיינע ראָמאַנען געפינט מען בלויז ווילדע איבערנאַטירלעכע זאַכן, דערציילט דער קריטיקער איבער די סוזשעטן פון מיינע ראָמאַנען אין אָט אַזאַ טאָן.‟

דער פּאָטער גיט איבער אין דער בראָשור, וואָס האָלט אַכט־און־צוואַנציק זייטן, די סוזשעטן פון זיינע ראָמאַנען ווי שלום־עליכם, אָדער בעסער ווי דוד פרישמאַן דערציילט זיי, און ווי זיי זיינען אין דערווירק־לעכקייט געשריבן געוואָרן.

קאַפּיטל 25

מיין ברודער רופט אַרויס אויף אַ דעבאַטע איבער דעם פּאַטערס ווערק דעם שרייבער לעאָן קאַברין

אַן אינטערעסאַנטער אינצידענט איז פאַרגעקומען, ווען מיין ברודער אברהם האָט אַרויסגערופן אויף אַ דעבאַטע דעם שרייבער לעאָן קאַברין, וועלכער האָט דעם פּאַטערס ראָמאַנען שטאַרק קריטיקירט.

ל. קאַברין איז דעמאָלט געווען אַ יונגער מאַן און נאָך אַ גאָר־יונגער שרייבער. באַקענט האָבן מיר זיך מיט אים, ווען ער פלעגט מיט אַ פּאָר יאָר פריער, ווען ער האָט געהאַט אַ „פּייפּער־ראוט", ברענגען יעדן פרי־מאָרגן דעם פּאַטער די דייטשע „שטאַאַטס־צייטונג". ער פלעגט דעמאָלט דערציילן וועגן זיינע ליטעראַרישע אַמביציעס, און דער פּאַטער פלעגט אים שטענדיק דערמוטיקן.

די דעבאַטע איז פאַרגעקומען אין אַ גרויסן זאַל אויף הענרי סטריט. אויף דער בינע זיינען געזעסן: לעאָן קאַברין, דער קעגנער פון שמ"רן; מיין ברודער, דער פאַרטיידיקער, און דער שרייבער יעקב גאָרדין, דער פאַרזיצער.

ל. קאַברין האָט אָנגעהויבן זיין דעבאַטע מיט דער דערקלערונג, אַז ער אַליין האָט שמ"רס ראָמאַנען קיינמאָל ניט געלייענט, אָבער אָנגעהערט האָט ער זיך וועגן זיי גאָר אַ סך פון פאַרשיידענע שרייבער, און דערפון האָט ער זיינע באַשטימטע מיינונגען. דערנאָך האָט ער איבערגעחזרט די באַשולדיקונגען, אַז שמ"ר שרייבט נאָר פאַר דינסטמיידלעך, אַז זיינע ראָמאַנען זיינען פאַנטאַסטיש און ניט געשטיצט אויף פאַקטן פון לעבן; אַז ער איז קעגן שמ"רס אָפּטימיזם און די גוטע סופ'ן פון זיינע ראָמאַנען, און אַזוי ווייטער.

דער ברודער האָט גראָד דעם פּאַטערס ראָמאַנען יאָ געלייענט, און האָט דערפאַר געקאָנט מיט מער זיכערקייט רעדן וועגן זיי. אַ חוץ דעם, זייענדיק גוט באַקאַנט מיט דער רוסישער און ענגלישער ליטעראַטור, האָט ער, יונג ווי ער איז נאָך דאַן געווען, שוין געקענט אָפּשאַצן די קאָנסטרוק־

טיווע זייט פון פּאַטערס שאַפן, ווי אויך די היסטאָריש־סאָציאַלע באַדייטונג פון זיינע ווערק. די דעבאַטע האָט זיך געענדיקט מיט אַ גרויסער אָוואַציע פון דעם גרויסן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דעם זאַל, ניט נאָר פאַר דעם יונגן שאָמערן, נאָר אויך פאַר זיין פּאַטער.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער פּאַטער איז שוין ליידער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע, האָט ל. קאָברין זיין שטעלונג צו אים געענדערט. אין זיין בוך „דערינערונגען פון אַ דראַמאַ־טורג", אָנערקענט ער די פּאָזיטיווע זייט פון פּאַטערס שאַפן. „קיין יידישער שרייבער", שרייבט דאָרט קאָברין, „איז נאָך ניט געלעזן געוואָרן אַזוי ווי ער. די ראָמאַנען זיינע האָבן אַריינגעדרונגען צו די אומאַנטוויקלטסטע שיכטן פון פאָלק, און האָבן צווישן זיי געשאַפן לעזער פון דעם יידישן וואָרט, פון דעם יידישן בוך, און איך דענק, ממילא, אויך פון דעם בעסערן יידישן בוך."

שמ"ר איז געצוואונגען צו שרייבן אַ ראָמאַן אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען

די קעגנערישע קריטיק איבער דעם פּאַטערס שרייבן האָט אַזוי אָנ־געשראָקן די אַרויסגעבער פון ראָמאַנען, אַז זיי האָבן פשוט מורא געהאַט באַשטעלן ביי אים אַ נייעם ראָמאַן.

אונדזער עקאָנאָמישע לאַגע איז דעריבער געוואָרן ערגער און ערגער. עס איז געקומען דערצו, אַז עס האָט אָנגעהויבן אויספעלן אויף דירה־געלט. דער פּאַטער האָט דאַן גענומען דעם פאָלגנדיקן, פאַר אים שמערצלעכן, שריט:

פאַרבויגנדיק זיין שטאָלץ, האָט ער אָנגעבאָטן דעם אַרויסגעבער פון „טאָגעבלאַט", מר. סאַראַזאָהן, אָנצושרייבן אַ ראָמאַן פאַר זיין צייטונג אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען. מר. סאַראַזאָהן האָט דעם פאַרשלאָג אָנ־גענומען, און דער גרויסער שמ"ר, וועמענס נאָמען האָט פאַרקלונגען די יידישע וועלט, האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ ראָמאַן אונטער דעם פאַרשטעלטן נאָמען „שמעון חיים קריטישאָוו" (ער האָט באַנוצט די זעלבע בוכשטאַבן פון זיין ריכטיקן נאָמען: נחום מאיר שייקעוויטש).

דער ראָמאַן האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די לייענער פון „טאָגע־בלאַט" און, ווען אין עטלעכע חדשים אַרום עס האָט זיך דער ראָמאַן פאַר־ענדיקט, האָט מר. סאַראַזאָהן באַשטעלט ביים פּאַטער אַ נייעם ראָמאַן.

אונדזער פֿאָטער שמ״ר

דעם נייעם ראָמאַן האָט דער פֿאָטער געשריבן אונטער דעם נאָמען דר. פּינסקי. דער ראָמאַן האָט געמאַכט אַזאַ רושם, אַז הונדערטער בריוו פֿון לייענער זיינען דערהאַלטן געוואָרן אין דער רעדאַקציע פֿון „טאָגע־בלאַט“, לויבנדיק דעם נייעם גרויסן שרייבער, דר. פּינסקי, וועלכער האָט זיך באַוויזן אויף דעם יידיש־ליטעראַרישן פֿעלד. אין דער שטיל האָט דער פֿאָטער געלאַכט — עס איז געווען אַ ביטערער געלעכטער...



שמ״ר — אַרום 53 יאָר אַלט

קאַפּיטל 26

שמ״ר פאַרקויפט זיין דרוקעריי — מיר ציען זיך אַריבער קיין בעיאָן, ניו־דזשוירזי — ער שרייבט אָן דאָס טעאַטער־שטיק „די אימיגראַנטן״

זייענדיק פאַרזיכערט מיט פּרנסה, האָט דער פאָטער פאַרקויפט זיין דרוקעריי, וועלכע איז געלעגן ווי אַ שווערע לאַסט אויף זיינע פּלייצעס. יענעם פרילינג (1899) האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן קיין בעיאָן, דאָן נאָך גאָר אַ קליין שטעטעלע אין ניו־דזשוירזי, אַרום אַ שעה פאָרן פון ניו־יאָרק.

וואָס עפּעס פּלוצלונג קיין בעיאָן? גאַנץ איינפאַך — ווייל מיין מוטער האָט אַזוי געוואָלט. באַזוכנדיק אַמאָל אַ פריינדין אין בעיאָן, איז איר די געגנט אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זי האָט גלייך דאָרטן געדונגען אַ דירה, געגעבן האַנט־געלט, און קומענדיק אַהיים, האָט זי אונדז אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז מיר גייען אַהין זיך אַריבערקלייבן.

עס איז געווען אין דער צייט, וואָס איך האָב נאָר־וואָס געענדיקט מיין שטודיום פון סטענאָגראַפיע, טייפּרייטינג און בוכהאַלטעריע אין אַ ביזנעס־קאָלעדזש, און געקראָגן אַ שטעלע אין אַ פירמע אויף קאַנאַל סטריט. פאַרפליכטעט צו זיין אין אָפיס ניין אַזייגער אינדערפרי, האָב איך, וואוינענדיק אין בעיאָן, באַדאַרפט אויפשטיין זעקס אינדערפרי, כדי צו קומען אין אָפיס אין דער ריכטיקער צייט. אויך מיין ברודער האָט באַדאַרפט יעדן טאָג פאָרן אין קאָלעדזש. אָבער אונדזער אימפּולסיווע מוטער האָט וועגן אונדזערע שוועריקייטן גאָר ניט געטראַכט. איר איז געפעלן געוואָרן בעיאָן, האָבן מיר זיך טאַקע אַהין אַריבערגעקליבן.

אָבער חרטה האָבן מיר ניט געהאַט. בעיאָן איז דאָן געווען מער „קאַנטרי״ ווי שטאָט, מיט גרויסע שטרעקעס פעלדער און וועלדער, און געלעגן איז עס האַרט ביים גרויסן, שיינעם „נואַרק בעי״. אונדזער וואוינונג האָט זיך געפונען ביי אַ בלאָק פון „בעי״, און מיר, יונגוואַרג, האָבן אין אונדזער פרייער צייט פאַרבראַכט מער אין וואַסער אָדער אויף שיפלעך, ווי אין הויז.

יענער זומער איז געווען דער אָנגענעמסטער און גליקלעכסטער פאַר

אונדז, זינט מיר זיינען געקומען קיין אַמעריקע. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזן די הייסע שטאָט מיט אירע ענגע גאַסן און נאָך ענגערע וואוינונגען, און האָבן זיך געפונען אונטערן פרייען הימל, און געלעבט אין גאָטס גרינער, שיינער וועלט.

אַ גאַנצע וואָך איז ביי אונדז אין הויז געווען שטיל; דערפאַר אָבער איז ביי אונדז געווען זייער פריילעך שבת און זונטיק, ווען פריינט און באַקאַנטע זיינען געקומען צו אונדז פון ניו־יאָרק. יענעם זומער זיינען מיר זייער באַפריינדעט געוואָרן מיט דעם דיכטער אליקום צונזער, מיט זיין שיינער און יונגער פרוי פייגעלע, און זיינע צוויי זין, פיליפּ און טשאַרלז. זיי אַלע פלעגן קומען יעדן זונטיק ביי טאָג, און פאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיצנדיק אויף דער וועראַנדע, האָט דער אינטערעסאַנטער און ליבלעכער אליקום צונזער געזונגען פאַרגעטראָגן זיינע לידער. פיליפּ האָט צוגעשפּילט אויף זיין פידל, און מיר אַלע האָבן מיטגעזונגען. עס איז געווען אין יענעם זומער, וואָס דער קערן פון ליבע איז פאַרזייט געוואָרן צווישן מיין זעכצן־יאָריקער שוועסטער מרים און צונזערס יינגערן זון טשאַרלז, וואָס האָט געפירט צו זייער שפּעטערדיקער הייראַט.

דער פאָטער האָט זיך זייער גוט געפילט אין בעיאָן. ער האָט ליב געהאַט זיין ליכטיקע, זוניקע היים, און נאָך מער — די אַרומיקע גרינע וועלדער, שמעקעדיקע פעלדער, און די בלומען־באַדעקטע גערטנער. די אַרומיקע שטילקייט האָט אים געלאַטשעט, און, זיצנדיק ביי זיין שרייב־טיש ביים אָפענעם פענצטער, האָט ער אָן אויפהער געשריבן, געשריבן, געשריבן.

יענעם זומער האָט ער, אַ חוץ דעם ראָמאַן פאַרן „טאָגעבלאַט״, אויך אָנגעשריבן צוויי ראָמאַנען פאַר דער פירמע „ראָם״ פון ווילנע און זיין טעאַטער־שטיק „די יידישע אימיגראַנטן״.

קאַפּיטל 27

מיר „מופן" צוריק קיין ניו־יאָרק — דער פּאָטער פאַרקויפט „די אימיגראַנטן"

עס איז געווען אַ הייסער טאָג אין יולי, ווען מיין מוטער איז געקומען אַהיים פון ניו־יאָרק אַ פאַרשוויצטע, און אונדז אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זי האָט געדונגען אַ דירה אין שטאָט, און מיר וועלן דאַרפן טאַקע באַלד אַהין אַריבערקלייבן זיך.

וואָס עפּעס פּלוצלונג אין סאַמע מיטן זומער זיך קלייבן קיין ניו־יאָרק? פאַרוואָס ניט וואַרטן נאָך אַ פּאָר מאָנאַטן ביז עס וועט ווערן קילער? אונדזערע אַרגומענטן און טענות האָבן אָבער גאָר ניט געהאָלפן, און, ווי אַלע מאָל, האָט די מוטער אויסגעפירט. מיט באַדויערן האָבן מיר זיך געזעגנט מיט בעיאָן, מיט איר גרויסן „בעי", מיט אונדזער זוניקער היים וואו מיר האָבן אַזוי פיל אָנגענעמע שטונדן און טעג פאַרבראַכט, און זיך צוריקגעקערט קיין ניו־יאָרק.

די וואוינונג, וואָס די מוטער האָט געדונגען, האָט זיך געפונען אין אַ פּריוואַט הויז אויף הענרי סטריט. די צימערן זיינען געווען שיינע און ליכטיקע, און עס האָט אונדז ניט גענומען לאַנג זיך איינצואָרדענען.

דער פּאָטער האָט אינגיכן איינגעלאַדן די שוישפּילער באָריס טאָמאַשעווסקי און זיגמונד מאָגולעסקאָ, דאָן די פאַרוואַלטער פון גרויסן „פּיפּלס טעאַטער" אויף דער באָוערי, צו קומען צו אונדז אַהיים און הערן זיין נייע פּיעסע „די אימיגראַנטן".

מיר, יונגוואַרג, האָבן שטענדיק געהאַט אַ „טריל", ווען אַקטיאָרן פלעגן קומען צו אונדז אַהיים צו הערן די פאַרלעזונג פון דעם פּאָטערס אַ פּיעסע. אויפן טיש פלעגט דאָן שטיין טיי און צובייסן, וואָס די מוטער האָט צוגעגרייט, און מיר, קינדער, ווי אויך די מוטער, זיינען געזעסן אַרום טיש צוזאַמען מיטן פּאָטער און די אַקטיאָרן, און זיך צוגעהערט צו דער פאַרלעזונג.

דער פּאָטער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן רואיק און גוטמוטיק, און

איז געווען פרײַ פון וועלכער עס איז נערוועזיטעט. ער איז געווען זייער אַ גוטער פּאַרלייענער, און זיך באַנוצט מיט די פּאַסנדיקע זשעסטן און באַטאָנונגען.

„די אימיגראַנטן״ האָט דער פּאַטער געבויט אויף דער דעמאָלטיקער אַנגעוויטיקטער פּראַגע פון מיסעס מיטן באָרדער, און ער האָט אין איר געשאַפן אַ ספּעציעלע קאָמישע ראָל פאַר זיין ליבלינג מאַגולעסקאַ.

ווען דער פּאַטער האָט געענדיקט די פאַרלעזונג, איז אין צימער געווען זייער שטיל. אַלע האָבן געוואַרט אויף טאָמאַשעווסקיס מיינונג.

„יאָ, אַ שיין פּיעסעלע, אָבער״ . . . זי איז אים ניט שטאַרק געפעלן. דערפאַר אָבער איז זי שטאַרק געפעלן געוואָרן מאַגולעסקאַן. אַזאַ ראָל, ווי אין דער פּיעסע, האָט ער שוין לאַנג ניט געהאַט, און ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז טאָמאַשעווסקי זאָל עס קויפן.

— איך וועל אייך געבן פאַר איר הונדערט דאָלער, אויב איר ווילט, — האָט טאָמאַשעווסקי אַנגעבאָטן דעם פּאַטער.

— ניט מער ווי הונדערט דאָלער? — אפילו מיין גוטהאַרציקער, נאַאיווער פּאַטער איז געווען שאָקירט.

— נו, זאָל זיין הונדערט מיט פינף־און־צוואַנציק, הונדערט מיט פינף־און־דרייסיק, אָבער ניט אַ פּעני מער.

ניט דער מענטש פון דינגען זיך איז מיין פּאַטער געווען. ער האָט טאַקע טאָמאַשעווסקין פאַרקויפט די פּיעסע פאַר הונדערט מיט פינף־און־דרייסיק דאָלער.

מען פירט אויף „די אימיגראַנטן״

די אויפפירונג פון „די אימיגראַנטן״ איז פאָרגעקומען אין עטלעכע וואָכן אַרום, טאַקע אין „פּיפּלס טעאַטער״, מיט דער באַטייליקונג פון די שוישפּילער טאָמאַשעווסקי, מאַגולעסקאַ, מאַקס ראָזענטאַל, מאַדאַם סאָפיע קאַרפּ, בינע אַבראַמאָוויטש, בועז יאַנג און אַנדערע. דער דערפאָלג פון דער פּיעסע איז געווען אַזאַ ריזיקער, וואָס זעלטן האָט דער יידישער טעאַטער אַזוינס געזען. אין די ערשטע עטלעכע פאָרשטעלונגען האָט מען צענדליקער מאָל אַרויסגערופן דעם פּאַטער אויף דער בינע, און דער אויסגעשריי פון פּובליקום „בראַוואָ, שמ״ר!״, האָט פאַרקלונגען די לופט. אויך יעדער שוישפּילער און שוישפּילערין האָבן געקראָגן אַן אָוואַציע פאַר זייער שפּילן. איבערהויפּט איז מאַגולעסקאָס דערפאָלג גע־

ווען גרויס אין זיין ראָל אַלס „פּיטל פּאַוואָליע" — דער גרינער בחור, וואָס ווערט אַ פּעדלער אין אַמעריקע. דאָס גאַנצע יידישע ניו־יאָרק האָט וועגן אים גערעדט, און וואו מען איז געשטאַנען און וואו מען איז געגאַנגען, האָט מען איבערגעחזרט זיין ווערטל „פּאַוואָליע, פּעטער!", וואָס ער האָט געהאַט אין דער פּיעסע. אויך האָט מען אומעטום איבערגעזונגען זיין קאָמישן קופּלעט „ווי געפעלט אייך אַזאַ באָרדער?"

נאָך דעם ווי די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן ביי אַ פופצן וואָכן, איז מאָגולעסקאָ קראַנק געוואָרן אויפן האַלדז און פאַרלוירן זיין שטימע. אויף זיין חלק האָט ער ביז דאַן פאַרדינט פופצן טויזנט דאָלער. די פּיעסע איז נאָך אָבער צו גוט געגאַנגען, מען זאָל זי אָראָפּנעמען פון דער בינע, האָט טאָמאַשעווסקי באַשלאָסן איבערצוגעבן מאָגולעסקאָס ראָל צו זיין טאַלאַנט־פולער פרוי, בעסי.

איז בעסי טאָמאַשעווסקי דערשינען אין דער ראָל פון „פּיטל פּאַוואָליע". זי האָט דער ראָל ניט געגעבן קיין אַנדערע אויסטייטשונג ווי מאָגולעסקאָ, נאָר זי האָט, אין קעגנטייל, אים אימיטירט, ווי מען זאָגט, מיט אַלע פּיטשעווקעס. אַפילו איר גרים איז געווען פּונקט ווי זיינער. אויך איר דערפאָלג איז געווען אַ ריזיקער. זעקס־און־צוואַנציק וואָכן נאָכאַנאַנד איז געשפּילט געוואָרן „די אימיגראַנטן" — „דאָס פּיעסעלע", וועלכע טאָמאַשעווסקי האָט זיך געקווענקלט צו קויפן.

שווערע טויזנטער האָט די פּיעסע אים אַריינגעבראַכט, און אַלע איבעריקע שוישפּילער האָבן פון איר אַ סך געלט פאַרדינט. דער שאַפער פון דער דאַזיקער פּיעסע האָט אָבער מער ווי הונדערט מיט פינף־און־דרייסיק דאָלער ניט באַקומען.

און ווידער האָבן מיר, קינדער, געהערט ווי אונדזער פאָטער באַרואיקט אונדזער מוטער:

— נאַרעלע, וואָס ערגערסטו זיך? איך וועל אָנשרייבן אַן אַנדערע.

קאַפּיטל 28

שמ״ר שרייבט אָן צוויי נייע טעאַטער־שטיק — „די גרינע״ און „די גאָלדענע מדינה״ — ער שרייבט אויך אַ ראָמאַן אין דער נייער צייטונג „יידישער מאָרגן־זשורנאַל״

אַדאַנק דעם גרויסן דערפאָלג פון „די אימיגראַנטן״, איז דער פאַרלאַנג פון די „מענעדזשערס״ פון די יידישע טעאַטערס פאַר נייע פּיעסעס פון פאַטער געווען אַ גרויסער. דערפאַר האָט ער אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים אָנגעשריבן צוויי נייע פּיעסעס: „די גרינע״ און „די גאָלדענע מדינה״.

„די גרינע״ האָט דער פאָטער פאַרקויפט צום „טהאַליאַ טעאַטער״, וואו די צוויי גרויסע שוישפּילער, דוד קעסלער און מאַדאַם בערטאַ קאַליש, האָבן געשפּילט. דאָרט איז זי אויפגעפירט געוואָרן מיט ביידע „סטאַרס״ אין די הויפּט־ראָלן. די פּיעסע האָט אָבער ניט געהאַט קיין גרויסן דערפאָלג, און איך געדענק דייטלעך, ווי אומצופרידן דער פאָטער איז געווען מיט דער אויפפירונג.

אַ גאַנץ אַנדער מזל האָט געהאַט „די גאָלדענע מדינה״, וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג ביי טאָמאַשעווסקין אין זיין „פּיפּלס טעאַטער״. די פּיעסע האָט דער פאָטער געבויט אויף אַ זייער וויכטיקער פראַגע פון יענער צייט, ווען פיל יידישע אימיגראַנטן־מיידלעך פלעגן גיין אין שאַפּ אַרבעטן און שיקן זייערע חתנים אין קאָלעדזש צו שטודירן אויף דאָקטער, אויף לאָיער, אָדער אויף דענטיסט, און ווען די יונגעלייט פלעגן זייערע שטודיומס ענדיקן, האָבן זיי גאָר פאַרגעסן אָן זייערע כלות, וועלכע האָבן אָפּגעפינצטערט זייערע יונגע יאָרן אין שעפּער, אַרבעטנדיק און וואַרטנדיק אויף זיי, און האָבן גאָר חתונה געהאַט מיט רייכע יענקיס.

אַחוץ מאָגולעסקאָ, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען קראַנק, האָבן זיך אין דער פּיעסע באַטייליקט די זעלבע שוישפּילער ווי אין „די אימיגראַנטן״,

אָבער ספּעציעל אויסגעצייכנט זיך אין איר האָט בעסי טאָמאַשעווסקי אַלס די רייכע „יענקי", וואָס בעמט צו ביי דעם שאַפּ־מיידל (סאָפיע קאַרפּ) איר חתן (באָריס טאָמאַשעווסקי).

דער אַרויסגעבער יעקב סאַפּערשטיין איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסן אונטערנעמונגס־גייסט, און אויך אַ זייער פּיאיקער געשעפטסמאַן. עס איז געווען אין יענער צייט, ווען ער האָט זיך אונטערגענומען אַרויס־צוגעבן די ערשטע יידישע מאָרגן־צייטונג אין אַמעריקע, און ער האָט איר טאַקע אַ נאָמען געגעבן „דער יידישער מאָרגן־זשורנאַל".
י. סאַפּערשטיין האָט שטענדיק הויך רעספּעקטירט מיין פּאָטערס טאַלאַנט ווי אַ שרייבער, און איצט, ווען צוליב זיינע גרויסע טעאַטער־דערפאָלגן האָט זיין נאָמען ווידער געקלונגען איבער גאַנץ ניו־יאָרק, האָט סאַפּערשטיין אים פאַרבעטן צו שרייבן אַ ראָמאַן אין זיין נייער צייטונג, און, פאַרשטייט זיך, אונטער זיין ריכטיקן נאָמען. דער פאָטער האָט די איינ־לאַדונג אָנגענומען און באַלד אָנגעהויבן צו שרייבן דעם ראָמאַן „די בהלה".
דער דערפאָלג פון דעם ראָמאַן איז געווען אַזאַ אויסערגעוויינלעכער, אַז סאַפּערשטיין האָט אָפן דערקלערט, אַז אַדאַנק דעם ראָמאַן, וועלכער האָט געשאַפן טויזנטער לייענער, איז זיין נייע צייטונג געשטעלט געוואָרן אויף די פיס.

קאַפּיטל 29

שמ״ר גיט אַרויס דעם ייִדיש־העברייאישן זשורנאַל „די נאַציאָן״, פאַרפאַסט אַ ייִדישן ווי אויך אַ העברייאישן בריוונשטעלער

חוץ דעם וואָס דער פאָטער איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט שרייבן ראָמאַנען פאַר די ייִדישע צייטונגען און פּיעסעס פאַרן טעאַטער, האָט אים דאָך שטאַרק געצויגן אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל. איבערהויפּט האָט ער געפילט אַ דראַנג צו שרייבן אין דער שפּראַך, וואָס איז אים געווען זייער נאָענט צום האַרצן, כאָטש ער האָט זי שוין לאַנג ניט באַנוצט — די העברייאישע שפּראַך. זיין פאַרלאַנג האָט ער ענדלעך פאַרווירקלעכט: ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ מאָנאַטלעכן ייִדיש־העברייאישן זשורנאַל „די נאַציאָן״. אַלס שותף צום זשורנאַל האָט ער פאַרבעטן דעם העברייאישן שרייבער מ. גאָלדמאַן.

„די נאַציאָן״ האָט געהאַט צוויי און דרייסיק גרויסע זייטן, פון וועלכע אַכט זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר העברייאיש. דער זשורנאַל האָט פאַר־עפנטלעכט וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, ייִדישע נייעס און נייעס פון דער וועלט, דערציילונגען, לידער, לעבנס־פראַגן, וויצן א. אַ. וו.

דער פאָטער האָט געשריבן אַ סך אין ביידע אָפּטיילונגען, און אויסער די אַרבעטן אונטערן אייגענעם נאָמען, האָט ער זיך אויך געחתמעט מיט די נעמען: קריטישאַוו, שמן, ב. מ., דר. פּינסקי, דר. נאָטהאַן און דר. מאָריסאָן. אין דער העברייאישער אָפּטיילונג האָט אַ גאַר גרויסן דער־פאָלג געהאַט זיין ראָמאַן „אנקת אסיר״, וואו אַן אַרעסטאַנט פון סינג־סינג דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע.

מיטאַרבעטער אין דער ייִדישער אָפּטיילונג אין זשורנאַל זיינען גע־ווען: פּראָפעסאָר זעליקאָוויטש, טאַנענבוים, הערמאַלין, מאָריס ראָזענ־פעלד, יאָהאַן פּאָליי, אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, פיליפּ קראַנץ, יחזקאל לעוויט און אליקום צונזער. אין דער העברייאישער אָפּטיילונג — אברהם חיים ראָזענבערג, מ. מ. דאָליצקי, צבי־הירש מאַסליאַנסקי און מ. גאָלדמאַן.

„די נאַציאָן“ איז דערשינען פון אויגוסט 1901 ביז יולי 1902. צום סוף פון יאָר האָט מ. גאָלדמאַן איבערגענומען דעם זשורנאַל, געמאַכט פון אים אַ דורכאויס־העברייאישן, און פאַרגעזעצט אַרויסצוגעבן אים אונטערן נאָמען „הלאם“.

דעם זעלבן יאָר האָט דער פאָטער, אויפן פאַרלאַנג פון דער פירמע קאַצענעלנבאָגען און קאַנטאָראָוויטש, פאַרפאַסט אַ בריוונשטעלער, וואָס האָט געהייסן „שמ“רס בריוונשטעלער“. אויסער די פאָרמען פון אַלערליי סאָרטן בריוו, האָט דער בריוונשטעלער אַנטהאַלטן אַ רשימה פון העברייאישע ווערטער, וואָס ווערן אָפט באַנוצט אין יידיש; אַ ליסטע פון העברייאישע נעמען; דעם אלף־בית פון די ענגלישע, העברייאישע און דייטשע שפּראַכן; די פאָרמען פון תנאים, כתובה, שטר־חובות, און אַזוי ווייטער.

די פאָדערונג פאַר דעם בריוונשטעלער איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ פופציק אויפלאַגעס פון אים זיינען געדרוקט געוואָרן, און אַריינגעבראַכט די אַרויסגעבער שווערע טויזנטער דאָלער. דער פאָטער האָט פאַר זיין אַרבעט געקראָגן ניט מער ווי הונדערט דאָלער. פאַר דער זעלביקער סומע האָט ער דעם זעלביקן יאָר פאַרפאַסט אַ העברייאישן בריוונשטעלער, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ווילנע אונטער דעם נאָמען „פנקס פתוח“, וועלכער איז אויך פאַרקויפט געוואָרן אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

קאַפּיטל 30

שמ״רס קינדער — אברהם, ראָזע, מרים, אַנאַ

אברהם שאָמער

צווישן מיין פאָטער און מיין ברודער האָט עקזיסטירט אַן אמתע חבר־שאַפט. דער פאָטער איז געווען שטאָלץ מיט זיין שיינעם, קלוגן, געבילדעטן זון, און אברהם האָט טיף פאַרערט און ליב געהאַט זיין טייערן „באַטיושקאַ״, ווי ער פלעגט אים רופן.

מיין מוטער האָט ליב געהאַט דעם ברודער מער ווי אַלע קינדער. ווען זי איז געווען אין ניט קיין גוטער שטימונג, איז גענוג געווען אַז דער ברודער זאָל צו איר צוגיין און אַ זאָג טאָן: „נו, מאַמעלע, אַ קוש?״ — פלעגט זי זיך דאַן צעשמייכלען, פאַרזיכטיק אָפּווישן די ליפּן, אים געבן אַ קוש, און באַלד איז איר שטימונג געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערע.

אין די ערשטע צוויי יאָר, ווען אברהם האָט פּראַקטיצירט „לאָאָ״, האָט ער זיך געשאַפן אַ נאָמען ניט נאָר אַלס גוטער אַדוואָקאַט, נאָר אויך אַלס אַ מענטשן־פריינט.

אין יענער צייט, ווען טויזנטער מענער, פרויען און קינדער זיינען געקומען פון אייראָפּע אין פרייען לאַנד מיט דער האָפענונג צו שאַפן דאָ פאַר זיך אַ זיכערע היים, איז ניו־יאָרק, אַדאַנק איר געאָגראַפישער פּאָזיציע, געווען דער צענטראַלער פּונקט, וואו די אימיגראַנטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אומבאַקאַנט מיט דעם לאַנד, מיט דער שפּראַך, מיט די געזעצן, זיינען די ניי־אָריבערגעקומענע געווען אַ היפּש ביסל צעטומלט. זיי האָבן אָבער באַלד אויסגעפונען, אַז אין שטאָט איז דאָ אַ יונגער אַדוואָקאַט מיטן נאָמען אברהם שאָמער, דער זון פון דעם גרויסן שמ״ר, וועלכער איז אַן אמתער מלאך, און ער גיט די בעסטע עצות און אינפאָרמאַציע, אין וועלכע זיי נויטיקן זיך, און וועט פון זיי אפילו ניט נעמען קיין געלט, אויב זיי קאָנען ניט באַצאָלן.

און ס׳איז טאַקע געווען אמת: אברהם, זייענדיק גוט באַקאַנט מיט די צרות און מאַטערנישן, וואָס זיינע ברידער און שוועסטער האָבן דורכ־

געמאַכט אין רומעניע, גאַליציע, און איבערהויפּט אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט פּרובירט העלפן מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט די יעניקע, וועלכע האָבן זיך צו אים געווענדט. זיין גרויסער אָפיס אויף מעדיסאָן סטריט איז שטענדיק געווען געפּאַקט, ניט נאָר בייטאָג, נאָר ביז שפּעט אין דער נאַכט.

די „קייסעס", די ענינים, מיט וועלכע ער האָט זיך מייסטנס אָפּגעגעבן, זיינען געווען פון יענע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן צוליב אַלערליי טעכנישע סיבות געזאָלט צוריקגעשיקט ווערן אין די לענדער, פון וועלכע מיר זיינען געקומען.

ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט די אומשטענדן, וואָס האָבן זיי געצוואונגען די לענדער צו פאַרלאָזן, און אויך מיט דעם וואָס זיי דערוואַרט, ווען זיי וועלן זיך אַהין צוריקקערן. מיט אומדערמידלעכע כוחות האָט ער געאַרבעט פאַר די דאָזיקע אומגליקלעכע. ער האָט שטודירט זייערע „קייסעס", זיי מוטיק פאַרטיידיקט פאַר דעם אימיגראַציע־קאָמישאָנער פון עליס־איילאַנד, און אויך אָפט געפאָרן קיין וואַשינגטאָן צום הויפּט־אָפיס פון דעם אימיגראַציע־דעפּאַרטמענט, און אַזוי אַרום געראַטעוועט הונדערטער מענטשן פון צוריקגעשיקט צו ווערן.

אָבער דאָס אַליין האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט. באַזונדערס אָפט דעם „אינדזל פון טרערן", ווי עליס־איילאַנד איז אָנגערופן געוואָרן, האָט ער געזען די צרות, וואָס די אימיגראַנטן, איבערהויפּט די יידישע אימיגראַנטן, האָבן אויסצושטיין ביים וואַרטן ביז מען וועט זיי אַרונטערלאָזן, אָדער זיי צוריקשיקן פון וואַנען זיי זיינען געקומען. אַדאַנק זיינע באַמיאונגען, האָט ער באַוויזן ניט נאָר צו אָרגאַניזירן כשרע קיכן פאַר זיי, נאָר אויך די פּסח־סדרים, מיט מצה, וויין און כשרע שפּייזן.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט גענומען שרייבן דראַמעס פאַר דער יידישער און ענגלישער בינע, האָט ער איינקע פון זיינע פּיעסעס געבויט אויף די פּראָבלעמען, אויף וועלכע ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף עליס־איילאַנד.

אברהם שאָמער גרינדעט דעם „האַיאַס"

אָבער וואָס איז מכח הילף פאַר יענע אימיגראַנטן, וואָס נויטיקן זיך אין דעם, נאָכדעם ווי מען האָט זיי שוין אַרונטערגעלאָזן פון עליס־איילאַנד?

אברהם האָט ניט גערוט, און מיט דער הילף פון נאָך עטלעכע ברייטהאַרציקע מענטשן האָט ער געגרינדעט די „היברו אימיגראַנט אייד סאָסייעטי" — „האַיאַס", וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט איבער דער



אברהם שאָמער

גאַנצער וועלט מיט זיין אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן און טוט נאָך איצט, פאַר אומגליקלעכע יידן.

אברהמס פּאָפּולאַריטעט אויף דער יידישער איסט־סייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז כמעט ניט געווען קיין איין וויכטיקע קולטורעלע, פּאָליטישע אָדער פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונג, אין וועלכער ער האָט זיך ניט באַטייליקט. אפילו אַזעלכע איינפלוסרייכע יאַהודים, ווי דזשייקאָב שיף, לואיס מאַרשאַל, אָסקאַר שטראַוס, סיירוס סולצבערגער און אַנדערע, האָבן זיך גערעכנט מיט דעם יונגן שאָמערס מיינונגען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן ענין, וואָס האָט אַנגערירט די יידן פון דער איסט־סייד פון ניו־יאָרק.

עס איז געווען אין יענע יאָרן, ווען דער ברודער האָט דערזען די הפקרות וואָס האָט עקזיסטירט אין יידישן לעבן, ווען יעדע אָרגאַניזאַציע האָט זיך גענומען די פריוויליי צו רעדן אין נאָמען פון יידישן פאָלק. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער (אין 1905), איז ער אַרויס אין דער עפנטלעכקייט, מיט דער אידייע צו אָרגאַניזירן אַ יידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס זאָל זיין די איינציקע קערפּערשאַפט צו רעפּרעזענטירן און רעדן אין נאָמען פון יידישן פאָלק.

מרים

אין יאָר 1902 האָט מיין שוועסטער מרים און איך געקראָגן שטעלעס אין דער „היברו עדיוקיישאָנעל סאָסייעטי" אין ברוקלין.

דער דאָזיקער אינסטיטוט, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע האַרץ פון דעם כמעט־אינגאַנצן יידישן שטעטל בראָנזוויל, איז געווען אָרגאַניזירט אין דער זעלבער פאָרם און אויף דעם זעלבן סטיל ווי די „עדיוקיישאָנעל עליינס" אין ניו־יאָרק. דאָרט האָבן זיך געפונען קלאַסן פאַר ענגליש, געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, קלאַסן פאַר העברייאיש, פאַרשיידענע קלובן, און אויך אַ גרויסע ביבליאָטעק. דער דירעקטאָר פון דעם אינסטיטוט איז געווען דר. אַלבערט יודעלסאָן.

מרימס אַרבעט איז באַשטאַנען אין אָרגאַניזירן קינדער־קלובן, ווי אויך צו זיין די „ליבערריען" פון דער ביבליאָטעק. איך האָב פאַרטראָטן די שטעלע פון דער בוכהאַלטערין, ווי אויך — סעקרעטאַרין צום דירעקטאָר.

מיין שוועסטער איז אַלט געווען אַ יאָר אַכצן, ווען זי האָט די

אַרבעט אין אינסטיטוט אָנגענומען. מיט דער הילף פון אונדזער פריינט, דעם באַוואוסטן ביבליאָטעקאַר ה׳ פריידוס, האָט זי זיך אין אַ קורצער צייט אויסגעלערנט די אַרבעט ווי אַ „לייבררעריען״, און ווי יונג זי איז נאָך געווען, האָט זי אַלס אָרגאַניזאַטאָרין פון קינדער־קלובן געטאָן וואונדער־באַרע אַרבעט.

מרים איז געווען זייער אַ רייצנדע, פון מיטעלן וואוקס, אַ ביסעלע אַ פולע, מיט לאַנגע, פעך־שוואַרצע האָר, וואָס האָבן בולעט אַרויסגעבראַכט אין שטאַרקן קאָנטראַסט איר שניי־ווייסע הויט. אירע ברוינע אויגן זיינען געווען אַביסל פאַרחלומט, און אַזוי אויך איר האַלטונג — עפּעס ווי זי וואָלט געווען ווייט אָפּגעזונדערט פון די קליינע ערדישע ענינים. דאָס האָט איר אָבער ניט געשטערט צו האָבן אַ סך פאַרערער, ניט בלויז צווישן יונגעלייטלעך פון איר עלטער, נאָר אויך צווישן עלטערע מענער, וועלכע האָבן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס אין לעבן.

איר יונג הערצל האָט אָבער געצויגן נאָר צו איינעם — צום יונגן שיינעם טשאַרלז, דעם ייִנגערן זון פון אליקום צונזער.

טשאַרלז איז געווען זייער אַ שיינער. הויך, שלאַנק, האָר בראָנז־קאָלירטע און געלאָקטע, און גרויסע הימל־בלויע אויגן, ווי ביי זיין פאָטער.

אָבער ניט נאָר פאַר זיין שיינקייט האָט אים מרים ליב געהאַט. טשאַרלז איז געווען אינטעליגענט, זייער מוזיקאַליש, און גוט באַלעזן אין דער וועלט־ליטעראַטור, איבערהויפּט אין פּאָעזיע. די פּאָעמעס פון כמעט אַלע גרויסע ענגלישע און יידישע דיכטער האָט ער געקענט אויף אויסנווייניק, און האָט אויך אַליין געקענט שרייבן פּאָעזיע, און זיין טאַלאַנט האָט ער אויסגענוצט צו שרייבן ליבעס־לידער צו זיין געטין — מרים.

דער פאַרליבטער טשאַרלז האָט געמאַכט מרימען אַ הייראַטס־פאַר־שלאָג, אָבער זי האָט עס דעמאָלט ניט געוואָלט אָננעמען צוליב פיל סיבות. ערשטנס, איז זי נאָך געווען צו־יונג חתונה צו האָבן; צווייטנס, האָט זי געוואָלט פאָרזעצן איר שטודיום אין מאָלעריי, אַ געביט אין וועלכן זי האָט זיך אויסגעצייכנט ווען זי האָט גענומען אַ קורס אין מאָלן אין „עדיר־קיישאָנעל עלייענס״ און אין קופּער־אינסטיטוט; דריטנס, האָט טשאַרלז ניט געהאַט קיין פּראָפעסיע, וואָס זאָל זיי ביידן פאַרזיכערן אַ לעבן צו מאַכן. דעריבער איז איר ענטפער אויף זיין פאָרשלאָג געווען: — „ניין.״

דער פאַרליבטער טשאַרלז איז געווען פאַרצווייפלט. אויב מרים וועט מיט אים ניט הייראַטן, האָט ער ניט צוליב וואָס צו לעבן... אָדער שטאַרבן,

אָדער אַרויסרייסן זי פון זיין האַרצן און פאַרגעסן. זיין באַשלוס איז געווען — צו פאַרגעסן. האָט ער זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף און איז אַוועק־געפאָרן קיין לאָנדאָן.

און כדי איינער דעם אַנדערן צו „פאַרגעסן", האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָ־רעספּאָנדענץ צווישן זיי. וואָס האָט געהאַלטן די בריוו־טרעגער אויף ביידע זייטן ים זייער און זייער באַשעפטיקט. יעדן טאָג האָט מרים דערהאַלטן אַ צוויי־דריי בריוו פון אים, און דאָס זעלבע ער פון איר.

אָפּגעווען אין לאָנדאָן עטלעכע חדשים, האָט זיך טשאַרלז אַרומגעזען, אַז מרים איז גערעכט מיט איר פאַרלאַנג, ער זאָל האָבן אַ פּראָפעסיע. איז ער צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, און נישט פאַרלירנדיק קיין צייט — איז ער אַריינגעטראָטן אין קאָלעדזש צו שטודירן אויף „לאָיער". מרים האָט אויך קיין צייט ניט פאַרלוירן, אים געגעבן איר „יאָ"־וואָרט און צוגעזאָגט חתונה האָבן מיט אים, ווען ער וועט פאַרענדיקן זיין שטודיום.

אַ נ אַ

מיין זעכצן־יעריקע שוועסטער אַנאַ, אָדער חנהלע, ווי מיר פלעגן זי רופן, איז געווען אַ שיינהייט. אַ קליין געוויקסיקע, אַ שלאַנקע, אַ רירעוו־דיקע מיט טונקל־ברוינע האָר, בעקעלעך ווי פרישע רויזן, און גרויסע, שוואַרצע, לעבעדיקע אויגן, האָט זי פאַרכאַפּט מיט איר שיינקייט יעדן, וואָס האָט אויף איר אַ קוק געטאָן. זי האָט פאַרמאָגט אַ דינאַמיש־שטיפערישע נאַטור און, אין קעגנזאַץ צו מרימען, איז זי געווען זייער אַ צוגעלאָזענער מענטש. אינעם קלוב פון בחורים און מיידלעך, צו וועלכן זי האָט געהערט, איז זי געווען דער צענטער. זי האָט אָרגאַניזירט די טעטיקייטן פון קלוב, און איז שטענדיק אויפגעטראָטן אין די פּראָגראַמען, אין פאַרשיידענע ענגלישע און יידישע רעציטאַציעס, איבערהויפּט — ווי אַ זינגערין. זי האָט פאַרמאָגט אַ זיסע סאָפּראַנאָ־שטימע, און אויף אַן אייגנ־אַרטיקן און אינטעליגענטן אופן, אויסגעטייטשט די לידער, וועלכע זי האָט געזונגען. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָט זי זיך טאַקע געשאַפן אַ גרויסן נאָמען ווי אַן אויסטייטשערין פון דעם יידישן פאָלקס־ליד.

עס איז געווען באַטירלעך, אַז די רייצנדע שיינע אַנאַ זאָל האָבן אַ סך פאַרערער. איינער פון אירע פאַרערער, אין וועלכן זי האָט זיך אויך פאַר־ליבט, איז געווען דער יונגער „לאָו"־סטודענט מאָריס ראָטענבערג.

מאָריס איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר אַכצן. הויך און שלאַנק געבויט, מיט שוואַרצע האָר און אויגן, און מיט אַ רונד פריש פּנימל, האָט ער געמאַכט

אַ זייער גוטן איינדרוק אויף אונדז אַלעמען, ווען ער האָט אָנגעהויבן אַריינ־קומען צו אונדז אין הויז. וואָס אונדז איז אָבער אַם מערסטן געפעלן געוואָרן אין אים, איז דאָס, וואָס ער, אַן אַמעריקאַנער־געבוירענער, זייענדיק ווייט פון יידיש און יידישער קולטור, האָט מיט אַזאַ חשק גענומען זיך באַקענען מיט דעם אַלעם. ווי אַ דורשטיקע פלאַנץ זאַפּט־איין וואַסער, אַזוי דורשטיק האָט מאָריס אַריינגעזאַפּט אין זיך די שמועסן וועגן דער יידישער ליטע־ראַטור, ציוניזם און סתם יידישע פראַגן, וועלכע ער האָט געהערט ביי אונדז אין הויז. מיינע עלטערן זיינען דעריבער געווען שטאַרק צופרידן, ווען זייער מוזינקע האָט זיי אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מאָריס האָט איר גע־מאַכט אַ הייראַטס־פאָרשלאָג, און אַז זיי האָבן באַשלאָסן חתונה צו האָבן ווי נאָר ער וועט ענדיקן זיין „לאָא״־שטודיום.

ר אָ ז ע

נו, אַ דאַנק גאָט,ביידע טעכטער, מרים און אַנאַ, האָבן שוין חתנים. אָבער וואָס איז מכח דער עלטסטער, וועגן ראָזען? עפּעס איז איר באַ־נעמונג צו יונגעלייט אַ מאָדנע. ניט זי וויל זיי זאָלן קומען צו איר אין הויז, און ניט זי נעמט אָן זייער איינלאַדונג אַרויסצוגיין מיט זיי. מיינע עלטערן זיינען געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם.

— מיר דאַכט, — האָב איך געהערט ווי דער פאָטער האָט איינמאָל געזאָגט צו דער מוטער, — מיר דאַכט, אַז ראָזעלע האָט אַ געהיימע ליבע.

דער פאָטער האָט געטראָפן. איך בין טאַקע געווען פאַרליבט. איך בין געווען פאַרליבט אין מיין באַלעבאָס — דר. יודעלסאָן.

דר. יודעלסאָן איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר פינף־און־דרייסיק. ער איז געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן. זיין פרוי, וואָס האָט געליטן פון אַ נערוון־קראַנקהייט, האָט זיך געפונען אין אַ סאַנאַטאָריום.

ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער, שלאַנק געבויט, שוואַרצע האָר און מיט אַ שוואַרץ פראַנצויזיש בערדל, און ער האָט געטראָגן ברילן אויף זיינע בלויע אויגן. זיין באַנעמונג איז געווען העכסט אַריסטאָקראַטיש. זיינע מאַניערן — שיינע און איידעלע.

וואָס מיר האָט אימפּאָנירט מער פון אַלץ אין דעם דאָקטאָר, איז געווען זיין הויכע בילדונג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. פּראָפעסיאָנעל אַ ראַבאַי, האָט ער געקענט זייער שיין רעדן פון דער פּלאַטפאָרם. ער איז אויך געווען אַ

ראָזע

מרים

אַנאַ

גוטער לעקטאָר איבער יידישער געשיכטע, איבער נאַטור און אויך איבער פילאָסאָפיע. מיר האָט אויסגעוויזן, אַז אַזאַ געבילדעטער מענטש, ווי דר. יודעלסאָן, איז אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ.

יאָ, איך בין געווען פאַרליבט אין אים! ווי האָב איך גאָר געקאָנט פאַרגלייכן צו אים די יונגעלייטלעך, וועלכע האָבן זיך געשדכנט צו מיר? זיי האָבן אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי נאַרישע ייִנגלעך.

דר. יודעלסאָנס באַנעמונג צו מיר און צו מיין שוועסטער, איז געווען אַ זייער העפלעכע און פריינטלעכע. ווי די טעכטער פון שמ״רן, וועמען ער האָט פאַררעכנט פאַר זיינעם אַ לערער, און וועלכער האָט אים אין זיין יוגנט אָנגעצייגט דורך זיינע ראָמאַנען דעם וועג צו בילדונג, האָט דר. יודעלסאָן גענומען אַ וואַרעמען אינטערעס אין אונדז. ער האָט אונדז דער־מוטיקט צו לערנען און שטודירן, און אונטער זיין איינפלוס זיינען מיר אַפילו געוואָרן וועגעטאַריאַנער. אים איז גאָר אויפן געדאַנק ניט געקומען, אַז זיין יונגע ניינצן־יאָריקע סעקרעטאַרין איז אין אים פאַרליבט.

אין אַ שיינעם, העלן, אָבער פאַר מיר פינצטערן טאָג, ווען איך בין געקומען אין אָפיס צו דער אַרבעט, האָט מיר דר. יודעלסאָן אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער האָט רעזיגנירט פון זיין שטעלע, און אַז ער פאָרט אַוועק קיין שיקאַגאָ צו שטודירן מעדיצין. און ווירקלעך, אין אַ פאָר וואָכן אַרום האָט ער זיך געזעגנט מיטן אינסטיטוט, מיט אונדזער פאַמיליע, מיט זיינע פריינט, און פאַרלאָזט ניו־יאָרק.

מיט זיין אָפּפאָרן איז עפּעס אין מיין לעבן אויסגעלאָשן געוואָרן. די זון איז פאַר מיר אונטערגעגאַנגען. דער אינסטיטוט, אָן מיין פאַרגעטערטן דר. יודעלסאָן, האָט מיר אויסגעוויזן ווי אַ קבר. איך האָב פאַרלאָרן דעם אינטערעס אין מיין אַרבעט, און גיך אויפגעגעבן מיין שטעלע.

אַ ים טרערן פון בענקשאַפט האָב איך פאַרגאָסן אין די שלאָפלאָזע נעכט, און באַשלאָסן — קיין מאָל ניט חתונה צו האָבן...

קאַפּיטל 31

אויף דער 63טער גאַס

עס איז געווען זומער פון יאָר 1903, און מיר האָבן געוואוינט אויף דער 63טער גאַס, ניט ווייט פון סענטראַל־פּאַרק.

ווי אַזוי מיין דינאַמישע מוטער האָט געפונען די דירה אין יענער רייכער און דורכאויס־קריסטלעכער געגנט, איז פאַר מיר נאָך ביז היינטיקן טאָג אַ סוד. ווי עס איז געווען איר שטייגער, האָט זי אונדז אַלעמען פּלוצלונג אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מיר גייען זיך אַריבערקלייבן אויף דער דעמאָלט־וויטער 63טער גאַס, און אינגיכן האָבן מיר זיך טאַקע אַהין אַריבערגעצויגן.

די דירה איז געווען אַ גרויסע, אַ ליכטיקע און אַ לופטיקע, און די זיסע ריחות פונעם נאָענטן פּאַרק האָבן אַריינגעדרונגען צו אונדז דורך די אָפענע פענצטער.

מרים און איך האָבן נאָך דר. יודעלסאָנס אָפּפאָרן, געקראָגן שטעלעס אין ניו־יאָרק; זי — ווי אַ לערערין פון מאָלן אין „עדיוקיישאָנעל אַלייענס", און איך — ווי אַ בוכהאַלטערין און סעקרעטאַרין אין דער נייער „יאַר־מולאָווסקי באַנק" אויף איסט־בראָדוועי. דער ברודער האָט געמאַכט גוטע געשעפטן אַלס אַדוואָקאַט, און דאָס לעבן ביי אונדז אין הויז איז געוואָרן אַ רואיקס און אַ פרידלעכס.

דער פאָטער האָט, ווי זיין שטייגער, אַ סך געשריבן. אַחוץ ראָמאַנען פאַר די צוויי טעגלעכע צייטונגען „טאַגעבלאַט" און „מאָרגן־זשורנאַל", האָט ער אין יענע פאַר יאָר אָנגעשריבן אַ צען טעאַטער־שטיק. איין פּיעסע, אַ קאָמעדיע מיטן נאָמען „דער פאַרליבטער שנאָרער" *), האָט ער פאַרקויפט צו זיין ליבלינג מאָגולעסקאָ. אַ צווייטע, „אני שלמה!" — צו יאָזעף עדעל־שטיין, דעם פּאַרוואַלטער פון „טהאַליאַ־טעאַטער". די פּיעסעס זיינען אָבער

*) די פּיעסע, אונטערן נאָמען „אוי, די ליבע!", איז באַאַרבעט געוואָרן פון מיין ברודער און איז אויפגעפירט געוואָרן אין אירווינג פּלייס טעאַטער אין יאָר 1923, צום אַכצנטן יאָרצייט נאָך מיין פאָטערס טויט.

ניט אויפגעפירט געוואָרן: די ערשטע, צוליב דעם פריצייטיקן טויט פון מאַגולעסקאָן; די צווייטע — צוליב סיבות, וואָס זיינען מיר ניט באַקאַנט.

כאָטש ער האָט אַ סך געשריבן, האָט דער פאָטער, אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, געהאַט אַביסל פרייע צייט פאַר זיך. ער האָט פאַרבראַכט די צייט אין לייענען אַ סך די העברייאישע און דייטשע ליטעראַטורן. איבערהויפּט האָט ער ליב געהאַט צו לייענען די לידער און פּאָעמעס פון זיינע צוויי ליבלינג־פּאָעטן — היינע און שילער. ער האָט אויך ליב געהאַט צו זיצן ביי דער פּיאַנאָ, און מיט איין פינגער, אויסקלאַפּן אויף איר פאַרשיידענע מעלאָדיעס. חוץ דעם אַלעם, האָט ער זיך פלייסיק גענומען לערנען די ענגלישע שפּראַך. עס האָט אים געגעבן אַן אומבאַשרייבלעכן פאַרגעניגן, ווען ער האָט ענדלעך געקענט שרייבן צו אונדז בריוו אין ענגליש, ווען ווער פון אונדז קינדער איז געווען אין „קאַונטרי״ אויף אַ וואַקאַציע.

צוליב דער ווייטקייט פון אונדזער וואוינונג, האָבן מיר ניט געהאַט קיין סך באַזוכער אין די וואָכעדיקע טעג. צווישן די, וואָס זיינען געקומען צו פאַרברענגען אַ נאָכמיטאָג מיט די עלטערן, זיינען געווען אברהם גאָלדפאַדען מיט זיין פרוי פּאַולינאַ. אַ סך שטונדן האָבן זיי ביי אונדז אין הויז פאַרבראַכט, גערעדט וועגן זייערע איבערלעבונגען פון אַמאָליקע יאָרן אין אָדעס, ווען זיי, גאָלדפאַדען און דער פאָטער, זיינען געווען שותפים אין זייער אייגענעם יידישן טעאַטער. גאָלדפאַדען האָט ליב געהאַט צו דערציילן ווי ער פלעגט פון פשוטע מיידלעך און יינגלעך, וועלכע האָבן געקענט זינגען, מאַכן אַקטריסעס און אַקטיאָרן.

איין מאָל, ווען ער איז געווען ביי אונדז אין הויז, האָט ער געהערט מיין שוועסטער אַנאַ זינגען. ער איז געוואָרן ווי אַ ניי־באַלעבטער. „שמ״ר״, האָט ער אויסגערופן, אָנכאַפּנדיק מיין פאָטער ביי דער האַנט, „זי זינגט פּראַכטפול! לאָמירביידע אָנשרייבן אַ פּיעסע פאַר דיין טעכטערל.״

אויף דעם האָט מיין פאָטער געענטפערט:

— ניין, פריינט גאָלדפאַדען, איך וויל ניט, אַז מיינע טעכטער זאָלן זיין אַקטריסעס!

יעדן פרייטיק־צו־נאַכט האָבן מיר געהאַט, וואָס מען רופט אָן: „אָן אָפּען האַוז״. יענע אָוונטן זיינען געווען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטע און פריילעכע. מען האָט געגעסן, געטרונקען, געזונגען, געטאַנצט, גע־

לייענט א. אַז. וו. יעדער וואָס איז געקומען, האָט געוואָלט מאַכן, און טאַקע געמאַכט, אַ ביישטראַג.

צווישן די שטענדיקע באַזוכער פון יענער צייט זיינען געווען: דער שרייבער ישראל זעווין (תשר״ק), ראָוז פּאַסטאָר (די שפּעטערדיקע פּרוי פון דעם מיליאָנער סטאָוקס), יאָהאַן פּאָליי, און, נאַטירלעך, טשאַרלז צונזער און מאָריס ראָטענבערג, ווי אויך דער יונגער מוזיקער יוסף רומשינסקי, וועלכער איז דעמאָלט נאָר־וואָס געהאַט אַריבערגעקומען פון ענגלאַנד און האָט זיך פאַרליבט אין מיר. ער פלעגט מער ווי אַלע צוטראָגן זיין טייל אין די אוונטן. ער האָט פאַרמאָגט אַ זייער אָנגענעמע טענאָר־שטימע, און אַקאָמפּאַנירנדיק זיך אויף דער פּיאַנע, האָט ער ניט נאָר אַליין געזונגען, נאָר ער האָט געמאַכט אַלעמען מיטזינגען. ביזן ווייסן טאָג אַריין האָט מען אַזוי פאַרבראַכט, און נישט גערן האָבן אונדזערע פריינט פאַרלאָזט אונדזער הויז.

קאַפּיטל 32

שמ״ר ווערט קראַנק און שטאַרבט

דער פאָטער האָט זיך שטענדיק געפילט גוט און געזונט, דערפאַר איז פאַר אונדז געווען אַן אומגעריכטע טרויעריקע נייעס, ווען ער האָט זיך גענומען באַקלאָגן, אַז ער האָט אַ ברענעניש אין האַרצן און ווייטיקן אין אַ זייט. ער האָט אָנגעהויבן גיין צו דאָקטוירים, האָט פאַרבראַכט אין סאַראַטאָגאַ עטלעכע וואָכן, אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. ער איז געוואָרן אַלץ דאַרער און דאַרער, קראַנקער און קראַנקער. אַ גאַנץ יאָר האָט ער געליטן פון דער אומהיילבאַרער קראַנקהייט, פון אַ קענסער.

אין דעם יאָר, ווען ער האָט אַזוי שרעקלעך געליטן, האָט זיך זיין איידעלער כאַראַקטער אַנטפּלעקט אַלץ מער פאַר אונדז ווי אַלע מאָל. כדי אונדז ניט צו פאַרשאַפן קיין יסורים, האָט ער אין אונדזער קעגנוואַרט פּרובירט צו זיין אויפגעלייגט, און האָט זיין קראַנקהייט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

מיר, די פאַמיליע, האָבן ניט געוואוסט ווי ערנסט קראַנק ער איז געווען, אָבער ער האָט עס יאָ געוואוסט. דער דאָקטאָר אין סאַראַטאָגאַ האָט עס אים געזאָגט. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ סוד, און זיך געפּרואווט האַלטן אין אונדזער קעגנוואַרט מונטער און פריילעך. ער האָט אויך די גאַנצע צייט פאַרגעזעצט צו שרייבן זיין ראָמאַן אין „טאָגעבלאַט״.

זיין לאַגע האָט זיך אָבער אַזוי פאַרערגערט, אַז ער האָט פאַרלאַנגט מ׳זאָל אים נעמען אין אַ שפּיטאָל.

„איר וועט אַלע קראַנק ווערן, אויב איך וועל בלייבן אינדערהיים,״ האָט ער מיט אונדז געטענהט. און מיר האָבן אים געמוזט צוליב טאָן און גענומען פאַר אים אַ צימער אין דעם בית־ישראל שפּיטאָל.

צוויי חדשים איז ער דאָרט געווען. איך האָב אויפגעגעבן מיין שטעלע, וואָס איך האָב געהאַלטן אין באַנק, און בין יעדן טאָג און אָוונט געזעסן ביים בעט פון מיין קראַנקן פאָטער. מיין מוטער, ברודער און ביידע שוועסטער האָבן אויך פאַרבראַכט פיל צייט לעבן אים, אָבער איך בין כמעט ניט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט. איך פלעג פאַר אים פאַרלייענען די צייטונגען,

יידישע און ענגלישע, און פּרובירט, ווי ווייט מעגלעך, לייכטער צו מאַכן פאַר אים די לאַנגע, טריבע שטונדן.

איין מאָל האָב איך געלייענט פאַר אים די נייעס אין אַ יידישער צייטונג, אַז שלום־עליכם איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט, און ער געפינט זיך אין אַ שפּיטאָל אין איטאַליע.

— דאָס שטראָפט אים גאָט פאַר מיר! — האָט דער פאָטער שטיל אַרויסגערעדט.

מיר אַלע אין הויז האָבן געוואוסט וועגן דער ביטערקייט, וואָס דער פאָטער האָט געפילט צו שלום־עליכמען. ער אָבער האָט וועגן דעם צו אונדז קיינמאָל ניט גערעדט. צו די שרייבער אָבער, וועלכע האָבן אונדז באַזוכט, האָט ער אָפט פראָטעסטירט קעגן דער אומגערעכטיקייט, וואָס שלום־עליכם איז קעגן אים באַגאַנגען. דעריבער איז מיר געווען אַ וואונדער, וואָס ער האָט די ווערטער אַרויסגערעדט.

ווען עס איז באַוואוסט געוואָרן, דורך די צייטונגען, אַז שמ״ר געפינט זיך אין שפּיטאָל, זיינען הונדערטער מענטשן — שרייבער, אַקטיאָרן, פריינט און סתם לעזער — געקומען אים באַזוכן.

די דאָקטוירים, די „נוירסעס״ און אַלע אַנדערע אָנגעשטעלטע פון שפּיטאָל, האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס אַכטונג. פאַר זיי איז געווען אַ גרויסער כבוד, האָבן זיי געזאָגט, וואָס דער יידישער „וואָלטער סקאָט״, אָדער, ווי אַנדערע פלעגן אים רופן, דער יידישער „אַלעקסאַנדער דיומאַ״ איז ביי זיי אין אַנשטאַלט.

מיין שוועסטער מרים איז אין יענער צייט געווען פאַרקנסט צו אליקום צונזערס זון, טשאַרלז.

איין מאָל, ווען מיין שוועסטער און איך זיינען געווען ביים פאָטער, האָט ער זיך צו איר געווענדט מיט אַ בקשה, זי זאָל באַלד שטעלן אַ חופּה מיט טשאַרלזן.

— מאַניעלע, לאָד איין אַלע אונדזערע פריינט און באַקאַנטע! — האָט ער צו איר געזאָגט. — איך וועל זיך אָנטאָן און קומען אַהיים צו דיין חתונה, און דערנאָך צוריקגיין אַהער.

אַזוי ווי אונדזער פאָטערס אַ וואונטש איז געווען ביי אונדז הייליק, האָבן מיר גענומען גלייך מאַכן אַלע פאָרבערייטונגען צו דער חתונה. מיין שוועסטער האָט באַשטעלט אַ ווייס חופּה־קלייד, האָט גענומען און איינגעאָרדנט אַ וואוינונג און באַשטעלט שבת, דעם 25טן נאָוועמבער, פאַר דער חתונה.

פרייטיק אינדערפרי, אַ טאָג פאַר דער חתונה, ווען מיין שוועסטער און איך זיינען אַריין צום פאַטער, איז אונדז ביידן עפּעס ווי איינגעפאַלן דאָס האַרץ. זיין אויסזען איז געווען ניט־ערדיש. עפּעס געטלעכס האָט אַרויס־געשיינט פון זיינע אויגן. ער האָט ווי באַלאַנגט צו אַן אַנדער וועלט. מיר האָבן דערפילט, אַז זיין סוף איז נאָענט.

דעם גאַנצן טאָג איז די פאַמיליע געזעסן לעבן אים. ער האָט ווייניק גערעדט, און ווען עס האָט אָנגעהויבן ווערן נאַכט, האָט ער געבעטן מיר אַלע זאָלן גיין אַהיים.

— גייט אַהיים, איך בין מיד. איך וויל רו, — האָט ער זיך געבעטן ביי אונדז.

איך האָב דערפילט, אַז דאָס איז זיין לעצטע נאַכט אויף דער וועלט. איך בין צו אים צוגעגאַנגען, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבן זיין בעט, און אים אַ פרעג געטאָן אין אויער:

— פּאַפּעלע, וועסטו מיר דערלויבן דאָ צו פאַרבלייבן?

ער האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ אויף „יאָ״.

ווען אַלע זיינען אַוועק אַהיים, בין איך אַרונטער אין אָפיס פון „סופּער־אינטענדענט״ פונעם שפּיטאָל, און געבעטן דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אַ גאַנצע נאַכט לעבן מיין פאַטער. איך האָב די דערלויבעניש באַקומען. דער „סופּעראינטענדענט״, מר. פרענק, איז געווען אַזוי פריינטלעך און געהייסן אַריינברענגען אין מיין פאַטערס צימער אַ בעטל פאַר מיר.

— —

יענע נאַכט וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ווען איך דערמאָן זיך אָן יענע שרעקלעכע, פיינלעכע, לאַנגע שטונדן, ווען איך בין געזעסן אַליין לעבן מיין שטאַרבנדיקן פאַטער, גייט מיר דורך אַ גרויל איבערן לייב, און אַ קאַלטער שווייס באַגיסט מיך.

איך בין געזעסן לעבן זיין בעט די גאַנצע נאַכט, געהאַלטן זיין האַנט אין מיינער. זיין האַנט פיל איך נאָך איצט — אַ וואַרעמע, מיט אַ פעסטן דרוק, אויף מיינער, אַזוי ווי ער וואָלט מיט מיין האַנט זיך געוואָלט אָנהאַלטן אָן לעבן.

איך בין געזעסן און געקוקט אויף זיין בלאַסן פּנים, וואָס די קראַנקהייט האָט אַזוי אויסגעצערט. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, דער אויס־דרוק אויף זיין פּנים אַ רואיקער, אַ פרידלעכער, זיין אָטעם רעגלמעסיק און לייכט.

איך האָב אַ הוסט געטאָן. ער האָט געעפנט די אויגן, און מיטן בליק אַנגעוויזן אויפן אָפענעם פענצטער, אַנדייטנדיק איך זאָל עס פאַרמאַכן, און באַלד די אויגן צוריק פאַרמאַכט.

אַ מידע האָב איך זיך צוגעלייגט אויפן בעטל.

איך ווייס ניט ווי לאַנג איך בין געשלאָפן. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ווען איך האָב דערהערט די שטימע פון דער „נוירס". דער פאָטער האָט עפּעס פון איר פאַרלאַנגט, נאָר זי האָט אים ניט פאַרשטאַנען, ער האָט מער ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין ווערטער. איך בין פון בעט אַראָפּ־געשפּרונגען און צו אים צוגעלאָפן. איך האָב אים יאָ פאַרשטאַנען. מיט די אויגן האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם קאָניאַק, וואָס איז געשטאַנען אויפן טישל ביי דעם בעט. מיט אַ לעפעלע האָב איך עטלעכע טראָפּנס אַריינ־געגאָסן אין זיין מויל.

איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר זיין פאַרענדערטן אויסזען. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דער סוף איז נאָענט. איך האָב פאַרלאַנגט, מען זאָל גלייך אַריינשיקן דעם דאָקטאָר. ער איז טאַקע באַלד געקומען. ער האָט געהייסן אַריינברענגען דעם „אָקסידזשען־טענק" און האַלטן אַ רער ביים פּאַציענטס נאָז, עס זאָל אים לייכטער זיין צו אָטעמען.

עס איז שוין געווען אַזייגער דריי פאַרטאָג. דער דאָקטאָר איז ווידער אַריינגעקומען. ער האָט באַטראַכט דעם קראַנקן, און מיך געפרעגט צי מען זאָל אָנזאָגן דער פאַמיליע, אַז דער סוף איז נאָענט, און אַז זיי זאָלן קומען אין שפּיטאָל. איך האָב אים געבעטן דאָס ניט צו טאָן. דער פאָטער האָט אויסגעזען אַזוי רואיק, און איך האָב מורא געהאַט, אַז ווען מיין פאַמיליע וועט קומען און אָנהויבן צו קלאָגן, וועט זיין רו געשטערט ווערן. איך האָב געבעטן דעם דאָקטאָר, ער זאָל אַביסל וואַרטן.

נאָך אַ שעה איז אַריבער. דער דאָקטאָר איז ווידער אַריין און אָנ־געקוקט דעם פאָטער:

— ער שטאַרבט.

— ששש!... רעדט ניט אַזוי הויך, ער קאָן אַלץ הערן! — האָב איך זיך ביים דאָקטאָר געבעטן.

איך האָב זיך איבערגעבויגן צום פאָטער, און אים אין אויער אַ פרעג געטאָן:

— פּאָפּינקע, האָסטו שמערצן?

ער האָט אַ שאָקל געטאָן זיין קאָפּ אויף „ניין".

ס'איז געווען אַזייגער פינף, ווען מיין ברודער אברהם איז אַריינגעלאָפן

אין צימער. עס איז געווען אין דער מינוט, ווען דער פֿאָטער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. דער ברודער האָט אים פֿאַרמאַכט די אויגן. ניט דערלעבט זיין טאָכטערס חתונה...

שמ״רס לוויה

זונטיק, דער 26טער נאָוועמבער, 1905. אַ שיינער, בלויער אָסיען־טאָג. עס איז נאָך גאַנץ פֿרי, אָבער איסט־בראָדוויי, דער בולוואַר פֿון דער ניו־יאָרקער „איסט־סייד״, איז ראַשיק און טומלדיק. הונדערטער מענטשן פֿון אַלע עקן שטאָט ציען זיך אַהין, און פֿאַרזאַמלען זיך אין און אַרום דער געביידע פֿון „עדיוקיישאָנעל אַלייענס״, וואָס שטייט אויפֿן ראָג פֿון איסט־בראָדוויי און דזשעפֿערסאָן גאַס. די פֿאַרזאַמלטע זיינען ערנסט, זיי שטייען מיט טרויעריקע פּנימער און ריידן צווישן זיך שטילינקערהייט. אַ סך פֿון זיי האַלטן יידישע צייטונגען, וואָס אויף זייערע ערשטע זייטן, אין שוואַרצע ראַמען, איז געדרוקט אין גרויסע שוואַרצע אותיות: „שמ״ר טויט!״

די לוויה האָט געזאָלט זיך אָנהויבן אַזייגער צוויי אינעם גרויסן פֿאַרזאַמלונגס־זאַל פֿון „עדיוקיישאָנעל אַלייענס״.

די מאַסע מענטשן איז אַלץ געוואַקסן און געוואָרן געדיכטער און גרעסער, ניט נאָר אין די גאַסן אַרום דער געביידע, נאָר אויך אין דעם „סואַרד פּאַרק״ אַנטקעגן, איז דער געדראַנג געווען אַזוי גרויס, אַז די פּאָליציי איז אַרויסגערופֿן געוואָרן צו האַלטן דעם גרויסן עולם אין אָרדענונג און אונטער קאָנטראָל.

דער זייגער איז שוין האַלב נאָך איינס. פֿון די עטלעכע הונדערט מענטשן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אינדערפֿרי, זיינען שוין איצט געוואָרן טויזנטער. אָבער די רייטער־פּאָליציי האָט ניט געהאַט קיין שוועריקייטן צו האַלטן אין אָרדענונג די מאַסן אבלים, וועלכע זיינען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד דעם פֿאַרשטאָרבענעם. שטיל, געדולדיק און מיט יראת־הכבוד האָבן זיי זיך געהאַלטן, און זייערע שעפּטשענדיקע רייד האָבן געהאַט דעם קלאַנג פֿון ביימער אין וואַלד, ווען אַ ווינט לויפֿט דורך זייערע צווייגן.

דער פֿאַרזאַמלונג־זאַל פֿון „עדיוקיישאָנעל אַלייענס״ איז איבער־געפּאַקט. אַפֿילו די דורכגאַנגען זיינען איבערגעפֿילט מיט מענטשן, ענג צוגעדריקט איינער צום אַנדערן. אין דער ערשטער ריי זיצט די פֿאַמיליע פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם.

אויף דער פּלאַטפֿאָרם, איינגעהילט אין שוואַרצן, שטייט דער אָרון,

וואָס אַנטהאַלט דאָס ערדישע, וואָס איז געבליבן פון דעם מענטשן, וועמעס טויט האָט אויפגעטרייסלט די יידיש־לייענענדיקע מאַסן אין אַלע עקן פון דער וועלט. אַ פּשוטער אָרון, אָן בלומען, אָן טעפּיכער, באַשיידן און איינפאַך, ווי שמ״ר איז געווען אין זיין לעבן. אַרום דעם אָרון זיצן שרייבער, אַקטיאָרן, טעאַטער־פאַרוואַלטער, פאָרשטייער פון דער יידישער און ענגלישער פּרעסע, פון טעאַטער־יוניאָנס, און נאָך אַנגעזעענע פּערזענלעכקייטן.

עס ווערן געהאַלטן פיל רעדעס מיט לויב־געזאַנגען פאַרן פאַרשטאָרבענעם. אב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, רעדט וועגן שמ״ר, דעם פריינט פון די אַרבעטער; דער שוישפּילער באָריס טאָמאַשעווסקי, רעדט וועגן שמ״ר, דעם דראַמאַטורג; יוסף באַראָנדעס רעדט וועגן שמ״ר דעם מענטשן; דר. דוד בלאָשטיין, דער דירעקטאָר פונעם „עדיוקיישאָנעל אַליעַנס״, רעדט וועגן שמ״ר דעם לערער. ער ווייזט אָן, אַז ער אַליין, בלאָשטיין, אַ פּראָדוקט פון אַ געטאָ־שטעטל אין רוסלאַנד, איז דורך שמ״רס שרייבן באַאיינפלוסט געוואָרן צו פאָרן קיין ווין שטודירן, כדי דערנאָך קאָנען העלפן אויסבילדן די פאַרחושכטע יידישן מאַסן, ווי שמ״רס אַ העלד האָט געטאָן.

נאָך די הספדים, האָט דער חזן, באַגלייט מיט אַ גרויסן כאָר, געמאַכט אַ „מלא״. און דאָ איז געשען דאָס, וואָס האָט פאַרקערפּערט דעם מאָדנעם געפיל, וואָס האָט זיך דעם גאַנצן פרימאָרגן געשפּירט אין גאַס: דער ריזיקער עולם איז, ווי איין מענטש, אויפגעשטאַנען און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

אין דער יידישער פּרעסע איז געווען אָנאָנסירט וואו די באַערדיקונג וועט זיין, און אָנגעגעבן דעם מאַרשרוט פון דער לוויה. ווען דער שוואַרצער טויטן־וואָגן, אַרומגערינגלט מיט רייטער־פּאָליציי און נאָכגעפאָלגט פון הונדערטער קאַרעטעס, האָט לאַנגזאַם און שטיל געמאַכט די לאַנגע רייזע צו דעם „יוניאָן־פילד״ בית־עולם, זיינען טויזנטער מענטשן געשטאַנען אויף די טראָטואַרן, אין די גאַסן, ביי די פענצטער, די „פייער־עסקייפּס״ און אויף די דעכער פון די הייזער, כדי אָנטייל צו נעמען אין דער לוויה. אַפילו אויפן לאַנגן „וויליאַמסבורג־בריק״, וואָס שפּאַנט אַריבער דעם טייך וואָס טיילט אָפּ ניו־יאָרק פון ברוקלין, זיינען געשטאַנען שורות מענטשן. ביי יעדער שול, וואָס די פּראָצעסיע איז פאַרבייגעפאָרן, זיינען געשטאַנען יידן אין טליתים און יאַרמעלקעס, מיט סידורים אין די הענט, און האָבן געזאָגט קדיש. עס האָט אויסגעזען, אַז אַלע יידן פון ניו־יאָרק און ברוקלין טרויערן

נאָך דעם, ווען מען דאָס פאָלק האָט אַ נאָמען געגעבן „דער גרויסער שמ״ר״.

די יידישע און ענגלישע פרעסע האָט שפּעטער באַריכטעט, אַז ביז הונדערט טויזנט מענטשן האָבן זיך באַטייליקט אין דער לוויה. עס איז געווען איינע פון די גרעסטע לוויות, וואָס ניו־יאָרק האָט ווען געזען.

פינף און פערציק יאָר טויט, און דאָס האַרץ אין מיר האָט נאָך ניט אויפגעהערט צו וויינען און באַוויינען דעם טויט פון מיין טייערן פאָטער. איז עס, ווייל איך האָב אים אַזוי שטאַרק ליב געהאַט? איז עס, ווייל ער איז ניט מער ווי ניין־און־פופציק יאָר אַלט געווען, און איז פאַר זיין צייט אַוועק פון דער וועלט? איז עס, ווייל אים איז ניט באַשערט געווען צו האָבן דעם נחת פון קינדער, ווי אַנדערע פאָטערס האָבן? איז עס צוליב דעם ביטערן פּאַרדרוס וואָס איך פיל דערפאַר, וואָס אַט דער מענטש, וועמעס נשמה איז געווען אָנגעפילט מיט ליבשאַפט צו דער גאַנצער וועלט, און וועלכער האָט אַריינגעבראַכט ליכט און פרייד אין דעם לעבן פון זיין געליבטן פאָלק, און דערגרייכט די סאַמע פּאָרוואָגלטסטע, די סאַמע פאַר־חושכטסטע פון זיי, — וואָס אַט אים האָט מען באַוואָרפן מיט שטיינער, און זיין קורץ לעבן איז אַזוי פאַרביטערט געווען?

אויפן שטילן „יוניאָן־פיעלד״ בית־עולם, אין ברוקלין, ליגט ער באַערדיקט.

אויף זיין שטיינערנער מצבה זיינען אויסגעקריצט די האַרציקע ווער־טער, וואָס זיין חשובער פריינט און מחותן אליקום צונזער האָט אָנגעשריבן:

„שמ״ר,
דיין נאָמען, ווי קלינגענד.
דיין קבר, ווי שטיל.
געלעבט אַזוי ווייניק,
געשאַפט אַזוי פיל.״

פינפטער טייל

אָפּשאַצונגען

אליקום צונזער

ש מ " ר

אין אַ קליין שטעטל, אַמאָל אין דער ליטע,
ליגט דאָרט אַ זויג־קינד אין בעט;
זעט, איצט פיל טויזנט באַגלייטן זיין מיטה
אין איינע פון די גרעסטע שטעט!

ווען זיינע לעזער פון אַלע וועלט־טיילן
וואָלטן געפונען זיך היער,
וואָלט די לוויה מיליאָנען זיך ציילן,
עס האָט גאָר קיין שאַץ און קיין שיעור.

קליין איז די בעטל, וואו ער איז געבאָרן,
זיין טויט אָבער גרייכט אומעטום;
וואונדערלעך שטייגט ער אין די ביסל יאָרן,
זיין נאָמען — די וועלט נעמט אַרום!

וואו איז זיין געטלעכער גייסט ניט געפלויגן?
אין בבל, מצרים געווען,
אין שפּאַניע געקוקט מיט די גייסטיקע אויגן,
געשילדערט אונדז אַלץ מיט זיין פען.

לוי, בן־עזרא, און הורדוס'עס פּאַלאַץ,
זאַהאַרע און קאַלטן סיביר,
האַרעמס פון סולטאַנס, הייזער פון דלות
פאָטאָגראַפירט אויף פּאַפּיר.

ער איז אין יעדנס נשמה געקראָכן,
די צימערלעך גרינטלעך באַזוכט,
האָט פּסיכאָלאָגיש די וואונט איינגעבראָכן,
געוויזן די שעדלעכע פרוכט,

פרומקייט פֿאַרשטעלטע, און בילדונג פֿאַרקריפּלט,
צדקות — פֿאַר אייגענעם נוץ;
פֿאַפּסטן און קלויסטערס מיט טומאה פֿאַרקניפּלט,
און דלות מיט אויסערן פּוץ.

איינזאַם אין צימער איז ער זיך געזעסן
און האָט עס זאָ פיל פּראָדוצירט;
זאָ פיל ראָמאַנען, און לידער און פּיעסן,
מיין זין ווערט צום שטוינען באַרירט!

ער איז ניט איינער אין צימער געוועזן,
מיט אים וואַר די „וועלט" און די „צייט";
קוקן אין זיי . . . און ציטירן און לעזן
פון איצט און פון פֿאַרגאַנגענהייט.

אויסלעזן זיינע, דאַרף דויערן יאָרן,
און דאַן מאַנוסקריפּטן אַ סך . . .
שמ״ר פֿאַרבלייבט אין דעם יידנס זכרון,
כל זמן עס לעבט נאָך זיין שפּראַך.

כ׳האָב נאָר איין טרייסטונג פֿאַר זיינע אבלים,
זיי זאָלן נאָר דענקען דערפון:
נימאַלס ווערט נאַכט פֿאַר אַזעלכע גדולים,
אייביק באַלויכט זיי די זון. . . .

אנא שאָמער־ראָטענבערג

אַנאַ שאָמער־ראָטענבערג

מיין פֿאָטער שמ״ר, דער פֿאַמיליע־מאַן און מענטשן־פֿריינט

צום באַדויערן, האָב איך גענאָסן מיין פֿאָטערס שוץ, דעם איינפֿלוס פֿון זיין פּערזענלעכקייט, בלויז אין מיינע קינדער־יאָרן און אין מיין פֿריער יוגנט. ווען מיין פֿאָטער איז געשטאָרבן, בין איך געווען נאָך גאָר אַ יונג מיידל.

דער איינדרוק אָבער וואָס איז מיר פֿאַרבליבן פֿון מיין פֿאָטער איז אַזאַ שטאַרקער און דויערנדיקער, אַז אַפֿילו היינט צו טאָג פֿיל איך מיך נאָך אונטער דעם איינפֿלוס פֿון זיין פֿיינער פּערזענלעכקייט. איך בין נאָך אונטער זיין השפּעה אין מיין בליק אויפֿן לעבן, אין מיין באַציאונג צו יידן און יידישקייט, צו אונדזער קולטור און ליטעראַטור.

אָנשטאָט וואָס די פֿיר־און־פֿערציק יאָר, זינט מיין פֿאָטערס טויט, זאָלן די איינדרוקן פֿון מיין יוגנט אָפּגעשוואַכט ווערן, ווערן זיי גאָר אַלץ־שטאַרקער און טיפֿער. די בענקעניש נאָך דער פֿאַרגאַנגענהייט ווערט גרעסער און נאָגנדיקער.

מיין פֿאָטער איז געווען אַ שטוב־מענטש. דעם גרעסטן טייל פֿון זיין צייט האָט ער פֿאַרבראַכט אין דער היים. שעהן און שעהן פֿלעגט ער זיצן ביי זיין שרייב־טיש, און זיין פּען האָט שנעל, שנעל אויסגעפּינטלט אין קליינע, קלאָרע אותיותלעך, פּיעסעס, דערציילונגען, שירים און פֿיל, פֿיל שפּאַנענדיקע ראָמאַנען.

אַלע זיינע שריפֿטשטעלערישע ענינים האָט ער געפֿירט אין דער היים: זיינע פּיעסעס פֿלעגט ער פֿאָרלייענען פֿאַר אַקטיאָרן און טעאַטער־„מענע־דזשערס״ אין דער היים. בעת אַנדערע שרייבער האָבן פֿאַרבראַכט די אָוונטן און די נעכט אין קאַפֿע־הייזער און דיסקוסירט וועלט־פּראָבלעמען און ליטעראַטור, האָט דער פֿאָטער אונטערהאַלטן קאָלעגן און פֿריינט ביי זיך אין דער היים, און מיר, קינדער, האָבן מיט גרויס דרך־ארץ זיך צו־געהערט צו די דאָזיקע דיסקוסיעס.

דער פֿאָטער האָט זיך ניט פֿאַרנומען מיט קיין געזעלשאַפֿטלעכע ענינים און באַוועגונגען. וואָס פֿאַר אַ מיינונגען ער האָט געהאַט וועגן זיי, האָט ער אַרויסגעזאָגט דורך זיין פּען. ער איז געווען צו־באַשיידן אויפֿצוטרעטן

אויף אַ פּלאַטפֿאָרם און זאָגן אַפֿילו אַ פּאָר ווערטער פֿאַר אַ פּובליקום. ביי זיין אייגענעם טיש, אָבער, צווישן פֿאַמיליע און פֿריינט, האָט ער געלויכטן, און מיט זיין ליכטיקייט האָט ער באַשיינט אַלץ אַרום אים.

צדקה האָט ער געגעבן ניט אויף פֿאַרזאַמלונגען, נאָר אין דער היים, אין דער שטיל, קיינער זאָל ניט וויסן. אונדזער היים איז געווען זיין קעניג־רייך, איבער וועלכן מיין מוטער האָט געהערשט, און וואו מיין ברודער, מיינע שוועסטער און איך האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט די גייסטיקע און קול־טורעלע אוצרות פֿון אָט דעם קעניגרייך.

ווען איך בין געווען אַ קינד האָב איך ניט געקענט פֿאַרשטיין דעם באַטייט פֿון מיין פֿאָטערס שטענדיקער אָנוועזנהייט. דאַן איז עס מיר אויס־געקומען נאַטירלעך. איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, אַז אַ יום־טוב האָט זיך געפֿילט יום־טובדיק דערפֿאַר, וואָס דער פּאַפּאַ איז געווען מיט אונדז, און האָט מיט זיין פּערזענלעכקייט באַלויכטן דעם אַרום, און מיט זיינע דער־ציילונגען און וויצן באַשיינט דעם יום־טובדיקן טיש.

איך האָב אין מיינע קינדערשע יאָרן ניט געקאָנט אָפּשאַצן די וויכ־טיקייט פֿון געפֿינען דעם פּאַפּאַ אַלעמאָל זיצנדיק אין זיין שטול, פֿאַרטיק זיך צוצוהערן צו מיינע פּראָבלעמען אָדער מיינע גוטע באַריכטן פֿון סקול, און שפּעטער — פֿון מיינע מיידלשע איבערלעבונגען און שטרעבונגען. איך האָב דאַן ניט געקאָנט באַגרייפֿן וואָס זיין זיסער שמייכל, זיין רואיקער בליק האָט געמיינט צו מיין מוטער אין צייט פֿון לייד.

רואיק, צאַרט און אויפֿמערקזאַם איז מיין פֿאָטער געווען, גרייט גלייך אָוועקצולייגן זיין פּען, זיך צוצוהערן צו אַ פֿאַרלאַנג פֿון עמעצן פֿון דער פֿאַמיליע אָדער פֿריינט.

פֿאַר דער וועלט איז ער געווען „דער גרויסער שמ״ר“, וועמען מען איז נאָכגעלאָפֿן אַ קוק צו געבן אויף אים, ער האָט אָבער ניט שטאָלצירט מיט זיין גרויסקייט. ער האָט איבערהויפּט זיך ניט געהאַלטן ווי באַרימטע מענטשן האַלטן זיך.

ער איז געווען איינפֿאַך, ניט געוואוסט וואָס שטאָלץ הייסט, און וואָס עס מיינט זיך גרויס צו האַלטן. אין דער היים איז ער געווען דער צערט־לעכער „נחום“, וואָס האָט מיט אַ שמייכל אַלע אינדערפֿרי אַ גלאָז טיי צו דער מאַמעס בעט געבראַכט; דער גוטער פּאַפּאַ, וועלכער האָט שטאָלצירט מיט זיינע קינדערס מעלות און האָט מיט צערטלעכקייט, קיינמאָל ניט מיט קיין כעס, פּרובירט פֿאַרריכטן אונדזערע חסרונות. ער האָט מיט זיין געמיט

צוגעגעבן דערמוטיקונג צו אונדזערע האָפענונגען און סטימולירט אונדזערע אַמביציעס.

די ערשטע מעשיות האָבן מיר געהערט פון אונדזער פאָטערס ליפּן; די ערשטע לידער האָט ער מיך אויסגעלערנט, ווען איך בין געזעסן אויף זיין קני; דעם ערשטן טעם פון טעאַטער האָבן מיר געהאַט פון פאָטערס פּיעסעס; די ערשטע איינדרוקן פון רעליגיע און נאַציאָנאַליזם — פון פאָטערס רייד און שריפטן.

אַ מוסטער פון ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט, אַן אידעאַליסט פאַר וועמען מאַטעריאַליסטישע ווערטן האָבן געשפּילט אַ קליינע ראָל, אַ מענטש וואָס האָט געחלומט וועגן אַ שענערער, בעסערער און פרידלעכערער וועלט, האָט געוואָלט, אַז כל ישראל זאָל מיט אים צוזאַמען מיט־חלומען.

אַ ריינע נשמה, וואָס האָט געליטן אין דער שטיל, זיך געבאָדן אין טרערן, די פאַמיליע אָבער זאָל עס ניט זען, זיינע בייזע קריטיקער זאָלן עס ניט וויסן.

פיר־און־פערציק יאָר קאָן ניט אויסבלייכן דעם ווייטיק פון דעם פאַר־לוסט פון אַזאַ פאָטער. זיין פּלאַץ האָט קיינער ניט געקאָנט פאַרנעמען — ס'איז געבליבן ליידיק אין אונדזערע הערצער. ער האָט אונדז איבער־געלאָזן אַ ירושה, וועלכע מען קאָן מיט געלט ניט פאַרגלייכן — אַ נאָמען, וואָס האָט אונדז אַלע יאָרן געגעבן כבוד, אַ גייסט, וועלכער לעבט ביז היינטיקן טאָג אין אונדזערע נשמות.

אברהם רייזען

צום 25־יאָריקן יאָרצייט פון שמ״ר

עס איז מיר שווער צו דערמאָנען זיך, וואָס פאַר אַ טיטל האָט געטראָגן דאָס ערשטע יידיש־ביכל, וואָס איך האָב אַלס קינד געליינט און ווער איז געווען זיין מחבר.

אין דער הויזיקער ביבליאָטעק — אויב די עטלעכע ביכלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אין אונדזער הויז, קאָנען טראָגן אַזאַ נאָמען — האָבן זיך צווישן עטלעכע דייטשישע ביכער, דאָס רוב פּאָעטישע, אויך געפונען אַ פּאָר קליינע ביכלעך אין יידיש, וואָס דאָס האָט שוין געקויפט מיין מוטער, ביי די פּאַקנטרעגער, וואָס פלעגן, גייענדיק מיט זייער סחורה פון שטוב צו שטוב, ווי אָרעמע לייט, פאַרשלאָגן די אַלערליי מעשה־ביכלעך אויף יידיש, אָדער ווי מען האָט עס נאָך דעמאָלט גערופן — „אויף עברי־טייטש״. מיין מאַמע, אַ גוטהאַרציקע, פלעגט זיכער קויפן די דאָזיקע מעשה־ביכלעך, גיכער אויס גוטהאַרציקייט, איידער אויס נויטיקייט צו לייענען זיי. דערצו איז זי געווען זייער פרום און אויב יאָ לייענען, איז דאָ דער טייטש־חומש, וואָס זי פלעגט טאַקע לייענען אַלע שבת און יום־טוב, דאָס רוב מיט אַ וויינענדיקן ניגון. שבת און יום־טוב איז בכלל ניט קיין צייט צו לייענען פּוסטע מעשיות. סיידן אין אַ לאַנגן ווינטער־אָוונט, ווען דער געלערנטער טאַטע לאָזט זיך אַראָפּ פון זיינע השכלה־הויכן און לייענט אַמאָל פאַר אַזאַ מין מעשה־ביכל אין דער הויך פאַר אַלעמען.

די דאָזיקע ביכלעך, וואָס האָבן זיך געפונען ביי אונדז אין הויז און האָבן צווישן אַנדערע, געטראָגן די טיטלען „די וויבערשע קניפּלעך״, „דער געשמיסענער אפּיקורס״, זיינען שוין געווען די באַליבטע אין הויז. אָבער איך אַליין האָב זיי ניט געליינט, קאָנטיק נאָך צו קליין געווען בכלל צו לייענען. ווען איך האָב שוין אַליין אָנגעהויבן צו לייענען און ניט נאָר יוצא זיין מיט הערן ווען דער טאַטע לייענט פאַר, איז שוין פון די דאָזיקע דערמאָנטע ביכלעך קיין זכר ניט געווען.

דאָס ערשטע ביכל, וואָס האָט זיך געפונען אין אונדזער הויז, ווען איך האָב שוין אַליין געהאַט חשק צו לייענען, איז געווען טאַקע שמ״רס — „דער רייכער בעטלער, אָדער דער אָרעמער מיליאָנער״ (דאָס רוב שמ״רס

ראָמאַנען האָבן געהאַט צוויי טיטלען). איך געדענק אפילו ווי אַזוי דער דאָזיקער ראָמאַן, אין צוויי טיילן, איז געקויפט געוואָרן ביי אַ פּאַקנטרעגער. מיין עלטערע שוועסטער, דאַן אַלט ביי אַ יאָר פופצן, איז שוין געווען לאַנג אַ שטאַרקע לעזערין פון ראָמאַנען, וואָס זי פלעגט נעמען אויף פּראָקאַט ביי דעם דרדקי־מלמד, וועלכער האָט צו זיין מלמדות געהאַט — טאַקע אין זיין חדר גופא, וואָס איז אויך זיין וואוינונג געווען — אַ שטיקל ביבליאָטעק, מיט עטלעכע צענדליק ראָמאַנען. „דעם רייכן בעטלער" אָבער האָט ער קאָנטיק נאָך ניט פאַרמאָגט אין זיין ביבליאָטעק — דער דאָזיקער ראָמאַן איז געווען דעמאָלט פון די נייסטע. אַזוי האָט דער פּאַקנטרעגער עדות געזאָגט. דער דאָזיקער נייער ראָמאַן האָט אָנגעטראָפן צוויי גילדן (דרייסיק קאָפּיקעס), אַ סומע, וואָס האָט אין יענע יאָרן געשפּילט אַ ראָלע. די מאַמע האָט זיך געקווענקלט, אָבער ניט צו שטאַרק, ווייל מיין שוועסטער, ווי דאָס עלטסטע קינד, איז געווען שטאַרק באַליבט און נאָכגעגעבן, און אַלס מיידל, וואָס דאַרף זיין געלערנט — וואָס דאָס איז אפשר אויך אַ סגולה שפּעטער צו אַ שידוך — דאַרף מען עס איר אוודאי ניט אָפּזאָגן. דערצו האָט מיין שוועסטער שוין דעמאָלט אַליין פאַרדינט פון איר האַנט־אַרבעט. זי איז נעמלעך געווען אַ גרויסע בריה אויף אויסנייען אויף קאַנווע אַלערליי פויגל, חיות און סתם קווייטן און אויף „שטריקן" אַלערליי טישטוכער, וואָס זי פלעגט פון צייט צו צייט פאַרקויפן אַ רייכער מיידל, אַ שכנה. פון דעם דאָזיקן אָפּגעשפּאָרטן פאַרמעגן האָט זי פאַרגעשלאָגן אַ העלפט — 15 קאָפּיקעס, די אַנדערע העלפט האָט געגעבן די מאַמע. אַזוי איז געקויפט געוואָרן דאָס דאָזיקע וואונדערלעכע בוך „דער רייכער בעטלער, אָדער דער אָרעמער מיליאָנער", „אַ ראָמאַן פון נ. מ. שייקעוויטש (שמ"ר)", ווי עס האָט געהייסן דער טיטל־בלאַט, וואָס ביים קויפן האָט מען עס פאַרזיכטיק דורכגעלייענט צו פּאָר מאָל.

דאָס אָפּגעבן אַזאַ סומע פאַר אַ מעשה־ביכל, וואָלט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסער אויסברענגעריי, פון וואָס מיין שוועסטער, און איבערהויפּט מיין מאַמע איז געווען זייער ווייט. אמת, קיין קאַרגע איז מיין מאַמע ניט געווען, אָבער אַזוי ווי מיין פאָטער, ניט געקוקט אויף זיין השכלה און אויף די העברעאישע שירים, וואָס ער האָט געשריבן, איז אָבער געווען אַ סוחר פון תבואה און פלאַקס און געהאַנדלט האָט ער מיט פרעמד געלט, האָט מיין מאַמע, ווי מיין פאָטער אַליין, שטענדיק מורא געהאַט, אַז עס זאָל ניט אויסקומען צו פאַרנעמען ביי לייטן. דערפאַר איז יעדער גראָשן געווען אויסגערעכנט. קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי גרויס שמ"רס

באַמען איז שוין געווען, אַז מיין מאַמע האָט געגעבן צושטייער אַ גאַנצן גילדן צו קויפן דאָס ביכל.

זיין גרויסן נאָמען — אפילו ביי מיין מאַמען, האָט שמ״ר שוין געהאַט צו פאַרדאַנקען אַ דאַנק זיין ראָמאַן „די בלינדע יתומה״. דעם דאָזיקן ראָמאַן האָב איך אַלס קינד געהערט פאַרלייענען פון טאַטן אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס. מיין מאַמע, וואָס האָט געהאַט אפילו אַ חוש פאַר הומאָר און האָט — ביי אַלע שוועריקייטן פון איר לעבן — געקענט אַ סך לאַכן און פון פולן האַרצן, האָט אָבער אויך געקענט וויינען ביי יעדער אומעטיקער שטעלע אין טייטש־חומש. ביי דער „בלינדער יתומה״, וואָס דער טאַטע האָט פאַרגעלייענט הויך פאַר אַלעמען — האָט זי זיך גענוג אָנגעוויינט, איבערהויפט דאַן ווען עס איז געקומען צו די קאַפּיטלען, וואו בערטשיק, דער שלעכטער העלד פון ראָמאַן, און זיין בייזע מאַמע, האָבן געשלאָגן און געפייניקט דאָס אָרעמע קינד, די געפאַנגענע יתומה.

אָבער דעם ראָמאַן „די בלינדע יתומה״ האָט מען געמוזט צוריק אָפּ־טראָגן צו דוד דער דרדקי־מלמד, ווען ניט וואָלט ער געמאָנט נאָך דריי קאָפּיקעס פּראָקאַט־געלט.

דעם „רייכער בעטלער״, אָבער, אַלס אייגנטום, האָט מען שוין גע־קענט לייענען און לייענען. און דער דאָזיקער ראָמאַן איז געווען אַ געווי־סער פּעריאָד דאָס באַליבטע בוך פון אונדזער הויז און אפילו ביי די שכנים, וואָס דערהערנדיק פון אַזאַ וואונדער־שיינער געשיכטע האָט יעדער שכנישער בחור — דאָס בוך געבאָרגט.

אויב דאָס דאָזיקע בוך איז ניט געווען דער ערשטער ראָמאַן וואָס איך האָב געלייענט פון שמ״ר און בכלל אין יידיש — איז ער אָבער דער ערשטער, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. געוויסע קאַפּיטלען אין אים האָב איך געקענט כמעט אויסנוויניק.

די „קראַפט״ פון דעם „רייכן בעטלער און אָרעמען מיליאָנער״ איז, ערשטנס, באַשטאַנען אין דער מערכנהאַפטער פאַבולע: ווי אַזוי דער גוטער ווערט באַלוינט, און טאַקע דאָ אויף דער וועלט און ווי אַזוי דער שלעכטער ווערט באַשטראָפט און טאַקע ווידער אויף דער וועלט. מען דאַרף, הייסט עס, ניט וואַרטן ביז זיי ביידע וועלן שטאַרבן און פאַרלאָזן זיך אויף דעם משפט, וואָס קומט פאַר אויפן הימל. די אָרעמע בייטאָרין — די וואונדערלעכע שיינע לאה — אַזוי האָט טאַקע געהייסן די העלדין, פשוט לאה, וואָס האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט מיט איר גוטער טייערער מאַמען, איז ענדלעך באַלוינט געוואָרן. דער בעטלער, וואָס איז צו זיי

געקומען, איז גאָר געווען אַ פאַרשטעלטער. ער איז גאָר אַ מיליאָנער און, דאַכט זיך, אַ גראַף אַזש פון לאָנדאָן. אין לאָנדאָן מעגן דאָך זיין אויך יידישע גראַפן... איז שוין קיין קשיה ניט געווען... און דערפאַר וואָס די אָרעמע נייטאָרין לאה מיט איר מאַמען האָבן אים געשטיצט ביי זייער אָרעמקייט — האָט ער ענדלעך זיך געלאָזט דערקענען ווער ער איז... ער שטאַמט טאַקע פון זעלבן שטעטל, זיך געגנוג אָנגעליטן אין דער וועלט און איז ענדלעך עולה גדולה און איז געקומען אויספרובירן די משפחה, צי וועלן זיי אים אויפנעמען פריינדלעך אויך ווי אַן אָרעמאַן, און טאַקע דערפאַר האָט ער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ בעטלער — און געפינט אויס, אַז זיין רייכער פעטער אלחנן וויל אים אפילו אויפן שוועל ניט אַרויפ־לאָזן. „ווערנד" די אָרעמע לאה מיט איר אָרעמער מאַמען טיילן זיך מיט אים מיט דעם לעצטן ביסן. האָט ער אוודאי לאהן מיט איר מוטער באַ־לוינט, און ער האָט אפילו חתונה מיט לאהן... און דעם רייכן אָנקל אלחנן, וואָס זיין פאַמיליע נאָמען איז אוודאי געווען שטיינהאַרץ — האָט ער רואינירט, געמאַכט פאַר אַן אָרעמאַן.

אוודאי איז דער דאָזיקער ראָמאַן געווען נאַאיוו געשריבן. ניט נאָר פסיכאָלאָגיש, נאָר קוים לאָגיש אויסגעהאַלטן אפילו נאָך די אַמאָליקע באַגריפן, נאָר ווער האָט עס דען געפאָדערט? דאָס לעבן איז געווען אַזוי גרוי און וואָכעדיק, אַן וואונדער, אַן איבערראַשונגען. און דאָ, אין שמ"רס ראָמאַן איז אין יעדן קאַפּיטל עפּעס אַ יום־טוב, אַ פּאַסירונג. אָט פאַר־קליידט זיך דער מיליאָנער פאַר אַ בעטלער און אָט פאַר אַ מיליאָנער צוריק. אָט גייט ער אין טראַנטעס, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, און אָט טוט ער זיך אָן ווי אַ גראַף... און האָט צו טאָן מיט שררות... און פאַר־געסט ניט אין דער זעלבער צייט לאהן, די אָרעמע נייטאָרין, וואָס איר גורל האָב איך שוין דאַן שטאַרק גענומען צום האַרצן. די דאָזיקע לאה האָט געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט און אַ מידע פלעגט זי מיט אירע „אַלבאַסטער"־ווייסע הענט נייען די העמדער ביז שפּעט אין דער נאַכט...

שפּעטער, אַז איך בין שוין געוואָרן אַ לעזער, אויסער וואָס איך האָב שוין זיך פאַרמאָסטן צו שרייבן אַליין לידער — האָב איך נאָך אַלץ גע־לייענט שמ"רן מיט דער גרעסטער שפּאַנונג. אויב אין דער „ביבליאָטעק" ביי דוד דעם דרדקי־מלמד זיינען, אין אַ געוויסן פּרייטיק נאָכמיטאָג, אַלע שמ"רס ראָמאַנען צעכאַפּט געוואָרן און איך האָב גענומען אָנשטאָט שמ"רס — עוזר בלאָשטיינס אַ ראָמאַן, ווי „די שוויגער", „דער כהן", צי פון אַן אַנדער מחבר פון ראָמאַנען פון יענער צייט — בין איך געבליבן ווי אַנ־

טוישט. ס׳האָט געפעלט, וואָס מען רופט, די ראַזשענקע, ניט די ליבעס־דערקלערונגען האָבן מיר מיטגעריסן, — פאַרקערט, אַזוינע שטעלן האָב איך דאָס רוב איבערגעהיפּט — ס׳האָט געצויגן צו וויסן וואָס וועט פּאַסירן מיט דעם העלד בכלל. די „ליבע״ אין שמ״רס ראָמאַנען איז געווען צו אַבסטראַקט, זי האָט אויפן כוח הדמיון ניט געווירקט. מער האָבן מיך אין זיינע ראָמאַנען געשפּאַנט די סיטואַציע אַליין, די פּאַרפּאַלגונגען, וואָס יעדער „העלד״ האָט געהאַט אויסצושטיין אין פאַרלויף פון אַ צאָל קאַפּיטלען און איך האָב שוין געוואָלט וואָס גיכער צוקומען צום לעצטן קאַפּיטל, וואו אַלץ וועט שוין ווערן גוט, און דער העלד, צי די העלדין, וועט שוין באַלוינט ווערן.

אמת, ניט שטענדיק איז דער סוף געווען אַ גוטער. אויך שמ״ר האָט אַמאָל אַנטוישט דעם לעזער און אַנשטאָט דעם גוטן סוף, וואָס מען האָט דערוואַרט האָט זיך דער העלד גאָר געשאָסן, פאַרסמט, צי אַזוי גע־שטאָרבן פאַר צרות, צי פאַר געוויסע סיבות. צו די דאָזיקע ראָמאַנען האָט געהערט דער ראָמאַן „פון חופּה צום טויט״, און „דער בלוטיקער אַדיע״ — איינס פון שמ״ר, ווי מיר געדענקט זיך, רירנדיקסטע ראָמאַנען.

ווי לאַנג איך האָב שמ״רן געלייענט, געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר, אַז ענדלעך בין איך געוואָרן אַ מאַרטירער, ווייל מיין פאָטער האָט מיר פאַרבאָטן צו לייענען ראָמאַנען בכלל און איך פלעג יעדן ראָמאַן שמ״רס, וואָס איך האָב געגנומען אויף פּראָקאָט — מוזן לייענען באַהאַלטענערהייט, אָבער שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע פלעגן שוין שלאָפן, פאַרן קליין פייערל פון אַ לעמפּל, וואָס האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט. איך האָב שוין לויט דעם טאַטנס עצה געמוזט אָנהויבן לייענען העברייאישע ביכער, אפילו אויך ראָמאַנען, אָבער ווי באַלד אויף העברייאיש, מעג מען — איז ניצלעך — מען דערלערנט דערוויילן דעם לשון... אַ גליק איז געווען, וואָס אויך שמ״ר האָט געהאַט אויף העברעאיש עטלעכע ראָמאַנען — איי־נער „הנדחת״. זיי זיינען אָבער ניט געווען אַזוי שפּאַנענד ווי זיינע יידי־שע...הגם שפּאַנענדיקער ווי אַנדערע העברייאישע, ניט אַריינרעכענענדיק סמאָלענסקינס „קבורת חמור״ און א. מאַפּוס „עיט צבוע״, וועלכע איך האָב אויך געלייענט, אַלס קליין ייִנגל, מיט דער גרעסטער שפּאַנונג, שוין כמעט אַזוי ווי שמ״רס ראָמאַנען.

ערשט אַז איך האָב באַקומען — שוין אויך בשתיקה פון טאַטן — אַ ראָמאַן אין פיר טיילן, „דער אידישער מוזשיק״, פון אַ מחבר, וואָס איז מיר דאַן גאָר פרעמד געווען — מ. ספּעקטאָר, בין איך, נאָכן איבערלייענען

דעם דאָזיקן ראָמאַן, געוואָרן קעלטער צו שמ״רס ראָמאַנען.

נאָך דעם זעלבן ספעקטאַרס ראָמאַן „עניים ואביונים״, און נאָך שלום עליכמס ראָמאַן „קינדער שפּיל״ און „סענדער בלאַנק״, וואָס האָבן שוין דאַן געגרייכט אין אונדזער שטעטל — האָב איך שוין שמ״רן אויפגעהערט לייענען אין גאַנצן.

פונדעסטוועגן, אַז איך האָב אין דער זעלבער צייט, וואָס איך בין שוין געוואָרן אַ לייענער פון ליטעראַרישע ווערק אויף יידיש — אין דער זעל־בער צייט געקראָגן דאָס ביכל, „שמ״רס משפּט״ פון שלום עליכם, האָט מיר דאָס האַרץ שטאַרק וויי געטאָן. אַזאַ גרויזאַמקייט צו איינעם, וואָס האָט מיר אַזוי פיל פרייד פאַרשאַפט — האָב איך ניט געקענט פאַרטראָגן. אויך מיין טאַטן האָט עס פאַרדראָסן, הגם ער האָט צוגעגעבן, אַז דער שלום־עליכם וואַקסט אַ גרויסער שרייבער... „ס'איז קונציק״!...

אַ טרייסט האָב איך אָבער געהאַט, איך בין שוין דאַן געוואָר געוואָרן אַז שמ״ר איז שוין אין אַמעריקע, און אין יענער צייט איז אַמעריקע נאָך געווען אַ זייער ווייטע וועלט... וועט עס שמ״רן ניט טרעפן...

און דערצו האָב איך פאַרטיידיקט שוין שמ״רן פון שלום־עליכמס שטרענגן משפּט — מיט עטלעכע שמ״רס ווערק, וואָס זיינען עכטע לי־טעראַטור, ווי זיין קאָמעדיע „רעוויזאָר״, אַ נאָכאַמונג פון גאָגאָלס „רע־וויזאָר״, אָבער מיט יידישע פאַרשוינען און שטאַרק הומאָריסטיש.

אויך זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען האָב איך שוין געוואוסט דאַן, אַלס ייִנגל — אָבער שוין ליטעראַריש אויסגעבילדעט — ווי אָפּצושאַצן. אַזוי איז מיר אפילו דאַמאָלס זיין ראָמאַן „דער לעצטער יידישער קעניג״, פון בר־כוכבאס צייטן — שטאַרק געפעלן געוואָרן. אויך זיין ראָמאַן „דער געבילדעטער עם־הארץ״ פון יהודה הלוי און אבן־עזראס צייטן, איז פאַר יענער צייט געווען אַן אַנטפּלעקונג.

אויך אינעם קאַמף פאַר אויפקלערונג זיינען שמ״רס ראָמאַנען אין זייער צייט געווען איינער פון די ווירקזאַמסטע מיטלען. אַזוי האָבן זיינע ראָמאַנען „דער חרם״, „דער טרייפניאַק״, און אַנדערע, וואו עס ווערט גע־וויזן דער יידישער קלעריקאַל פון יענער צייט אין זיין ריכטיקער גע־שטאַלט, פיל מיטגעווירקט צו אָפּשוואַכן דעם אויטאָריטעט פון די קהלס לייט און גאַטס סטראַפּצעס פון יענער צייט.

מיט איין וואָרט — אפילו „שמ״רס משפּט״, פון שלום־עליכם, וואָס דער לעצטער האָט מיך שוין דאַן מיט זיינע ערשטע ראָמאַנען אַנטציקט — האָט ניט געקאָנט אינגאַנצן פאַרמשפּטן שמ״רן. אַן אורטייל „שולדיק״

זיכער ניט געקענט אַרויסטראָגן. שמ״רס כוונות זיינען זיכער געווען גוטע, ערלעכע. ניט נאָר פּאָרנאָגראַפישע סצענעס זיינען לחלוטין ניטאָ אין זיינע ראָמאַנען, נאָר אפילו עראָטישע, ליטעראַריש־כשרע, האָט ער אויסגע־מיטן. זיינען העלדינען האָבן פאַרמאָגט בלויע אויגן, ווי דער הימל, אָדער שוואַרצע ווי די נאַכט... די וואַנגען — ווי ראָזע עפּל. דער שטערן — אַלבאַסטער ווייס...

אַ ליבע־דערקלערונג האָט ער אויסגעדריקט אין סאַמע צערטלעכע ווערטער, אָדער אין די סאַמע ריינסטע.

דער העכסטער עראָטישער מאָמענט איז געווען אויסגעדריקט אין די ווערטער: „און ער האָט זי אומאַרמט״.

אויך האָט שמ״ר ביי מיר נאָך דאַן ניט פאַרלאָרן זיין באַדייטונג, פאַר זיינע ראָמאַנען פון דעם מאָדערנעם מענטש. ער איז, הייסט עס, געגאַנגען מיט דער צייט. אַזוי איז פאַר מיר, אַ קליינשטעטלדיק דערצויגענעם ייִנגל, געווען, ווי אַן אַנטפּלעקונג, זיין טיפּ וואָלף לאַט — אַ ניהיליסט, אין זיין ראָמאַן „צווישן צוויי פלאַמען״. ווי מיר געדענקט זיך איצט, איז וואָלף לאַט געווען אַ נאָכמאַכונג פון באַזאַראָוו פון טורגעניעווס „אָטצי אי דיעטי״ (פאָטער און קינדער) . . .

אָבער ווי געזאָגט, נאָך דעם ווי איך האָב פאַרזוכט מ. ספּעקטאָר, שפּעטער שלום־עליכם און מענדעלעס „קליין מענטשל״, „די טאַקסע״ און „די קליאַטשע״, האָב איך שוין אַלס צוועלף־דרייצן־יעריקער ייִנגל — שמ״רן מער ניט געלייענט. אָבער סיי ווי סיי האָב איך שוין דאַן געהאַט שמ״רס כמעט אַלץ דורכגעלייענט, מיט דער אויסנאַם פון די עטלעכע ראָמאַנען, וואָס ער האָט שוין פאַרעפנטלעכט אין אַמעריקע.

די זיינען שוין פאַר מיר פאַרבליבן ווי פאַרזיגלטע ביכער.

אָבער דער נאָמען שמ״ר — ניט געקוקט אויף אַלע נעגאַטיווע זייטן פון זיינע ראָמאַנען — איז פאַרט מיר עד היום טייער, ווי איינע פון די אנגענעמסטע ערינערונגען פון מיין קינדהייט און פריסטער יוגנט, ווען לייענען אַ בוך איז געווען די גרעסטע פרייד.

די דאָזיקע פרייד — ביים לייענען אַנדערע ביכער — איז נאָך אַלץ איינע פון די גרעסטע און דערפאַר האָב איך אַזוי גערן דערציילט וועגן די ערשטע איינדרוקן ביים לייענען אַמאָל דעם שוין איצט לעגענדאַרן שמ״רן.

„פאָרווערטס״, 6טן דעצעמבער, 1930.

אברהם רייזען

שמ״ר און זיינע ראָמאַנען

(צו שמ״רס 35טן יאָרצייט)

אַז שמ״רן האָבן געלייענט בלויז דינסטמיידלעך, איז געווען אַ בלבול פון זיינע קעגנער. כאָטש דאָס וואָס „דינסטמיידלעך“ האָבן אים אויך געלייענט, האָט אַוודאי געהערט צו די פּאָזיטיווע זייטן. אינטערעסאַנט איז אָבער, וואָס די קעגנער פון דער יידישער שפּראַך אין יענער צייט האָבן גישט נאָר שמ״רן פאָרגעוואָרפן, אַז ער שרייבט בלויז פאַר דינסטמיידלעך. אויך דאָס יידישע טעאַטער האָט מען באַקעמפט דערמיט, וואָס אין יידישן טעאַטער גייען — זען און הערן — בלויז דינסטמיידלעך און שוסטער־יונגען און סתם יונגע באַלמעלאָכעס. דאָס איז שוין געווען אַ שוואַכקייט, מילד גערעדט, פון די אַמאָליקע משכילים, די „ליבהאָבער“ פון העברייאיש, פאָרצוואָרפן דער יידישער שפּראַך, אירע פריינט — די אַרבעטער, די באַלמעלאָכעס, צי די אָרעמע דינסטמיידלעך און קעכינס... פון אַ מעלה האָבן זיי, די דעמאָלטיקע קעגנער, געמאַכט אַ זינד...

אין דער אמתן האָבן שמ״רן, ווי בכלל די יידישע מעשה־ביכלעך, וואָס זיינען דערשינען אין יענער צייט — אין סוף פון די זיבעציקער און אין אָנהויב ביזן סוף פון די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט — געלייענט אויך די באַלעבאַטישע מיידלעך, ווייבלעך, און יונגעלייט — משכילים... ניט אומזיסט האָט שמ״ר צו זיינע גרעסערע ראָמאַנען אויך געהאַט פאָרעפנטלעכט — ביים סאַמע אָנהויב, באַלד נאָכן שער־בלאַט — אַ שיר אויף העברייאיש. דאָס האָט ער שוין, קאָנטיק, געוואָלט באַלויבען זיין לשון־קודשדיקן לעזער דערפאַר, וואָס ער מוז לייענען אַ ביכל אויף זשאַרגאָן, צי אויף עברי־טייטש, ווי יידיש האָט אין יענער צייט געהייסן ביי דעם משכיל בכלל, און, פאַרשטייט זיך, אַז מיטן נאָמען „זשאַרגאָן“ איז מען אויסן געווען דעם ווערט פון יידיש צו פאַרמינערן... בכלל, אָבער, האָבן שמ״רן געלייענט אַלע די, וואָס האָבן געלייענט ביכלעך, וואָס האָבן געהאַט די נייגעריקייט און דעם חשק צו לייענען. אַזעלכע זיינען געווען צווישן אַלע קלאַסן, און צווישן ביידע מינים, מאַנסביל און פרויען, יונגע־לייט און מיידלעך, סיי באַלעבאַטישע, משכילישע, סיי דינסטמיידלעך, אַרבעטער און באַלמעלאָכעס.

מעגלעך, אַז אַן אַנדער משכיל האָט שמ״רס אַ „זשאַרגאָנישן ראָמאַן״ געלייענט ניט בפרהסיה. ווײַבאַלד אָבער, אַז אין הויז האָט זיך שוין געפונען דאָס ווײַב, צי די טאָכטער, צי אַפילו טאַקע דאָס שטוב־מיידל, וואָס האָט שמ״רס ראָמאַנען יאָ געלייענט — האָט ער, דער משכיל, שוין אויך אַרײַנגעקוקט און טאַקע פֿאַרכאַפּט געוואָרן גלײַך מיט זיי, מיט די, וואָס האָבן שמ״רס ראָמאַנען געקראָגן אַליין אין ערגעץ: געקויפֿט בײַם פּאַקנטרעגער, צי גענומען אויף פּראָקאַט בײַ דעם יידן אין שטאָט גופא, וואָס האָט געמאַכט אַ געשעפֿט פֿון אַרויסגעבן זשאַרגאָנישע מעשה־ביכלעך אויף פּראָקאַט, און דער עיקר, נאַטירלעך, טאַקע — שמ״רס...

דאָס לייענען בלויז שמ״רן, זײַן פּאָפּולאַריטעט, איז געוואַקסן דערפֿאַר, ווײַל ער איז דעם דעמאָלטיקן דורכשניטלעכן לייענער אַזוי שטאַרק געפֿעלן געוואָרן; האָט ער טאַקע מער געשריבן און געדרוקט. די פֿאַרלעגער האָבן געריסן די מאַנוסקריפּטן בײַ אים פֿון די הענט, און קענענדיק דערציילן גלאַט די סאַמע פֿאַנטאַסטישע פּאַסירונגען, האָט שמ״רן, קאָנטיק, אַ ראָמאַן, צי אַ לענגערע דערציילונג, ניט לאַנג גענומען אָנצושרײַבן, בפֿרט אַז געוויסע ראָמאַנען האָט ער איבערגעאַרבעט אין אַ יידישן נוסח פֿון אַנדערע שפּראַכן. האָט שוין זײַן פּראָדוקטיוויטעט פֿאַראורזאַכט אויך זײַן פּאָפּולאַריטעט, און אויך דערפֿאַר די באַגייסטערונג פֿון די דעמאָלטיקע לייענער פֿאַר שמ״רן בכלל.

און מען מוז צוגעבן: שמ״ר האָט געהאַט אַ כוח צו „נעמען״ דעם לייענער, צו פֿאַראינטערעסירן, צו פֿאַרכאַפּן אים, אַז ביז מען האָט דעם ראָמאַן ניט פֿאַרענדיקט, איז מען געווען פֿאַרזאָרגט איבער דעם גורל פֿון די העלדן און די העלדינען.

שמ״ר האָט שוין אין די ערשטע צוויי קאַפּיטלען פֿאָרגעשטעלט זײַן גאַנצן פּערסאָנאַל, פֿאַראינטערעסירט מיט זיי, און נאָכדעם האָט מען ערשט געדאַרפֿט דערגיין וואָס מיט יעדן האָט פּאַסירט ווײַטער.

ניט געקוקט אויף דעם ביסעלע דײַטש, וואָס שמ״ר האָט גענוצט אין זײַן שרײַבן, איז אָבער זײַן שפּראַך געווען זייער לײַכט, אָנציענד. די אײנציקע דײַטשע ווערטער האָט מען שוין, נאָכן איבערלייענען זײַנע אַ פּאָר ראָמאַנען, געדענקט. ווער האָט עס ניט געוואוסט, אַז „מאָנד״ איז די לבנה, און די „זאָננע״, אויב אַפֿילו מיט צוויי נונען — די זון. ווער רעדט די משכילים, וואָס האָבן געזינדיקט מיט לייענען אַ זשאַרגאָנישן ראָמאַן פֿון שמ״ר, האָבן געוואוסט די דײַטשע ווערטער פֿון דעם וואָס זיי האָבן געלייענט דעם תנ״ך מיט מענדעלסאָנס דײַטשער איבערזעצונג. די פֿרויען,

ווידער, האָבן געגוג דייטשע ווערטער געוואוסט פון טייטש־חומש, פון די תחינות אַפילו אויף הויך־דייטש... און אפשר האָט טאַקע דאָס ביסעלע דייטש אַריינגעמישט אין די יידישע רייד, צי אין נאַטור־מאָלעריי, ווי „עס וואָר אַן הערליכער אָוונט, דער מאָנד האָט געשטראַלט אין זיין פאָלען גלאַנץ" — צוגעגעבן געהויבנקייט דעם בוך בכלל... האָט דאָך אויך אַזאַ, אייגנטלעך, קינסטלערישער דערציילער ווי שמ"רס פאָרגענגער, אייזיק מאיר דיק, אויך געזינדיקט מיט דייטשישע אויסדרוקן, און פונדעסטוועגן איז זיין „יידיש" בכלל איינער פון די פיינסטע און פאָלקסטימלעכסטע.

אָוודאי האָט שמ"רס „סטיל" — אויב ס'האָט געקאָנט הייסן סטיל — געפעלט אייגנאַרטיקייט, פערזענלעכקייט און אַפילו לאָקאַלער קאָלאָריט, וואָס, למשל, עס האָט פאַרמאָגט — ניט געקוקט אויף דעם ביסל דייטש־מערישקייט — דער שוין־דערמאָנטער אייזיק מאיר דיק; אָבער דערפאַר האָט מען טאַקע שמ"רן אומעטום פאַרשטאַנען, אין אָדעס ווי אין ווילנע, אין מינסק ווי אין פאָלטאַווע. זיין יידישער סטיל, די שפּראַך, האָט געהאָט דעם קאָלאָריט פון בוך־שפּראַך... הגם אין געוויסע „הומאָריסטישע" דיאַלאָגן פון פרומע יידן, אָדער פון אַן עלטערער קעכין צי פון אַ שדכנטע, איז שוין די שפּראַך געווען ריין־יידיש און אַפילו כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סביבה, אין וועלכער די העלדן, צי די העלדינען, וואָס האָבן געפירט דעם געשפּרעך — האָבן זיך געפונען...

דער סיפּור־המעשה איז ביי שמ"רן געווען פּאָבלהאַפטיק. אָבער עס האָט זיך געגלויבט, עס האָט זיך געלייגט אויפן געפיל... זאָל טאַקע זיין, ווי דער אמת איז, אַז קיין הויכע ליטעראַטור איז שמ"ר ניט געווען, אָבער איינס — און ניט נאָר איינס — מוז מען מודה זיין, אַז שמ"ר האָט געהאָט אַ געוואַלדיקע פייאיקייט צו דערציילן, און אויב אַפילו איבערצודערציילן, ווי זיינע קריטיקער האָבן אים פאָרגעוואָרפן, און מסתם מיט רעכט, האָט ער עס איבערדערציילט מיט זיין אייגנטימלעכן געמיט. יאָ, מיר האָבן, ווי עס דאַכט זיך אונדז איצט, געקראָגן דאָס ריכטיקע וואָרט צו באַצייכענען שמ"רס אייגנשאַפט — דער ספּעציעלער דערציילונגס־געמיט. עס איז ניט בלויז פייאיקייט — עס איז אויך אַליין אַריינגלויבן זיך אין דעם, וואָס מען דערציילט... ווען ניט אָט די אייגנשאַפט שמ"רס, וואָלט ער ניט געהאַט די מאַכט איבער אַזויפיל לייענער, אַפילו אין יענער צייט. אַ ראיה, אין זיין צייט זיינען געווען נאָך ראָמאַנען־שרייבער, ווי עוזר בלאָשטיין, בוך־בינדער, זייפערט און אַנדערע — און קיינער האָט ניט געהאָט דעם דער־פאָלג וואָס שמ"ר. עוזר בלאָשטיינס גרויסן, פיר־בענדיקן ראָמאַן „דער

כהן״ האָט דער שרייבער פון די צײלן, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל פון אַכט צי ניין יאָר, און שוין אָבער אַ גרויסער לייענער פון ראָמאַנען, מסתּם ביזן צוועלפטן יאָר — ביז 1888 — ניט געהאַט דעם געדולד צו לייענען מער ווי איין טייל; און ווי אים דאַכט זיך איצט, אַפילו דער ראָמאַן פון זעלביקן בלאַשטיין, „די בייזע שוויגער״, וואָס האָט שוין ביי די לייענער געהאַט מער דערפאָלג, האָט זיך אָבער אַלץ ניט געקאָנט גליַיכן צום דערפאָלג, וואָס שמ״רס אַ ראָמאַן האָט געהאַט.

ווער האָט געקאָנט, אין יענער צייט, אָנהויבן און ניט ענדיקן לייענען אַזעלכע ראָמאַנען שמ״רס ווי „דער חרם״, „דער בעל־תשובה״, „די בלינדע יתומה״, „דער בלוטיקער אַדיע״, „פון חופה צום טויט״, „די אייזערנע פרוי״, „צווישן צוויי פלאַמען״, און פיל, פיל אַנדערע... יעדער העלד און העלדין, צי פון לעבן, צי אויסגעטראַכטע, האָט מען געזען, ביים לייענען און נאָכן לייענען, שוועבן פאַר די אויגן. מען האָט געלעבט מיט זיי, מיטגעפילט זייערע ליידן, און מיטגעצאַרנט אויף זייערע באַליידיקער, אונטערדריקער, און געוויינט אויף דעם גורל פון די פאַרוואָגלטע שיינהייטן, ווי די שיינע בלומע פון דערמאָנטן „בלוטיקן אַדיע״, וואָס איר שיין געשטאַלט האָט לאַנג, לאַנג געשוועבט פאַר די אויגן...

עפּעס האָט איבער דעם גרעסטן טייל פון שמ״רס ראָמאַנען — אָדער ריכטיקער, איבער די העלדן פון די ראָמאַנען — געטראָגן זיך ווי אַ צויבער... אַוודאי איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען מער — אָדער ריכטיקער, אויך — דער פאַנטאַזיע פון די לייענער... מען איז געווען פאַרבענקט נאָך שיינקייט, נאָך ווייטע שטעט, לענדער, נאָך וועלדער און פעלדער, און איבערהויפּט נאָך שיינע וואוינונגען — מיט זאַלן, וואו עס שטייען „פּאַרטאָ־פּיאַנאָס״ און שיינע איידעלע טעכטער זיצן און שפּילן אויף זיי מיט זייערע צאַרטע, ווייסע, לאַנגע ליליען־פינגער...

און טאָמער האָט שמ״ר אונדז צוגעטראָגן אַ ראָמאַן פון אונדזער גע־שיכטע, זיינען מיר אים אַוודאי דאַנקבאַר געווען. דאָ האָבן מיר שוין אויך געקראָגן גרויס דרך־ארץ פאַר זיין וויסן... „דער לעצטער יידישער קעניג״, פון בר־כוכבאס צייט; „חתן דמים״, פון דער צייט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, צי „דער געבילדעטער עם־הארץ״, פון דער לעגענדע וועגן אברהם אבן־עזרא, וואָס האָט, באַזוכנדיק דעם גרויסן פּאָעט יהודה הלוי, געשפּילט די ראָלע ווי אַן עם־הארץ, און ווי אַזוי לאה, ר׳ יהודה הלויס טאָכטער, האָט זיך דאָך פאַרליבט אין אבן־עזרא, אַפילו מיינענדיק אַז ער איז אַן אומגעבילדעטער, — דאָס זיינען געווען הייליקע מאָמענטן, וואָס

מיר, יענער דור, צי יינגלעך, צי מיידלעך, צי דערוואַקסענע, צי אַפילו מיטליאַריקע, האָבן דורכגעלעבט ביים לייענען אָט די, צי אַנדערע שמ״רס ראָמאַנען...

מיר ווילן זיי איצט ניט קריטיקירן — די דערמאָנטע אַמאָליקע ראָמאַנען — ניט פון קינסטלערישן, צי אַפילו ניט פון ליטעראַרישן שטאַנד־פונקט. זיי זיינען צו־טייער געווען אונדזער פריערדיקן דור — אונדז אַליין, אַלס קינדער, און אונדזערע שוועסטער, טאַטעס און מאַמעס, און אַפילו מאַנכע באָבעס און זיידעס — אויסצולאַכן זיי, צי גאָר חלילה, צו משפטן. סיי־ווי־סיי איז מען — נאָך דעם דערשיינען פון מרדכי ספּעקטאָרס ערשטע ראָמאַנען — אין מיטן פון די אַכציקער יאָרן, און באַלד נאָך שלום־עליכמס ראָמאַנען „סענדער בלאַנק״ און „קינדער־שפּיל״ — צו שמ״רס ראָמאַנען קריטישער געוואָרן... אגב אורחא, איז דער סוזשעט פון שלום־עליכמס „קינדער־שפּיל״ אַ „געבאַרגטער״, וועדליק ס׳האָט אים, שלום־עליכמען, פאַרגעוואָרפן אַ דעמאָלטיקער קריטיקער יוסף הערדער (י. י. לערנער), —דער סוזשעט איז געבאָרגט, ווייל דער סוזשעט איז געווען, ווי אַזוי אַ זון, וואָס זיינען עלטערן זיינען אין קריג מיט די עלטערן פון זיין געליבטער — אַנטלויפט מיט איר...

אַוודאי זיינען אַפילו אין דעם ראָמאַן שלום־עליכמס דאָ גרויסע קינסט־לערישע שטעלן, אָבער שלום־עליכמס קריטיק אויף שמ״רן, „שמ״רס משפט״, איז פאַרט געווען צו־שטרענג און אפשר צו־גרויזאַם, און עס איז סיי־ווי־סיי ניט נויטיק געווען. עס איז שוין געקומען די נייע צייט און די נייע ליטעראַטור:

ספּעקטאָרס „הויז־פריינד״, אַפילו שוין דער ערשטער באַנד אין 1888, אי שלום־עליכמס זאַמלבוך „פאָלקס־ביבליאָטעק״, וואו עס איז שוין געווען געדרוקט זיין ראָמאַן „סטעמפעניו״, און נאָכדעם פּרצעס „יודישע ביב־ליאָטעק״, און באַלד די דערוואַכטע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן שוין אויסער ראָמאַנען געזוכט אַנדערע גייסטיקע שפּייז, אַפילו אין קינסט־לערישער פאָרם — און האָבן שוין טאָקע געפונען. ס׳איז אָנגעקומען דוד פּינסקי, און פון אַמעריקע און פון לאָנדאָן אַלערליי אַגיטאַציע־ליטעראַטור, מיט בעלעטריסטישער פאָרם, ווי „רפאל נעריצך״ פון אב. קאַהאַן, און „די מעשה מיט די פיר ברידער״, און נאָך אַנדערע. און דערצו די אומלעגאַלע לידער פון עדעלשטאַט, באָווישאָווער און ווינטשעווסקי — עס האָט זיך דערהערט אַ נייע שאַלונג איבער דער יידישער מחנה...

שמ״ר אַליין האָט שוין דאַן געהאַט פאַרלאָזט רוסלאַנד. ער איז אַוועק־

געפאָרן — אין 1890 — קיין אַמעריקע. געפּרואווט דאָ זיינע כוחות. גע־שריבן פאַרן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, אַרויסגעגעבן דאָ אייניקע ליטעראַרישע זשורנאַלן, און געקעמפט פאַר זיין טאָפּלטער עקזיסטענץ, ווי יעדער ניי־געקומענער, און מיט זיינע אייגן געזען ווי עס דערציט זיך, ווי עס וואַקסט אַ נייער דור שריפטשטעלער, דיכטער, און ער האָט זיי זיכער פאַרגונען און איז אומגעגאַנגען צווישן זיי אַ פריינטלעכער, אַ גוטמוטיקער, ווי אין אַלע טעג פון זיין באַזונדערס ניט־גרינגן לעבן...

אַ זויבערע פּערזענלעכקייט ווי ער איז געווען, איז ער געווען באַליבט אויך אין דער נייער וועלט — אין אַמעריקע — ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1905, אין עלטער פון 59 יאָר.

איצט קלינגט דער נאָמען לעגענדאַריש. און וואָס קאָן זיין שענער, ווען פון אַ מענטשלעך לעבן, צי אפילו פון זיין נאָמען, וועבט זיך אויס אַ לעגענדע מיט אירע אַלע קאָלירן און מיט אַלע שיינקייטן פון אַ לעגענדע ?...

„פאָרווערטס״, 17טן נאָוועמבער, 1940.

דר. ש. מ. מלמד

דרייסיק יאָר נאָך שמ״רס טויט

די טעג איז געוואָרן דרייסיק יאָר, ווי שמ״ר האָט געשלאָסן די אויגן. דער היינטיקער יידישער דור ווייסט ווייניק פון שמ״רן, אָבער נאָר מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, איז שמ״ר נאָמען געווען דער פּאָפּולערסטער אין דער יידישער גאַס, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער פּאָעט אין דער יידישער גאַס פון זיין צייט. די היינטיקע יידישע ליטעראַטור־קריטיקער פּרואוון מאַכן צו קליינגעלט פון דעם מאַן, וועלכער מעג באַטראַכט ווערן אַלס דער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור, ווייל זיין ליטעראַרישע טעכניק איז ניט געווען אויף דער הויך פון דער איצטיקער צייט. אָבער שמ״ר האָט ניט געקאָנט האָבן די פאָרם פון 1935, ווייל ער האָט געשריבן זיינע בעסטע זאַכן מיט צוויי דורות צוריק, ווען די יידישע ליטעראַטור איז נאָך געווען אַ פרומע תפילה פון יונגע יידישע טרוימערס. עס איז סתם לעכערלעך צו באַאורטיילן די באַדייטונג פון אַ גרויסן שריפטשטעלער לויט זיין טעכניק, און עס איז נאָך מער לעכערלעך צו פאַרלאַנגען, אַז אַ ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט גרויסע פאַרדינסטן אַלס שאַפער און פּיאָנער, זאָל נאָך דערצו זיין דאָס לעצטע וואָרט אין ליטעראַרישער פאָרם. שמ״רס באַדייטונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור און פאַר דעם יידישן קולטור־לעבן טאָר ניט באַאורטיילט ווערן פון שטאַנדפּונקט פון פאָרם, נאָר פון געזיכטס־פּונקט פון שאַפן — און אַלס שאַפער און בויער, איז שמ״ר די פאַרבנרייכסטע פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. זיין ריזיקער דערפאָלג, וואָס ער האָט געהאַט פאַר די פיר יאָרצענדליקער פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, איז ניט געווען קיין צופאַל. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ גוואַלדיקער פאַנטאַזיע, און זיין טאַלאַנט אַלס דערציילער האָט נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג ניט קיין אַנאַלאָגיע אין דער יידישער ליטעראַטור.

דעם סאָרט דערציילער־טאַלאַנט, וואָס שמ״ר האָט געהאַט, רופן אַן די דייטשן פאַבולירן — דאָס הייסט די קראַפט צו שאַפן דיכטערישע פאַבל, דאָס דיכטערישע רוי־מאַטעריאַל. אָבער ניט אַלס גוואַלדיקער פאַבולירער אַליין איז שמ״ר געווען באַרימט. זיין גוואַלדיקע פּאָפּולאַריטעט, פון וועלכער דער היינטיקער יידישער דור האָט ניט קיין שום פאַרשטעלונג, ווייל

זי איז געווען עכט־פאָלקסטימלעך, איז נאָך געווען באַגרינדעט אויף דעם פאַקט, וואָס ער איז געווען אַ פּילזייטיק־באַגאַבטע פּערזענלעכקייט. ער איז געווען אַ דערפאָלגרייכער דראַמאַטורג און איינער פון די זיילן פון דעם יידישן טעאַטער אין זיין צייט; ער איז געווען ניט נאָר אַ יידישער, נאָר אויך אַ העברייאישער נאָוועליסט; ער איז געווען אַ נאַציאָנאַלער דיכטער, און האָט געשריבן פיל העברייאישע לידער, וואָס זיינען דערשינען אין די בעסטע העברייאישע זשורנאַלן פון זיין צייט, און איז נאָך דערצו געווען איינער פון די וועגווייזער פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אויף דער יידישער גאַס, ווען שמ״ר האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט — אין די אַכציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט.

שמ״רס הויפּט־באַדייטונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור־געשיכטע פון דעם לעצטן דריטל פון נייַנצנטן יאָרהונדערט איז באַגרינדעט אויף צוויי ספּעציפישע לייסטונגען — שמ״רס ראָמאַנען און שמ״רס דראַמעס. אין זיין צייט איז ער געווען דער פּאָפּולערסטער און אָנגעזעענסטער יידישער נאָוועליסט, ווייל ער איז געווען אַ געוואַלדיק־גרויסע עטישע פּערזענלעכקייט. דאָס וואָס מאָסליאַנסקי האָט געלייסטעט אַלס פאָלקס־רעדנער, האָט שמ״ר געלייסטעט אַלס פאָלקס־שריפטשטעלער. אַזוי ווי מאָסליאַנסקיס באַרימטקייט איז ניט געגרינדעט אויף זיין טעכניק, אַזוי זיינען שמ״רס נאָוועלן ניט געווען באַרימט און פּאָפּולער צוליב זייער עסטעטישער טעכניק, נאָר צוליב זייער מעכטיקן עטישן אַפּיל צו די מאַסן. די יידן אין די צאַרישע געטאָס, ווי אַנדערע אונטערדריקטע גרופּן מיט אַ טיף־רעליגיעזן הינטערגרונט, האָבן זיך אָפּט פאַרטראַכט אין די אור־אַלטע פראַגן: רשע וטוב לו, צדיק ורע לו — דעם רשע גייט גוט אויף דער וועלט און דעם צדיק גייט עס שלעכט. די מאָראַלישע פראַגע האָט געפּייניקט די אונטערדריקטע אין צאַרס געטאָ, און שמ״ר — מיט דעם עכטן אינסטינקט פון אַ גרויסן פאָלקס־שריפטשטעלער, האָט ניט נאָר גע־שטרעבט צו אונטערהאַלטן די געפּייניקטע יידישע מאַסן, נאָר זיי אויך צו טרייסטן.

שמ״רס יידישער דור האָט ניט געהאַט קיין שום צווייפל איבער זיין טאַלאַנט אַלס פּאָעטישער אונטערהאַלטער, ווייל זיין דור האָט זיינע יידישע ראָמאַנען פאַרשלונגען. אָבער אַז שמ״ר איז געווען אַ גרויסער יידישער טרייסטער און וועקער, ווייסן היינט אַלע, וועלכע פאַרשטייען אָפּצושאַצן

שמ״רן ניט נאָר אַלס אונטערהאַלטנדיקן נאָוועליסט, נאָר אויך אַלס נאַציאָנאַלע שאַפֿנדיקע פּערזענלעכקייט. איך האָב נאָך אַלס קינד געלייענט שמ״רס יידישע און העברייאישע ראָמאַנען — און ספּעציעל זיין פּליסיק־געשריבענער העברייאישער ראָמאַן „הנדחת״ האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. איך געדענק גאַנץ גוט, אַז יעדער פון זיינע ראָמאַנען האָט געהאַט אַ שטאַרקן מאָראַלישן אינטערעס, און אַז יעדער ראָמאַן איז געווען אַ געשיכטע מיט אַ מוסר־השכל — און דער מוסר־השכל איז געווען אַ בשורה פון טרייסט. אין וואָס איז באַשטאַנען די טרייסט? אין דעם שטענדיק־ווידערהאַלטן געדאַנק, אַז שלעכטסקייט און פאַרדאָרבנקייט באַצאָלן זיך ניט, און אַז דער איינדרוק „רשע וטוב לו״ איז נאָר אַן אָפּטישע אילוזיע. ווען מען באַטראַכט דאָס לעבן ניט פון שטאַנדפּונקט פון דעם אויגנבליק, נאָר פון ווייטע פּערספּעקטיוון, געפינט מען שטענדיק, אַז דער וואָס זייט גאַל, שניידט גיפט. אַט דער עטישער גרונט־געדאַנק, וואָס שמ״ר האָט זיין גאַנצן לעבן פּאָפּולאַריזירט, ווייל ער איז אַליין געווען אַ גרויסע עטישע פּערזענלעכקייט, האָט עס נויטיק געמאַכט, אַז ער זאָל שטענדיק אָנקומען צו דער מעלאָדראַמע און צו מעלאָדראַמאַטישע מאַטיוון, און זאָל זיך אַנטוויקלען ווי אַ „פּרימיטיווער״. זיין ליטעראַרישע פּרימיטיוויטעט איז ניט נאָר געווען באַדינגט דורך אויסערלעכע אומשטענדן — די ליטעראַרישע אומרייפקייט פון דעם יידישן לעזער פון צוויי דורות צוריק, נאָר אויך דורך דער טרייבנדיקער עטישער קראַפט פון שמ״רס פּערזענלעכקייט.

איך האָב שוין אויבן דערמאָנט דעם פאַקט, אַז שמ״ר איז געווען אַ פילזייטיק־באַגאַבטע פּערזענלעכקייט. ער איז ניט נאָר געווען דער פּאָפּולערסטער יידישער נאָוועליסט פון זיין דור, נאָר אויך דער פּאָפּולערסטער יידישער דראַמאַטיקער פון זיין צייט. ער האָט אָנגעשריבן ניט ווייניקער ווי פינף און דרייסיק פּיעסעס; אַ גאַנצע ריי פון זיינע פּיעסעס זיינען געווען די דערפאָלגרייכסטע אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. די צוויי פּיעסעס, „קאָקעטע דאַמען״ און „אימיגראַנטן״, זיינען „געלאָפן״ גאַנצע צוויי סעזאָנען אויף דער יידישער בינע און האָבן געצויגן געוואַלדיקע מאַסן מענטשן; אויך זיין קאָמעדיע „המן דער צווייטער״, אין וועלכער דער אומפאַרגעסלעכער מאָגולעסקאָ איז אויפגעטראָטן און באַוויזן וואונדער אין דער שאַפונג פון עכטער קאָמיק, האָט געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג. שמ״ר איז געווען אַ זייער מילדער און גוטער מענטש, און זיין הומאָר איז געווען מילד און גוטהאַרציק. אַט די זייט פונעם טאַלאַנט האָט אויך געירשנט זיין זון אברהם, וועמעס קאָמעדיע „דער גרינער מיליאָנער״, מיט איר מילדן,

גוטהאַרציקן הומאָר, האָט געהאַלטן די ניו־יאָרקער יידישע מאַסן אין איין לאַנג פאַר עטלעכע יאָר.

איך ווייס ניט וויפיל מזל שמ״ר האָט געהאַט אין זיין פּערזענלעכן לעבן, אָבער איך ווייס, אַז ער האָט נאָך זיין טויט גאָר קיין מזל ניט געהאַט. ער איז געשטאָרבן אין אַ צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „שטורעם־און דראַנג״־פּעריאָד אין יידישן לעבן, מיט זיינע רעוואָלוציעס, איבער־קערענישן און קאַטאַסטראָפעס און מיט אירע שטרעבונגען פאַר גרויסע און נייע צילן. אין אַזאַ פּעריאָד, ווען די בליקן פון אַ פאָלק זיינען געווענדט צו דער צוקונפט, פאַרגעסט מען די פאַרגאַנגענהייט מיט אירע גרויסע פיגורן. און אַזוי איז אויך שמ״ר פאַרגעסן געוואָרן פונעם הייַנטיקן יידישן דור. ניט נאָר שמ״ר, וועלכער איז שוין דרייסיק יאָר טויט, נאָר אויך מאַקס נאָרדוי, וועלכער איז נאָר דרייצן יאָר טויט, איז שוין אויך פאַרגעסן גע־וואָרן, און אין מאַקס נאָרדויס גדלות האָט דאָך קיינער ניט געלייקנט. פון דעם פאַקט וואָס שמ״ר איז פון דעם היינטיקן יידישן דור פאַרגעסן געוואָרן, דאַרף מען באַגרייפן די פּאָזיציע וואָס ער פאַרנעמט אין דער יידישער ליטעראַטור און קולטור־געשיכטע. די דאָזיקע געשיכטע איז נאָך ניט געשריבן געוואָרן, און ווען זי וועט געשריבן ווערן, ווען די צייטן וועלן זיין אַביסל רואיקער, וועט שמ״ר, דער פאָטער און באַגרינדער פון דער יידישער ליטעראַטור און פון יידישן טעאַטער און דער אַפּאָסטאָל פון חיבת־ציון, פאַרנעמען אַ זייער בכבודיקן פּלאַץ.

אויב די היסטאָרישע אַנטוויקלונג איז ניט געווען גינסטיק צו שמ״רן נאָך זיין טויט, איז אָבער זיין פּערזענלעכער מזל געווען גינסטיק און גליקלעך, ווייל ער איז דער איינציקער גרויסער יידישער שריפטשטעלער פון דער נייער צייט, וועמעס טאַלאַנט האָט זיך טיילווייז פאַרפלאַנצט אין זיינע קינדער, וועלכע האָבן פון אים געירשנט זיין טעמפּעראַמענט.

זיין זון אברהם שאָמער האָט געמאַכט אַ גרויסן בייטראַג צום מאָדער־נעם יידישן טעאַטער דורך זיינע צאָלרייכע גלענצנדיקע און דערפאָלגרייכע פּיעסעס. צוויי פון זיינע טעכטער, ראָוז און מרים, האָבן אָנגעשריבן אַ ריי פּיעסעס, וועלכע זיינען מיט גרויס דערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע, דאַרונטער „איינע פון פאָלק״ מיט בערטאַ קאַליש אַלס סטאַר, „די צירקוס־מיידל״ מיט מאַלי פּיקאָן אַלס די הויפּט־שפּילערין, און „די הענט פון געזעץ״ מיט גאָלדענבורג אַלס סטאַר. אַ דריטע טאָכטער, אַנאַ שאָמער־ראָטענבערג, איז אַ באַקאַנטע זינגערין. אַזוי האָט שמ״ר ניט נאָר געשאַפן אַ גרויסע ליטעראַרישע און קולטורעלע טראַדיציע, נאָר אויך

דר. ש. מ. מלמד

אַ ליטעראַרישע דינאַסטיע — וואָס איז גאָר וויניקע באַשערט.

וועו איך דערמאָן זיך דעם נאָמען שמ״ר, דערמאָן איך זיך אָן אַן אַלט העברייאיש וואָרט — לא ימוש זכרו! (זיין אָנדענק זאָל זיך נישט אָפּטאָן פון אונדז).

„קאַליפאָרניער יידישע שטימע“, נאָוועמבער, 1935.

שאול גינזבורג

שמ״ר און זיינע קריטיקער

(צו זיין 35טן יאָרצייט)

די געשיכטע פון ליטעראַטור אין פאַרשיידענע שפּראַכן גיט אונדז ניט ווייניק ביישפּילן, ווי אַזוי אַן איינזייטיקע, אומגערעכטע קריטישע אָפּשאַצונג באַקומט אָפטמאָל זייער גיך אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג, וואָרצלט זיך טיף איין, ווערט אַן אַלגעמיין־אָנגענומענע סקאַרבאָווע מיינונג, און עס דויערט זייער פיל צייט ביז עס שטעלט זיך איין אַן אַנדערע, מער ריכטיקע און גערעכטע באַציאונג צו דעם זעלבן שריפטשטעלער. אַזוי איז, למשל, געווען מיט דעם באַוואוסטן רוסישן בעלעטריסט נ. ליעסקאָוו. פאַר זיינעם אַ ראָמאַן איז ער אין די 60ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט דורך דער ראַדיקאַלער קריטיק פאַרשטעמפּלט געוואָרן פאַר אַ רעאַקציאָנער. און כאָטש ליעסקאָוו איז אין יענעם ראָמאַן, ווי אויך אין זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען, געווען ווייט פון רעאַקציאָנערע טענדענצן, האָבן אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן אין די ליטעראַרישע קרייזן, אי דאָס לעזנדע פּובליקום אויף אים געקוקט ווי אויף אַ פּינצטערלינג. מ׳האָט אים אויסגעמיטן, און דער צוטריט צו די בעסטע ליבעראַלע זשורנאַלן איז פאַר אים געווען געשלאָסן. ערשט אין די לעצטע יאָרן פון ליעסקאָווס לעבן, האָט זיך אין גרונט געענדערט די בעגאַטיווע באַציאונג צו אים, און ליעסקאָוו האָט פאַרנומען אין דער רוסישער ליטעראַטור יענעם אָנגעזעענעם אָרט, וועלכן ער האָט פאַרדינט לויט זיין טאַלאַנט און אידעאָלאָגיע. דאָס זעלבע איז פאַרגעקומען אויך מיט דעם באַוואוסטן רוסישן פּאָעט פעט־שענשין. צענדליקער יאָרן לאַנג האָט די ראַדיקאַל־געשטימטע קריטיק זיך איבער אים ממש איזדיעקעוועט, געמאַכט חוזק פון זיינע שאַפונגען — און עס האָט געמוזט נעמען כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט, מ׳זאָל אים ענדלעך אָנערקענען פאַר איינעם פון די באַדייטנדיקסטע רוסישע ליריקער.

אויך אונדזער ליטעראַטור ווייסט פון אַזאַ אומגערעכטער באַציאונג צו איינעם פון די יידישע שריפטשטעלער. בנוגע צו די אָקאָרשט־דערמאָנטע צוויי רוסישע בעלעטריסטן האָט דער אמת, יושר סוף־כל־סוף געוואונען זיינס און געזיגט. אין אונדזער פאַל אָבער איז עס ליידער געווען

אַנדערש: מען האָט איינעם, אָן אַ גענוגנדיקן גרונט, גרויזאַם פאַרדאַמט, אַריינגעלייגט אין חרם, — און ביז אויף היינטיקן טאָג איז אַפילו ניט געמאַכט געוואָרן קיין ערנסטער פּרוּוו אָפּצואוואַרפן, אַנולירן דעם אומגערעכטן אורטייל, וואָס איז אַמאָל געשטעלט געוואָרן קעגן אים. איך מיין די אומברחמנותדיקע קריטישע אַטאַקע, וואָס איז מיט העכער פופציק יאָר צוריק געמאַכט געוואָרן אויף דעם באַוואוסטן פאָלקס־שרייבער, דעם ראָמאַניסט שמ״ר (פסעוודאָנים פון נחום מאיר שייקעוויטש, געב. 1846, געשטאָרבן 1905).

אין יאָר 1888, אין סאַמע ברען פון שמ״רס אומגעווייןלעכער פּאָפּולאַריטעט, ווען צענדליקער טויזנטער פשוטע יידישע לעזער האָבן זשעדנע געשלונגען שמ״רס ראָמאַנען, איז שלום־עליכם אַרויסגעטראָטן קעגן אים מיט זיין פּאָלעמישן פּאַמפלעט „שמ״רס משפט״. דאָס איז געווען אַ שאַרפער, האַרבער און שטרענגער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן שמ״רן. שלום־עליכם טענהט דאָ, אַז שמ״רס ראָמאַנען זיינען משונהדיק־ווילדע ווערק, זיי שטייען נידעריקער פון יעדער קריטיק; זיי גיבן ניט קיין רעאַלע בילדער פון יידישן לעבן, נאָר אויסגעטראַכטע מעשיות, וואָס צערייצן בלויז די פאַנטאַזיע; ברענגען ניט קיין מוסר; זיי אַנטהאַלטן אין זיך ניבול־פּה, ציניזם, א. אַז. וו. און ער פסקנט אָפּ, אַז שמ״רס ווערק פאַרדאַרבן דעם גוסט פון די לעזער, זיי זיינען שעדלעך, ווי דער ערגסטער גיפט, און אַז מען מוז שמ״רן מיט זיינע ראָמאַנען „אויסרויכערן״ פון דער יידישער ליטעראַטור.

אין די ליטעראַרישע קרייזן זיינען ניט אַלע דאַן געווען איייניק מיט שלום־עליכמס משפט איבער שמ״רן. אָבער אַזעלכע זיינען געווען אַ קליינע מינאָריטעט. זעלטן ווער פון אונדזערע שרייבער האָט גענומען אויף זיך די טרחה צו לייענען שמ״רס אומצייליקע ראָמאַנען, אָדער כאָטש אַ טייל פון זיי; מען האָט שלום־עליכמען ווי געגלויבט אויפן וואָרט, זיך פאַרלאָזן אויף זיין מבינות; מען האָט נאָכגעזאָגט זיינע באַשולדיקונגען. שלום־עליכם האָט געלייגט פיל מי אויף צו פאַרשפּרייטן וואָס ברייטער זיין פּאַמפלעט. אַזוי אַרום האָט זיך טיף איינגעפונדעוועט אַן אויסערסט־נעגאַטיווע שטעלונג צו שמ״רס שאַפונגען. דער נאָמען שמ״ר איז געוואָרן ווי אַ שם דבר, דער סינאָנים פון שונד, פון אַזאַ ליטעראַטור, וואָס פאַרדאַרבט און פטרט אָוועק דעם לעזער.

מיר דאַכט, אַז עס איז שוין לאַנג צייט צו רעווידירן שמ״רס פּראָצעס,

דורכקאָנטראָלירן דעם אורטייל, וואָס איז לכתחילה געווען אומגערעכט, איינזייטיק און פאַלש.

ראשית כל, איזביים משפט ניט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט דער גרונט־אונטערשייד צווישן שונד־שטאָף און פאַרוויילונג־שטאָף. וואָס איז אַזוינס שונד? שונד איז אַלץ, וואָס קיצלט די נידעריקע אינסטינקטן, וואָס רופט אַרויס אוממאָראַלישע געפילן. אין שונד שפּילט די הויפּט־ראָלע די פּשוטע געשלעכטלעכע ליידנשאַפט, און דעריבער איז שונד כמעט אידענטיש מיט פּאָרנאָגראַפיע. גאָר אַנדערש איז עס מיט דעם פאַרוויילונג־שטאָף. ער האָט ניט צו טאָן מיט שמוץ, אוממאָראַלישקייט; ער זוכט צו זעטיקן איינע פון די סאַמע נאַטירלעכע באַרעכטיקטע באַדערפענישן — געבן דעם מידן, פאַרמאַטערטן מענטש צעשטרייאונג, גייסטיקן אָפּרו. דאָס לעבן פון דער קאָלאָסאַלער מערהייט מענטשן איז שווער, זיי ווערן געדריקט פון אַרבעט, ערגערנישן, דאגות; ווילן זיי אין אַ פרייער שעה אַוועק וואָס־ווייטער פון דער שטיקנדיקערווירקלעכקייט, פאַרגעסן אָן איר, און זיי זוכן גיריק פאַרוויילונג. זי מוז זיין לייכט, מען זאָל ניט דאַרפן ברעכן דעם קאָפּ אויף צו פאַרשטיין רעטענישן, שווערע פּראָבלעמען. זי דאַרף דערהויפּט זיין אינטערעסאַנט, פאַרכאַפּן און מאַכן פאַרגעסן כאָטש אויף אַ קורצער צייט די שווערע זאָרגן און לעבנס־אומשטענדן.

כמעט אַלע מינים קונסט שטרעבן צו באַפרידיקן אָט די מענטשלעכע באַדערפעניש. דאָס טעאַטער מיט פלאַכע קאָמעדיעס, מיט אינהאַלטסלאָזע פריילעכע וואָדעווילן; די מוּאוויס מיט גענגסטער־פּיעסעס, מיט אויבער־פלעכלעך־קאָמישע סצענעס, — זיי אַלע ברענגען דעם גרויסן פּשוטן עולם פאַרוויילונג, אונטערהאַלטונג. און נאָך מער שטרעבט צו דעם פאַרוויילונגס־ליטעראַטור אין אַלע מענטשלעכע שפּראַכן, מיט די פאַרשיידענע „דעטעק־טיוו״־ראָמאַנען, מיט לייכטן, אינטערעסאַנטן לעזע־שטאָף. וואָס אַנדערש, ווי בלויז אַמוזירן דאָס פּובליקום, האָבן אין זינען די מייסטע צייטונגס־ראָמאַנען, די וועכנטלעכע „מעגעזינס״, די הומאָריסטישע בלעטער? נאָר טרוקענע „מאָראַליזירער״, וואָס ווילן ניט וויסן פון מענטשלעכע באַדערפע־נישן, וואָס פאַרמאַכן די אויגן אויפן ווירקלעכן לעבן מיט זיינע פּיין און ליידן, — נאָר זיי קאָנען האַלטן די פאַרוויילונגס־ליטעראַטור פאַר שעדלעך. דאָס וואָס באַפרידיקט נאָרמאַלע מענטשלעכע באַדערפענישן, ניט אויס־נוצנדיק דערביי קיין שונד, איז ממילא באַרעכטיקט צו עקזיסטירן און וועט שטענדיק עקזיסטירן, ניט געאַכט אויף די טענות פון קורצזיכטיקע „מאָראַליזירער״.

צו אַט דער פאַרווילונג־ליטעראַטור האָבן באַלאַנגט אויך שמ״רס ראָמאַנען, — און גראָד ניט צו איר ערגסטן מין. שלום־עליכם האָט שמ״רן באַשולדיקט אין עם־הארצות, געמאַכט פון אים אַ פּאַרטאַטש. דאָס איז געווען ניט ריכטיק. קיין עם־הארץ איז שמ״ר דורכאויס ניט געווען. „שמ״רס מעשיות האָב איך קיינמאָל ניט געלייענט, — באַמערקט מענדעלע מוכר ספרים אין אַ בריוו פון יוני 1888 צו שלום־עליכמען, — און איך וואונדער מיך, ער זאָל אַזוי שלעכט שרייבן. ער איז דווקא ניט קיין עם־הארץ, ווי איר זאָגט, און ער שטייט ביי מיר העכער אין בילדונג אַ סך מער פון אַנדערע שריפטשטעלער.״ שמ״ר איז געווען אַ משכיל, ער האָט פיין געשריבן העברייאיש; ער פאַרמאָגט שפּראַך־קענטענישן און אַ ליטעראַרישע באַלעזנקייט.

אויך קיין ליטעראַרישער פּאַרטאַטש איז שמ״ר אַלנפאַלס ניט געווען. ער האָט פאַרמאָגט אַ לייכטע פעדער, פיל פאַנטאַזיע, איינפאַל; געווען אומדערשעפּלעך אין צוטראַכטן פאַרוויקלטע סוזשעטן מיט אומגעריכטע פאַרוואַנדלונגען, שפּאַנענדיקע עפּיזאָדן, נסים. ער האָט געקאָנט אינטערע־סאַנט דערציילן, פאַראינטריגירן דעם לעזער און פאַרכאַפּן זיין אויפמערק־זאַמקייט. קיין עראָטישע סצענעס, קיין פּאָרנאָגראַפיע וועט איר אין שמ״רס ראָמאַנען ניט געפינען. דער מאָטיוו פון ליבע שפּילט אין זיי אַ באַ־דייטנדיקע ראָלע, אָבער ער ווערט באַהאַנדלט זייער צניעותדיק. די פאַר־ליבטע בענקען דאָ מייניסטנס איינס נאָכן אַנדערן; זיי ליידן טיף און שמערצלעך, ווייל זיי ווערן צעשיידט דורך שלעכטע, האַרצלאָזע מענטשן. די פאַרלעך טרוימען און שעפּטשען ניט אַזוי וועגן זייער ליידנשאַפט, ווי וועגן חתונה האָבן.

דער דידאַקטישער עלעמענט, דער מוסר־השכל, פאַרנעמט אין שמ״רס ראָמאַנען אַ גאָר גרויסן אָרט. זיי זוכן שטענדיק צו וועקן ביי די לעזער מיטגעפיל, רחמנות צו ליידנדע און געקריוודעטע, האַס קעגן באַדריקער און רשעים. פיל טרערן פלעגן שמ״רס לעזער פאַרגיסן איבער די צרות און פּיין, וואָס זיינע אָרעמע און געיאָגטע העלדן זיינען דאָ אויסגעשטאַנען פון זייערע גרויזאַמע פאַרפאָלגער און שונאים. אָבער דער סיפור־המעשה פלעגט דעם לעזער ברענגען מאָראַלישע טרייסט, ווייל דער יושר און דאָס גוטס באַזיגן סוף־כל־סוף כמעט שטענדיק אין שמ״רס ראָמאַנען דאָס אומ־רעכט און שלעכטס.

נאָך איין כאַראַקטעריסטישער שטריך מוז דאָ אָנגעמערקט ווערן. אין זיינע ווערק פאַלט שמ״ר ציטנווייז אַריין אין דייטשמעריש (אמת, ניט אַזוי

אַפּט ווי אַנדערע שרייבער פון יענעם פּעריאָד) ; אָבער בכלל איז זיין יידיש זייער פּליסיק, פֿאָלקסטימלעך און זאַפטיק. פון שמ״רס יידישן סטיל קאָן מען אַפילו נאָך איצט אַ היפּש ביסל לערנען.

אויב דער פּשוטער עולם בכלל האָט זיך שטענדיק שטאַרק געגויטיקט אין פֿאַרווײלונגס־ליטעראַטור, איז פון דעם יידישן פֿאָלקס־מענטש שוין אָפּגערעדט. זיין לעבן איז דאָך געווען שווערער און דריקנדיקער, ווי ביי אַנדערע. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס ביי די יידישע פֿאָלקס־מאַסן איז שמ״ר געווען אַזוי פּאָפּולער און באַליבט. קיינער פון אונדזערע שרייבער האָט ניט געהאַט אַזאַ גרויסן לעזער־קרייז, ווי ער. ס׳איז ניט ריכטיק, אַז שמ״רן האָבן געלייענט בלויז קעכינס, דינסט־מיידלעך און פּרויען בכלל. טויזנטער און טויזנטער פּשוטע מאַנסלייט פלעגן דורשטיק שלינגען זיינע ראָמאַנען. און וואָסער בייז איז דאָס געווען, אַז שמ״רס ווערק פלעגן דעם פּשוטן פֿאַרהאָרעוועטן פֿאָלקס־מענטש כאַטש אויף אַ ווײלע אַריבערטראָגן פון זיין פינצטערער ווירקלעכקייט אין אַן אַנדער וועלט, אַ פֿאַנטאַסטישע וועלט, מיט פּרינצן און גראַפן, מיט גרויסאַרטיקע העלדן און שיינע אידעלע העלדינס ? דער אָרעמער, שטענדיק פֿאַרזאָרג־טער לעזער האָט דאָ כאָטש אויף אַ רגע געשעפּט צעשטרייאונג, פֿאַר־גרינגערונג, טרייסט. אין אַ געוויסן זין האָט שמ״ר פֿאַר די פּשוטע יידיש־לייענער געטאָן דאָס זעלבע, וואָס קלמן שולמאַן האָט געטאָן פֿאַר די העברייאישע לעזער, ווען ער האָט אין 1857־1860 איבערזעצט אין העב־רייאיש יודשין סיו׳ס ראָמאַן „די סודות פון פּאַריז״ („מסתרי פּאריז״). ביידע האָבן ווי דורכגעבראָכן אַ שטיקל פענצטער פון פינצטערן געטאָ אין אייראָפּע אַריין.

ווי מען האָט לכתחילה געקאָנט פֿאַראויסזען, האָט שלום־עליכמס שטרעבונג „אַרויסצודרויבערן״ שמ״רן פון דער יידישער ליטעראַטור זיך ניט איינגעגעבן. דער מאַסן־לייענער האָט אַפילו ניט געוואוסט פון דעם פֿאָלעמישן פֿאַמפלעט „שמ״רס משפט״, און ער האָט אויך ווייטער זשעדנע געשלונגען שמ״רס ראָמאַנען. די, וואָס האָבן געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו באַקעמפן שמ״רס שאַפונגען, האָבן פולשטענדיק איגנאָרירט דעם אומ־שטאַנד, אַז די יידישע ליטעראַטור איז דעמאָלט נאָך געווען זייער אָרעם. וואָס האָט זי אין יענע צייטן אייגנטלעך געקאָנט ברענגען דעם פֿאָלקס־לעזער ? פון אַלגעמיין־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט איז דער פיינטלעכער, אומברחמנותדיקער נעגאַטיווער צוגאַנג צו שמ״רס שאַפונגען געווען באַ־זונדערס אומפֿאַרשטענדלעך, ניט באַרעכטיקט. אַזעלכע הויך־אַנטוויקלטע

ליטעראַטורן, ווי למשל די פראַנצויזישע און דייטשע, האָבן שטענדיק פאַר־מאָגט אין זיך אַ רייכן פאַרוויילונגסשטאָף. ס'איז געװען צו דערמאָנען, צום ביישפיל, די ווערק פון די פראַנצויזישע ראָמאַניסטן קוואַסיע דע מאַנטעפען אָדער פּאָנסאָן דע טעראַל, אָדער די אומציילִיקע דייטשע אונטערהאַלטונגס־ראָמאַנען, וואָס האָבן געהאַט און האָבן נאָך איצט מיליאָנען פשוטע לעזער. דאָך האָט קיינער ביי זיי, ביי די אומות העולם, ניט געליאַרעמט קעגן די פאַרפאַסערס פון אָט דעם מין ווערק, ניט געריסן קברים. גראָד ביי אונדז, ניט געאַכט אויף אונדזער ליטעראַרישער אָרעמ־קייט, האָט מען געגוואַלדעוועט קעגן דעם פאַרפאַסער פון פאַרוויילונגס־ראָמאַנען, געמאַכט אים אויסצודרייען, אַריינגעלייגט אים אין חרם. איז דאָס ניט משונהדיק?

„די היסטאָריע, — האָט זעליקאָוויטש געשריבן אין אַ בריוו צו שמ״רן, — וועט אַמאָל זאָגן, אַז איר האָט אויסגעפּלאַכטן אַ קרוין פון אומשטערב־לעכקייט פאַר אונדזער זשאַרגאָן.״ דאָס איז, נאַטירלעך, אַ גוזמא. אָבער עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז שמ״ר האָט באַשאַפן פאַר יידיש צענד־ליקער און צענדליקער טויזנטער פאָלקס־לייענער, וואָס וואָלטן אַן אים קיינמאָל ניט אַריינגעקוקט אין אַ בוך. דאָס איז זיין גרויסער פאַרדינסט, וואָס טאָר אין קיין פאַל ניט פאַרגעסן ווערן.

„צוקונפט״, נאָוועמבער, 1940.

יעקב גלאַטשטיין

אונדזער עלטער־פּעטער שמ״ר

(צו שמ״רס 35טן יאָרצייט)

ווען שלום־עליכם האָט אין 1888 פאַרעפנטלעכט זיין שטרענגן משפּט איבער שמ״רן, האָט ער זיכער געמיינט, אַז ער האָט אים איינגאַנצן אָפּגעווישט, אָבער עס איז פאַראַן אַ גערעכטערער שופט — די צייט. ווען נישט אָט דער שופט, וואָלטן זיך די שרייבער איינס דאָס אַנדערע אויפגעפרעסן לעבעדיקערהייט. אָבער די גערעכטע צייט נעמט דעם ווילדן ליטעראַרישן דזשאָנגל, און פאַרוואַנדלט אים אין אַ רואיקן זאָאָלאָגישן גאָרטן, וואו יעדער איינער קריגט זיין ביסל אָנערקענונג.

אַ הומאָריסט איז בטבע אַן איבערטרייבער, אָבער ער איז אַ גוזמאניק אויף שפּאַס. אַן אויסטראַכטער פון ראָמאַנען איז אַן איבערטרייבער אין פולן ערנסט, און דערפאַר קאָנען די צוויי נישט לעבן בשלום. ביי שמ״רן זיינען ישיבה־בחורים און קליינשטעטלדיקע מלמדים גאַנץ ערנסט געוואָרן פאַרדייטשמערטע באַראָנען, ביי שלום־עליכמען איז אַ ייד וואָס פירט מילכיקס, געוואָרן אַ פילאָסאָף אויף שפּאַס.

זאָלן מיר די צוויי בלוטיקע ליטעראַרישע שונאים מוחל זיין, וואָס איך פיר דורך אַ פאַרגלייך צווישן זיי. זיי זיינען שוין ביידע אויפן עולם האמת און זיי האָבן שוין מסתמא לאַנג שלום געמאַכט איבער גרויסע פאַרציעס אומשטערבלעכקייט.

אינטערעסאַנט איז, וואָס דער אַמעריקאַנער „שלום־עליכם“, מאַרק טווען, האָט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין די ניינציקער, אויך דורכגעפירט אַ משפּט איבער דעם אַמעריקאַנער „שמ״ר — פענימאָר קופּער. דער משפּט איז געווען פּונקט אַזאַ פאַרניכטנדיקער און האָט געהאַט דעם זעלבן צוועק — „אויסצורויכערן“ דעם אויסטראַכטער פון ווילדע סיטואַציעס און צוזאַמענגעפּלאָנטערטע געשעענישן.

מאַרק טווענס משפּט איבער קופּערן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אונטער דעם נאָמען „פענימאָר קופּערס ליטעראַרישע עבירות“. ער רעכנט אויס גאַנצע 18 עבירות קעגן ליטעראַרישע געזעצן, וואָס פענימאָר קופּער איז באַגאַנגען, און ער ווישט אים אָפּ, ווי אַ ווילדן צוזאַמענפּלאָנטערער פון אומגלויבלעכע סיטואַציעס.

שלום־עליכם רעכנט אויס אין זיין משפּט צען עבירות, וואָס שמ״ר איז באַגאַנגען. ער ווייזט אויך אָן, אַז זיינע מענטשן זיינען קיין מענטשן נישט און זיינע העלדן זיינען נישט קיין העלדן.

רעזולטאַט: מאַרק טוועין און פענימאָר קופּער פאַרנעמען ביידע בכבודיקע פּלעצער אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. שלום־עליכם פאַרנעמט אַן אויבנאָן־שטול אין דער יידישער ליטעראַטור, און דאָס יידישע ליטעראַרישע געוויסן פייערט דעם 35טן יאָרצייט פון שמ״רן.

די יידישע ליטעראַטור איז שולדיק שמ״רן אַ גרויסן חוב. ער האָט געשאַפן אַ יידישן לייענער, אָבער נאָך מער ווי דאָס — ער האָט אויך געשאַפן אַ יידישע לייענערין. דאָס איז גאָר אַ גרויסער אויפטו. די יידישע ליטעראַטור פון זיין צייט איז געווען אַ מאַנסבילשע, אָבער שמ״ר האָט אויך גערעדט צו דער יידישער פרוי. ווען יידישע שרייבער פון דער אַנט־וויקלטער ליטעראַטור אונדזערער האָבן דערקלערט בליץ־קריג קעגן שמ״רן, האָבן זיי שוין געהאַט אַ פאַרטיק־צוגעגרייטע יידישע לייענערשאַפט, וואָס האָט געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פון דער ליטעראַרישער מלחמה. שלום־עליכמס קאַמף קעגן שמ״רן איז נישט געווען אַזוי קעגן שמ״רן ווי פאַר דעם לייענער, וואָס שמ״ר האָט פאַר זיך אויפגעהאָדעוועט. אָבער שלום־עליכם האָט ניט איינגעזען, אַז עס איז גאָר נישט נויטיק אַרויס־צוטרעטן מיט קאַנאָנען קעגן דעם דרדקי־חדר פון אונדזער ליטעראַטור.

אַפילו ווי אַ ליטעראַרישער קוריאָז וואָלט שמ״ר געקראָגן זיין פּלאַץ אין יעדער ליטעראַטור. שמ״ר האָט אויסגעטראַכט אַרום 205 ראָמאַנען און דערציילונגען אין יידיש, נישט ווייניקער פון 50 פּיעסעס. ער האָט אויך געשריבן אַרום 15 ראָמאַנען אין העברייאיש און ער האָט נאָך דערצו פאַרפאַסט אַ ריזיקע צאָל העברייאישע לידער.

אַזאַ וואָרט־פּראָדוקציע — מיליאָנען ווערטער — קאָן נישט אַוועק־געמאַכט ווערן מיט דער האַנט. ער האָט נאָך געפונען צייט צו רעדאַקטירן זשורנאַלן און וואָכנבלעטער, פאַר וועלכע ער האָט געבדחנט וויציקע גראַמען. ער האָט געשריבן עטלעכע ראָמאַנען מיט אַמאָל און „געפירט" באַזונדערע וועלטן מיט באַזונדערע העלדן, נישט פאַרפּלאָנטערנדיק זיך אין חשבון. עס איז זיכער, אַז אַזאַ פענאָמענאַלער ליטעראַרישער פאַברי־קאַנט, וואָס האָט געשאַפן „בעסט סעלערס" פאַר זיין צייט, קאָן נישט אינ־גאַנצן אַרויסגעוואָרפן ווערן פון ליטעראַטור־פּלאַץ. פאַרקערט, אין אַ גרויסער ליטעראַטור וואָלט אַזאַ אינטערעסאַנטע פיגור געוועקט נייגיר

און אַרויסגערופן אַ רײ מאָנאָגראַפיעס און ביאָגראַפיעס, וואָס וואָלטן גע־געבן אַ געטרײַ בילד פון שמ״רס לײַכטגלויביקן דור, וואָס האָט געשלונגען זײַנע ראָמאַנען.

בפרט ווען שמ״ר איז געווען אַ סך מער ווי אַ ליטעראַרישער בײַז־וואונדער. ער איז געווען אַ גוט־וואונדער. אַ מענטש, וואָס האָט קיינמאָל נישט איבערגעטריבן זײַן ווערט, וואָס האָט באַטראַכט זײַן שרײַבן ווי אַ מיסיע. בלויז ווען ער האָט צוריקגעשלאָגן זײַנע קריטיקער, איז ער געוואָרן אַביסל אָנגעבלאָזן־גרויס בײַ זיך אַליין, פֿאַר זעלבסט־שוץ. אָבער אין דער געווײַנלעכער טאָג־טעגלעכער ליטעראַרישער פּראָדוקציע האָט ער זיך באַ־טראַכט ווי דער צושטעלער פון אויסגעטראַכטע מעשיות מיט אַ מאָראַל.

שמ״ר איז נישט געווען קיין ליטעראַרישער ריזיקאַנט. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אײַנשטעלן. ער האָט אָפּגעשאַצט אַקוראַט פֿאַר וועמען ער שרײַבט, און ער האָט זייער גענוי געוואוסט ווי אַזוי צו האַלטן דעם לייענער געשפּאַנט.

קודם־כל איז ליטעראַטור פֿאַר אים געווען אונטערהאַלטונג־שטאָף (ווי עס וועט מסתמא אויך זײַן אין יאָר 3940). ער האָט געזען אַ וועלט פון גוטס און שלעכטס און ער האָט זי באַאַרבעט אויף אַלערלײ אופנים. ער האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז ער טראַכט בכיוון אויס נישט־געשטויגענע העלדן, כדי צו פֿאַרזיסן ביטערע פּילן, וואָס ער וויל אַז זײַנע לייענער זאָלן שלינגען, ווײַל אויך ער האָט אויף זײַן נאַאיוון אופן, געפירט אַ משכּילישן קאַמף קעגן רעליגיעזער היפּאָקריטסטווע, קעגן שלעכטע מאַניערן, קעגן גלײַכגילטיקייט־אַבזורדיזם. ער האָט אַרויסגעפירט די לייענער פון שטעטלדיקן אומעט און זיי אַרײַנגעפירט אין פּאַלאַצן פון פּרינצן און גראַפֿן, וואו מען רעדט הויך־געפלויגענע און הויך־געשטויגענע עברי, וואו מען גיט דער איידעלער דאַמע אַ קאָפּעטשקע דײַטש, פֿאַר שיינקייט וועגן.

שמ״ר איז געווען צו־פּראָדוקטיוו, אַז ער זאָל טאַקע קאָנען זען אמתע מענטשן. ער האָט נישט געהאַט קיין צײַט פֿאַר אַזעלכע זאַכן. ער איז באמת געווען, ווי איך האָב פֿריער געזאָגט, אַן אויסטראַכטער. אָבער ער האָט עס נישט געטאָן מיט טויטן ערנסט, ווי שלום־עליכם האָט געמיינט. אויך ער, שמ״ר, האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקן הומאָר, ווײַל ער האָט גאַנץ אָפֿט אַרײַנגעלאָזט דעם לייענער צו זיך אין דער לאַבאָראַטאָריע און אים געוויזן ווי ער דיריגירט, אָדער פֿירט בײַ דער נאָז זײַנע העלדן. ער האָט זיך געווויצלט איבער זיי און איבער זײַן אייגענער אַרבעט. ער האָט זיך דערלויבט פּראָפּאַגירן זײַן ווערק, אין סאַמע היץ פון דער אַרבעט, ווען

ער האָט אַרויפגעטריבן דעם טערמאָמעטער פון ליבע און ליידנשאַפט ביי זיינע לייענער צו די העכסטע הויכן. ער האָט איבערגעריסן די שטימונג מיט עטלעכע באַמערקונגען פון אַ דערציילערישן קאָנפּעראַנסיע, וואָס שמועסט זיך דורך מיט זיינע לייענער, איבער די קעפּ פון זיינע העלדן.

ער האָט זיינע לייענער אַריינגעלאָזט צו זיך אין דער גאַרדעראָבע, וואו ער האָט גרימירט זיינע העלדן, און זיי געוויזן, אַז זיי זיינען ליאַלקעס. אָבער זיינע צוטרוילעכע לייענער און לייענערינס האָבן אין דעם אויך געזען אַ וואונדערלעכע פאַנטאַסטיק.

„איך האָב מיך פּשוט פאַרזאַראַזעט פון היינטיקע מאָדישע שריפט־שטעלער,“ שטעלט ער פלוצים אָפּ זיינס אַ ראָמאַן אויף זייט 70 און ער הויבט אָן טענהן צום לייענער: „דער טייפל זאָל זיי וויסן וואָס פאַר אַ פינצטערע מאָדע זיי האָבן אַרויסגעבראַכט אין דער בעלעטריסטישער וועלט. איידער זיי גייען צו צו דער געשיכטע, הויבן זיי אָן פאַרצושטעלן נאַטור־בילדער מיט זייטיקע זאַכן, אַז מען פאַרלירט אַזש דעם קאָפּ לעזנדיק די איבעריקע זאַכן און מען הויבט אָן צו גענעצן אָדער צו דרעמלען. גזלנים, פגרן זאָלט איר! צי די לעזער וויסן ניט, אַז די זאַנגע שטראַלט פרעכטיק, און דער מאָנד מיט די שטערן גלענצן, וואָס איר רעדט דריי שעה פון דעם ווי די זאַנגע שיינט און דער מאָנד שימערט? וויסן זיי דען ניט, אַז זומער זיינען די וועלדער און די פעלדער גרין און די פייגעלעך זינגען, וואָס איר מאַכט פון דעם אַ גאַנצן ווען און פאַרנעמט האַלבע קאַפּיטלעך מיט די פאַרשטעלונגען? נו, איז שוין אַ וואונדער וואָס ביי מיר כאַפּט זיך אויך אַרויס אַזעלכע פאַרשטעלונגען? איך בין דאָך אויך ניט מער ווי אַ זינדיקער מחבר, און נאָך אַ זשאַרגאָנישער מחבר. זאָל איך זיין קליגער פון דער גאַנצער וועלט?“

דאָס איז אַ זייטיקע, סצעניש באַמערקונג פון דעם „זשאַרגאָנישן“ מחבר, בעת ער ציט די שטריקלעך פון זיינע העלדן. ער איז אָבער אַזוי זיכער מיט זיינע לייענער, אַז ער ווייסט, זיי וועלן נישט פאַרלירן דעם פאָדעם. פאַרקערט, זיי וועלן אַביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם און לייענען ווייטער.

מאַרק טווען וואַרפט פאַר דעם אַמעריקאַנער „שמ״ר“, וואָס זיינע אינדיאַנער גייען לייכט איבער פון גאַסיקייט צו שעקספּיר־עברי. שמ״ר האָט אויך נישט אַנערקענט לשון ווי אַ צוים. ביי אים איז שפּראַך געווען אַ לויזע עטנאָלאָגישע באַדינגונג. אַזוי ווי אַ העלד איז אַרויס פון שטעטל, האָט ער גלייך גענומען רעדן לייטיש, און לייטיש האָט געמיינט טייטשיש. אין דעם פּרט האָט שמ״ר אַ סך, אַ סך אייניקלעך, וואָס פאַרכלינען זיך

אַזוי דערציילנדיק די מעשה, אַז זיי פֿעדעמען אַזוי שנעל, ביז זיי הערן אויף צו זען, אַז זיי נוצן גראַטעסקן פֿאַדעם.

ווען נישט די שפּראַכלעכע פֿאַרשווענדערישקייט אויף דער לינקער זייט, ווען נישט דאָס רעדן „עלעגאַנט" מיט איין קול פֿאַר אַלע העלדן, וואָלט מען נאָך היינט געקאָנט לייענען שמ״רס אַ ראָמאַן.

צום 35טן יאָרצייט פֿון נחום מאיר שייקעוויטש ווילֿ איך זאָגן דאָס, וואָס איך האָב שוין געזאָגט מיט צען יאָר צוריק, צו זיין 25טן יאָרצייט, אין אַ ליד, אַז אונדזער ליטעראַטור האָט אומזיסט זיך געגווידערט קעגן אים. קיין ליטעראַרישן „קבורת־חמור" איז אים נישט געקומען פֿאַר זיין ערלעכער פּראָדוקציע. ער האָט געהערט צו אונדזער ווייגאַרטן ביי זיין לעבן, און זיכער געהערט ער צו אונדזער יידישן ווייגאַרטן נאָך זיין טויט. עס איז זיך אָסור דאָ מיט אים וואָס צו שעמען.

שמ״ר האָט איבערגעלאָזט אין אונדזערע הענט אַ לייענער. מיר האָבן דעם לייענער ביי אים מיט געוואַלט אַרויסגעריסן, אָבער וואָס האָבן מיר, די יינגערע, מיט אים געטאָן? וואו איז ער, דער אויסגעוואַקסענער לייענער, וואָס זאָל וואַרטן אויף אונדזער וואָרט מיט אַזאַ הונגער און דורשט, מיט אַזאַ פֿייער? ווי אַזוי האָט זיך דער לייענער ביי אונדז אַרויסגעגליטשט פֿון די הענט?

ווער ווייסט ווי אַזוי דאָס איז געשען, אָבער זיכער איז, אַז נישט דער לייענער און נישט דער שרייבער האָבן אַ רעכט זיך צו בלאָזן אַנטקעגן שמ״רן. אויב מענדעלע איז אונדזערס אַן עלטער־זיידע, איז שמ״ר געווען אונדזערס אַן עלטער־פעטער, מיט אַ טאַלאַנט צו דערציילן און דערציילן. מיט אים איז קיינמאָל נישט געווען אומעטיק צו פֿאַרברענגען. ער, אַז ער איז געקומען צו־גאַסט, האָט ער ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען מיט דעם משרת און מיט דער דינסט. ער האָט פֿאַרמאָגט דעם שליסל צו זייער וואונדערלעכער פֿריילעכקייט און ער האָט געוואוסט אַקוראַט, ווי אַזוי ביי זיי אַרויסצוקריגן אַ כשרע טרער.

ער האָט זיך נישט געריסן אין דער סאַליע, וואו מען איז געזעסן און געשפּילט שאַך און גערעדט וועלט־פּאָליטיק. אָבער איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, האָבן זיך די שאַך־שפּילער פֿון דער סאַליע אַריינגעגנבעט אין קיך אַריין און געהערט דעם עלטער־פעטער, שמ״רן, פֿאַנטאַזירן ביז עס האָט אַריינגעבלויט דער פֿאַרטאָג.

„מאָרגן־זשורנאַל", נאָוועמבער, 1940.

גרשם באַדער

אַ נייער וויכוח וועגן שמ״ר

גאַנץ פּלוצים, ווי איינער פאַלט אַרונטער פונעם בוידעם, האָט זיך ביי אונדז אַנטוויקלט אַ דעבאַטע וועגן שמ״ר און זיין ליטעראַרישן באַטייט.

ש. ניגער האָט אין זיינעם אַן אַרטיקל אויפגעהויבן די פראַגע פון שמ״רס ליטעראַרישער באַדייטונג. איז אַרויסגעקומען שמ״רס אַ תלמיד מיט אַ „רמינהו״. האָט דאָס ניגערן געצוואונגען אַרויסצוקומען מיט אַן ענטפער, וואו ער פאַרפלאָנטערט זיך אויפסניי אין דער פּאָלעמיק.

ש. ניגער זאָגט: „שמ״ר איז געווען ווי דער ערשטער נידעריקער שטאַפּל אין אַ לייטער. אַ סך דאַרפן אים גאָר ניט האָבן, זיי שטעלן זייער פוס גלייך אויפן צווייטן שטאַפּל״. געפעלט מיר זייער דער דאָזיקער משל. ווייל איך פלעג אין מיינע קינדערשע יאָרן זייער גערן קריכן צוזאַמען מיט חברים אויף לייטערס און מיר זיינען אויך אָפט אַרונטערגעפאַלן. ווען מיר האָבן געוואָלט איבערהיפּן אַ שטאַפּל. דאָס זעלבע איז אויך אין אונדזער ליטעראַטור. איך קאָנט ניט שטעלן דעם פוס אויפן צווייטן שטאַפּל פון דער לייטער, ווי ש. ניגער זאָגט. אמת, עס זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וואָס טוען עס יאָ. דאָס טרעפט איז צו הויך פאַר אייערע פיס און איר קענט זיך עפּעס קאַליע מאַכן אינעווייניק.

די יידישע ליטעראַטור קען ניט דערגרייכן די מדרגה פון אַן אמתער ליטעראַטור, ווי לאַנג אירע קריטיקער און היסטאָריקער וועלן מעסטן די באַדייטונג פון די ערשטע ליטעראַרישע שאַפער מיט דער מאָס פונעם „לעצטן וואָרט״ אין דער געגנוואָרט. אין דער דייטשער ליטעראַטור וועט קיינער ניט מעסטן די באַדייטונג פון שפּילהאַגן מיט דער מאָס פון פראַנץ ווערפעל און וועגן דער פוילישער ליטעראַטור וועט קיינער ניט זאָגן, אַז מען קען איבערהיפּן אַזאַ שריפטשטעלער ווי קראַשעווסקי.

זייט שמ״ר האָט אויפגעהערט שרייבן, האָט זיך דאָס לעבן געביטן אפילו אין ווילנע. און ווען מען וועט מיך ציען פאַר דער צונג, וועל איך זאָגן, אַז אפילו קאַבצאַנסק און גלופּסק, ווי מענדעלע שילדערט, עקזיס־טירן היינט ניט מער און פאַר דער היגער יוגנט זיינען מענדעלעס שיל־דערונגען ווי מעשיות פונעם „דור המדבר״. איך וויל דאָ ניט ריידן אַלס

אַ ליטעראַרישער „פּוסק״. איך וויל דאָ בלויז קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז זינט שמ״ר איז געשטאָרבן, האָט די וועלט־ליטעראַטור דורכגעמאַכט גרויסע איבערקערענישן, טאָר מען זיך ניט וואונדערן, ווען דער געשמאַק פונעם לעזער האָט זיך געענדערט.

נעמט מען זיך אָבער מעסטן שמ״רס באַדייטונג ניט מיט דער מאָס פון שלום־עליכמס „שמ״רס משפּט״, מוז מען מודה זיין, אַז דער דאָזיקער שמ״ר שטייט העכער פון אַלע זיינע קעגנער. ער האָט טאַקע אָפטמאָל דער־ציילט מעשיות פון נסים ונפלאות וועגן מלמדים־לאָרדן און קוימענקער־רערס־גראַפן. ער האָט אָבער אויך געשריבן היסטאָרישע ראָמאַנען, וועלכע האָבן באַלויכטן ווייניק באַקאַנטע עפּאָכעס פון דער יידישער געשיכטע. און טאָמער וויל מען באַצייכענען שמ״רס ראָמאַנען מיטן נאָמען „שונד״, קאָן מען דאָס באַקעמפן מיט ק״ן טעמים. ביי היינטיקע צייטן, ווען מען „רעווי־דירט״ אַזוי פיל „משפּטים״, היסטאָרישע און געזעלשאַפטלעכע, וואָלט מען אפשר אויך געדאַרפט מאַכן אַ רעוויזיע וועגן „שמ״רס משפּט״?

וואָס שמ״רס קעגנער האָבן געהאַט אַ גרעסערן דערפאָלג ביי די אַזוי אָנגערופענע אינטעליגענטע יידיש־לעזער איז — לויט מיין מיינונג — די אורזאַך, ווייל די דערפאָלגרייכע שרייבער האָבן פּשוט חוזק געמאַכט פון יידן, און ווי עס איז אַלגעמיין באַקאַנט, האָבן די אַזוי אָנגערופענע אינטעליגענטע יידן זייער ליב צו לייענען אָפּשפּעטערישע מעשיות וועגן יידן. מענדעלעס גרויסער ליטעראַרישער דערפאָלג איז אויך גרעסטנ־טיילס צוצושרייבן צו דעם, וואָס פרומע יידן וויזן זיך ביי אים אַרויס אַלס קאַריקאַטורן. האָט אים דעריבער דער באַוואוסטער אַנטיסעמיט קלעמענס יונאָשאַ איבערזעצט אויף פּויליש. שמ״ר פלעגט אַרויסציען טרערן ביי זיינע לעזער און די אַנדערע האָבן דעם לעזער געקיצלט אונטער די פּאַכ־וועס. שמ״ר האָט געשילדערט יידישע טיפּן, וועלכע האָבן געמוזט אַרויס־רופן סימפּאַטיע. אַנדער האָבן געשילדערט קאַריקאַטורן, און ווער עס האָט שטאַרקער קריטיקירט דער איז געווען אַ מער געהויבענער שרייבער.

קעגן דער מיינונג פון אַלע אַנטי־שמ״ריסטן וויל איך דאָ אָפן דער־קלערן, אַז שמ״ר איז אין מיינע אויגן ניט בלויז אַ קולטור־טרעגער און אַ קולטור־פאַקטאָר, נאָר ער איז פּשוט אַ פּיאָנער פון דער יידישער לי־טעראַטור. דוד פרישמאַן איז געווען אַ קעגנער פון שמ״ר. טאָ איז וואָס? דוד פרישמאַן איז טאַקע געווען אַ באַרימטער העברעאישער סטיליסט און אַ שאַרפער שיינגייסט מיט טיפע פּאָעטישע עמפּינדונגען. פונדעסט־וועגן מעג מען זיך דערלויבן צו זאָגן, אַז טאָמער איז ער געווען עמעצנס

אַ קעגנער, איז דאָס נאָך ניט קיין באַווייז, אַז מען דאַרף יענעם דן־זיין למיתה. פרישמאַן איז אויך געווען אַ קעגנער פון פרצן און אין איינער פון זיינע קריטיקן אויף פרצן האָט ער געשריבן: „הנה הכתשתי את האויל הזה במכתש בתוך חריפות בעלי, אולי תסור מאתו ספרותו״, דאָס הייסט: אָט האָב איך דאָ צעשטויסן דעם דאָזיקן נאַר (פרצן) אין אַ מערזער, גלייך ווי מען שטויסט גרויפּן אין אַ שטויסל, טאָמער וועט אַרויסגיין פון אים זיין ליטעראַטור. האָט אפשר די דאָזיקע קריטיק קלענער געמאַכט פרצן אין אונדזערע אויגן? און האָט זיך ניט שלום עליכם (אין זיין „פּראָס־פּעקט״ פון 1892) פּרובירט אויסצומעקן פרצן פון דער ליטעראַטור אויף דעמזעלבן שטייגער ווי ער האָט שמ״רן געמשפּט?

אַזעלכע קריטיקן זיינען אין מיינע אויגן באַדייטונגסלאָז. אפילו וועגן שלום־עליכמען איז אַמאָל געדרוקט געוואָרן אַ שאַרפע קריטיק — טאַקע „אַ־לאַ־שלום־עליכם״ — פון איינעם מנחם מענדל מיילעס, מיטן נאָמען נגלה עון אפרים״ (געדרוקט תרנ״ב אין מיין פאַרלאַג אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג).

שמ״רס זאַכן — זאָגט ניגער — האָט אַ מענטש מיט אַ מינדעסטן גע־שמאַק ניט געקענט נעמען אין האַנט אפילו דאַן, ווען זיי זיינען געשריבן געוואָרן. מוז איך זאָגן, אַז אַזאַ באַהויפּטונג איז לחלוטין ניט אמת! אני הקטן נעם מיר די העזה, איך זאָל מיר וועלן איינריידן, אַז איך האָב אַ שטיקל ליטעראַרישן געשמאַק. פונדעסטוועגן האָב איך געלייענט מיט הנאה כמעט אַלצדינג, וואָס שמ״ר האָט געשריבן.

דער שטאַרקסטער פאָרוואורף קעגן שמ״ר איז, וואָס ער האָט דאָס שרייבן אַזוי צו זאָגן „מעכאַניזירט״. איינער אַ שרייבער איז געזעסן ביי שמ״רן אין דער דרוקעריי, איז אַריינגעקומען איינער פון די זעצערס וועגן „קאָפּיע״, האָט זיך שמ״ר אָוועקגעזעצט ביים שרייבטיש און בעת דער גאַסט האָט אין אים אַריינגערעדט, האָט ער געשריבן די פאָרזע־צונג פון אַ ראָמאַן, איז דערפון געדרונגען, אַז שמ״ר טויג ניט. איך האָב אויך געזען, ווי מיכאַל באַלוצקי (אַ באַוואוסטער פּוילישער שריפט־שטעלער) האָט געשריבן אַ ראָמאַן ביי אַנטשיץ אין דער דרוקעריי. איך האָב צו אים גערעדט און ער האָט מיר געענטפערט, אין דער זעלבער צייט האָט ער געשריבן אַ ניי קאַפּיטל אין זיין ראָמאַן. דאָס זעלבע האָב איך געזען ביי אונדזער נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער איז געזעסן אינמיטן טומל אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, און ווען ער האָט

גערעדט מיט צענדליקער מענטשן פֿון אַרום אים, האָט ער געשריבן צװײ אַרטיקלען: אײנעם אַ העברעאישן פֿאַר דער „הצפירה״ און אײנעם אַ פּױלישן פֿאַרן „איזראַעליטאַ״.

קאָן מען אפשר פֿון דעם אַרױסדרינגען, אַז דער שריפטשטעלערישער טאַלענט זײַערער איז דערפֿאַר אַ קלענערער?

„יידישעס טאָגעבלאַט״, ניו־יאָרק, דעם 29טן פעברואַר, 1928.

א. וועוויאָרקאַ

שלום־עליכם און שמ״ר

ביים ברייטן עולם הערשט אַ פֿאַלשע מיינונג, אַז דער קאַמף, וואָס שלום־עליכם האָט אין נאָמען פֿון דער יידישער ליטעראַטור געפֿירט קעגן שמ״רן, איז געווען צוליב פּרינציפּן פֿון ליטעראַטור־קוואַליטעט, ד. ה. אַז די טענות וואָס שלום־עליכם האָט אַרויסגעשטעלט קעגן שמ״רן זיינען געווען ליטעראַריש־פֿאָרמעלע. שלום־עליכם, הייסט דאָס, האָט ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן די מעטאָדן, די ליטעראַרישע פֿאָרמען פֿון שמ״רס שרייבן. דאָס איז אָבער אַ גרויסער טעות.

שלום־עליכם שטעלט אַרויס קעגן שמ״רן כמעט נאָר אידעאָלאָגישע טענות. שלום־עליכם איז קעגן דעם יידישן אינהאַלט פֿון שמ״רס ווערק אין דער ערשטער ליניע, און באַזונדערס קעגן דעם שמ״ר, וועלכער באַקעמפֿט און לאַכט אויס יידישקייט.

לאָמיר אַ קוק טאָן אין די באַשולדיקונגען, וועלכע שלום־עליכם שטעלט אַרויס קעגן שמ״רן אין זיין „שמ״רס משפּט“.

מיר וועלן נעמען פֿון פּראָקוראָרס רעדע די כאַראַקטעריסטישע שטעלעס:

„מע הרגעט זיך ביז טויט (אין שמ״רס ראָמאַנען) איבער אַ שיין מיידל, אַ ברונעטין, אָדער אַ פֿיינעם בחור אַ בלאָנדין, וכדומה אַזעלכע ווילדע פֿאַנטאַזיעס“ א. אַז. וו.

אַזוינס האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט געשטימט מיט שלום־עליכמס טעאָריע וועגן „יידישער ליבע“ און ער האָט פֿול רעכט ביז צו זיין אויף שמ״רן, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט אַזעלכע יונגען און אַזעלכע מוידן. אָבער לאָזט זיך אויס, אַז שלום־עליכם האָט אויך ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן שמ״רס באַציאונג צו אַנדערע זאַכן, אַחוץ ליבע — קודם צו דער יידישער באָרד.

„אָט ליגט נאָך אַ ראָמאַן פֿון שמ״ר, — רעדט ווייטער שלום־עליכמס

דער פֿאָלגנדיקער אַרטיקל איז אַ זאַמלונג פֿון אויסצוגן פֿונעם בוך „רעוויזיע“ (דערשינען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אין 1931). א. וועוויאָרקאַ האָט געווידמעט אַ היפּשן טייל פֿון זיין בוך צום ענין „שלום־עליכם און שמ״ר“.
— ר. ש.־ב.

פראָקוראָר, — וועלכער הייסט מיט דעם נאָמען ,גוואַלד, וואו איז מיין באָרד?'. אויפן ערשטן טאָוול זיצט אויסגעמאָלט אַ שיכורע גויה, מיט אַ צילינדער־הוט, און אַ קאַצאַפּ מיט אַ גרויסער שער אין דער האַנט; עס ווייזט אויס, אַז די ערילת מיטן צילינדער־הוט איז מסתמא אַ חסיד, וואָס האָט זיך אָפּגעשאָרן די באָרד און פּיאות.״

„אַז מען לאַכט פון אַ באָרד, איז אַ סימן אַז מ'איז שוין אַ געבילדעטער מאַן, אַן אַריסטאָקראַט, אַ גאַנצער דייטש, ווי דער עולם זאָגט...״

שלום־עליכמען איז שווער געווען צו פאַרטראָגן דעם שפּאָטישן „גוואַלד, וואו איז מיין באָרד?״... און אונדז דערמאָנט זיך האַצמאַך — מיכאַעלס' אין מאָסקווער מלוכה־טעאַטער מיט אַזוי פיל יאָר שפּעטער: „מיין פּיאה, מיין אָרעמע פּיאה!״

שלום־עליכמס פיינטשאַפט צו שמ״רן איז געווען אַזאַ, אַז ער האָט זיך בפירוש געטשעפּעט צו אים מיט ניט־געשטויגענע באַשולדיקונגען און זידלערייען. אָט אַזוי מאַכט ער פון אים אַן עם־הארץ, כאָטש שמ״ר איז גראָד געווען אַ מענטש מיט אַ סך וויסן און קולטור, סיי יידישע, סיי וועלט־לעכע, וואָס וועגן דעם זאָגן עדות די גרויסע צאָל היסטאָרישע ראָמאַנען זיינע, וואָס דאָס איז גאָר געווען אַ נייעס אין יידיש, און וועגן וועלכע מען דאַרף באַזונדער רעדן.

שלום־עליכם שרייבט (אין זעלבן „שמ״רס משפט״): „אין ראָמאַן ,צווישן צוויי פלאַמען' זאָגט שמ״ר, אַז נתן האָט זיך דערצויגן ,אין מילך און האָניק' — איר האָט אַמאָל געהערט אַזאַ מין פאַרגלייכונג?...״

אָט אַזעלכע פאַרוואורפן געפינען זיך ביי שלום־עליכמען אַ סך קעגן שמ״רן. קלאָר, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ פיינטשאַפט, וואָס מאַכט זיך ניט־זעענדיק.

ס'איז די זעלבע פיינטשאַפט וואָס הייסט שלום־עליכמען שרייבן וועגן שמ״רס ביכער, פון וועלכע ער ציטירט אין „שמ״רס משפט״, אַז אין זיי איז צעקאַליעטשעט די יידישע שפּראַך. אַלע ביכער, וואָס שלום־עליכם דערמאָנט דאָרט, זיינען אָנגעשריבן אין אַ ריינעם, זאַפטיקן יידיש. שלום־עליכם דערמאָנט ניט מיט קיין שלעכט וואָרט אייזיק מאיר דיקן, כאָטש יענעמס אַלע דערציילונגען שטייען אמת אין דעם פּרט פיל, פיל נידעריקער ווי שמ״רס. זיי זיינען כמעט אַלע אָנגעשריבן אין אַ צעקאַליעטשעטן דייטש.

שמ״ר האָט פּאַקטיש פאַרמאָגט אַ רייכע יידישע שפּראַך. נאָך מער, ער האָט באַרייכערט יידיש, אַריינברענגענדיק אין איר אַ שלל נייע ווער־

טער. אין זיינע ווערק קאָן מען געפינען אַ גאַנצן אוצר ווערטער, וואָס קלינגען נאָך איצט ניי און פריש.

זיין שפּראַך איז דורכאויס אַ פֿאָלקלאָריסטישע. מען וואָלט פון שמ״רס דערציילונגען געקאָנט צוזאַמענשטעלן די רייכסטע פֿאָלקלאָריסטישע כרעסטאָמאַטיע. וואָס איז שייך גערמאַניזמען, די אַזוי־גערופענע „דייטש־מעריזמען", זיינען אַלע קלענערע דערציילונגען, ווי שוין געזאָגט, אָנגע־שריבן אין אַ ריינעם, זאַפטיקן, פֿאָלקסטימלעכן יידיש. נאָר אַפילו בנוגע די גרויסע ראָמאַנען זיינע, זיינען אויך אונדזערע פאַרשטעלונגען וועגן די דייטשמעריזמען אין אַ גרויסער מאָס איבערטריבן. פֿאַקטיש האָט שמ״ר אומפאַרגלייכלעך ווינציקער געזינדיקט מיט דייטשמעריזמען ווי דיק, און אַ סך ווינציקער ווי אַלע אַנדערע יידישע שרייבער אין יענער צייט האָבן געזינדיקט מיט סלאַוויזמען, איינגעשלאָסן אַפילו דעם דעמאָלטיקן שלום־עליכמען, באַזונדער אין זיינע פעליעטאָנען און אַרטיקלען.

די ערשטע שורות פון שלום־עליכמס „שמ״רס משפט" וועלן אונדז איבערצייגן דערין:

„אין אַ גרויסן זאַל ביי אַ גרויסן טיש אויבן־אָן זיצט דער פּרעד־סעדאַטעל, אַן אַלטער מאַן, לעבן אים, פון ביידע זייטן, — צוויי טשלענעס. ביי דער זייט, אין דער לינקער האַנט, ביי אַ קליין טישל, זיצט דער פּראָ־קוראָר, אַ בייזער יונג מיט פייערדיקע אויגן; אַנטקעגן, אין דער רעכטער האַנט, אויך ביי אַ קליין טישל, זיצט דער זאַשטשיטניק, דער אַדוואָקאַט, אַ לעבעדיקער, אַ פריילעכער יונגערמאַן" א. אַז. וו. (די אַלע רוסישע ווערטער האָבן מיר אונטערשטרייכט.—א. וו.)

שמ״רס ירושה

שלום־עליכם האָט באַקומען ירושה פון שמ״רן מער ווי אַ לייענער.

פון שמ״רן צו שלום־עליכמען ציען זיך אויך מאַטעריעלע פעדעם. מאַטעריעלע אינעם זין פון ליטעראַרישן מאַטעריאַל. די קליינע זאַכן, וואָס מיר דרוקן דאָ איבער פון שמ״רן, איז גענוג כדי אָנצואווייזן אויפן דירעקטן וועג, וואָס פירט פון שמ״רן צו שלום־עליכמען. ניט שווער צו דערקענען אין כאַסע־זעלדען („אַ שד אין זאַק") מיט איר „ווי זאָגט מען עפעס, אַן אָקס האָט אַ לאַנגן צונג" א. אַז. וו. — שיינע־שיינדלס אַ שוועס־טער. ניט שווער צו דערקענען אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע שמ״רס פער־סאָנאַזשן זייער שפּעטערדיקן שלום־עליכמשן גלגול. אַפילו נעמען און

צונעמענישן שמ״רשע, וואָס מיר באַגעגענען דערנאָך ביי שלום־עליכמען, איז ניט קיין צופאַל („לעמעשקע״ און אַנדערע).

פונעם ספּעציפישן שלום־עליכמשן מאַנאָלאָג געפינען מיר ביי שמ״רן דעם אָנהויב. די גאַנצע סעריע „יודקע שמערקעס״ איז דורכאויס געשריבן אין אַ מאָנאָלאָגישער פאָרם, טאַקע אין יענער באַריידעוודיק־שאַרזשירטער פאָרם, וואָס שלום־עליכם האָט זי אײַנגאַנצן אויסגעשעפּט.

אָבער מיר געפינען אויך ביי שלום־עליכמען זאַכן, וואָס סוזשעטיש פאַלן זיי זיך צונויף מיט שמ״רן. עס טרעפט, אַ זייטיק קאַפּיטל ביי שמ״רן אין אַ ראָמאַן וואַקסט אויס ביי שלום־עליכמען אין אַ זעלבשטענדיקער זאַך און געפינט דאָרט זיין קינסטלערישן תיקון. אָפטמאָל איז עס אַ פּשוטער צונויפפאַל: ביידע האָבן זיי געשעפּט פון איין קוואַל — פון די קאַסרילעווקעס און איפּעשקעס (איפּעשקע — שמ״רס אַ נאָמען פאַר זיינע שטעטלעך), און פון דעם פאָלקלאָריסטישן מעשה־מאַטעריאַל, וואָס איז געוואַקסן אויף די מיסטן און אין די קלוגע קעפּ פון די דאָזיקע שטעטלעך. שלום־עליכם האָט אויך געמוזט באַטראַכטן אָפטמאָל שמ״רס אַ שטאָף ווי רוי־שטאָף, ווי אַ פאָלקס־מעשה, אָדער פאָלקס־אַנעקדאָט, וואָס יעדער שרייבער האָט דאָס רעכט אויסצונוצן עס ווי ער געפינט פאַר נויטיק פאַר זיינע קונסט־צוועקן (פיל פון שמ״רס זאַכן, בפרט פון די קלענערע, זיינען טאַקע געשריבן אין פאָרם פון פאָלקס־מעשיות. די זיינען, אגב, די זאַפטיקסטע זאַכן זיינע). צו אַלע כעסן, וואָס שלום־עליכם האָט געהאַט אויף שמ״רן, איז מסתמא צוגעקומען נאָך אַ כעס: שמ״ר האָט אים קאַליע געמאַכט טעמעס. שפּורן פון שמ״רשע טעמעס ביי שלום־עליכמען געפינען מיר אַפילו אין די פאַרהעלטנישמעסיק־שפּעטע זאַכן שלום־עליכמס.

אַן אינטערעסאַנטער מוסטער איז שלום־עליכמס קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס״ (אָדער ווי זי איז באַקאַנט ביי אונדז מיטן נאָמען „צוויי הונדערט טויזנט״). די דאָזיקע קאָמעדיע פירט דירעקט צו שמ״רס אַ דער־ציילונג. די אידענטישקייט פון דער טעמע איז דאָ אַזוי גרויס, אַז זי האָט אַן אויסשליסלעכן אינטערעס פאַר אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע און פאַר דער שלום־עליכם־פאָרשונג. דער אונטערשייד אין דער פאַבול צווישן שמ״רס דערציילונג און שלום־עליכמס קאָמעדיע ליגט נאָר אין ניואַנסן.

ביי שלום־עליכמען געווינט דער שניידער שימעלע סאָראָקער דאָס גרויסע געווינס, וויל ער „אַריסטאָקראַטעווען״, משדך זיין זיין טאָכטער מיט אַ זון פון „פּני״. צום סוף נאָרט מען ביי אים אויס דאָס געלט, ער ווערט

ווידער אַ שניידער, און זיין טאָכטער האָט חתונה מיט איר „אמתן“ באַשערטן, דעם שניידער־יינגל.

ביי שמ״רן געווינט אַ שניידער־יונג, בערל קירבעס, צען טויזנט רובל, ווייל ער „אַריסטאָקראַטעוועט“, וויל ניט מער חתונה האָבן מיט דעם שניידערס מיידל, וואָס האָט אים ליב; אים גיט זיך איין צו ווערן אַ חתן פאַר דער טאָכטער פון אַ יחסן, אַ יורד, וואָס האָט זיך מיט אים משדך געווען צוליב זיינע צען טויזנט רובל. דער סוף איז, אַז ביי בערל קירבעס שווינדלט מען אַרויס די צען טויזנט רובל, פונעם יחסנישן הויז וואַרפט מען אים אַרויס, ער ווערט צוריק אַ שניידער, און האָט סוף־כל־סוף חתונה מיט דער פריערדיקער כלה, דאָס שניידער־מיידל.

דאָס זעלבע איז אין אַ געוויסן פּרט מיט אַנדערע זאַכן שלום־עליכמס, וואָס האָבן — טייל מער, טייל ווייניקער — אַ קרובהשאַפט מיט שמ״רן. שלום־עליכם האָט זיך אין פרעמדס ניט געגנויטיקט, נאָר אויף שמ״רן האָט ער אַפּנים געקוקט ווי אויף איינעם וואָס מאַכט קאַליע טעמעס, וואָס ליגן צוגעגרייט אין דער פאָלקלאָרישער מעשה־טאָרבע. שמ״ר, פון זיין זייט, האָט שלום־עליכמען באַשולדיקט אין פּלאַגיאַט. דאָס איז, אַפּנים דער זין פון דער שטעל אין זיין פאָררעדע צו „די אַמעריקאַנער גליקן“: „וואָס מאַכן ביי אייך די שלום־עליכמס מיט די לאַנגע פינגער, וואָס מיט איין האַנט שרייבן זיי גאַנצע משפטים און מיט דער צווייטער . . .“

שמ״ר האָט אין זיך געהאַט אַ היפּשע מאָס דעם שלום־עליכמשן עלעמענט; שמ״ר איז אָבער געווען אַ קעמפערישער טעמפּעראַמענט. מיט שמ״רס ליקווידירונג זיינען זיינע שאַפונג־עלעמענטן פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן אין די פאַרשיידענע ליטעראַטור־צווייגן, לויט זייער סאָציאַלער צוגעהעריקייט. דעם קעמפערישן פאָדעם האָבן געצויגן ווייטער (שוין אין אַ געלייטערטער רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישער דערהויבונג) די ערשטע אַרבעטער־דיכטער אונדזערע. שלום־עליכם האָט גענומען וואָס איז אים געקומען. איבערנעמענדיק שמ״רס ירושה, האָט ער גענומען ניט נאָר די נשמה, נאָר אויך דעם גוף, אָבער ערשט נאָכדעם ווי ער האָט נאָר פון דאָרט אַרויסגעלאָזן דעם פולווער און די איבעריקע אויפרייס־שטאָפן.

צווישן שלום־עליכמען און שמ״רן איז פאַראַן געמיינזאַמעס אין זייער קינסטלערישער לעבנס־עמפינדונג —

דער אָפּטימיזם.

שלום־עליכמס הומאָר איז ניט נאָר אַ קינסטלערישע פאָרם, נאָר אויך

אַ קינסטלערישע אידעאָלאָגיע, אַ קינסטלערישע וועלט־אַנשויאונג — אַ פּאָזיטיווע, אָפּטימיסטישע, אַ לעבנס־באַרעכטיקנדיקע.

שמ״ר, אין די צענדליקער קליינע דערציילונגען, איז אויך דורכאויס דורכגעזאַפּט מיט געזונטן, פריילעכן הומאָר. פון דער ריזיקער צאָל קליינע דערציילונגען זיינע, זיינען 99 פּראָצענט הומאָריסטישע. ווען שמ״ר גייט אַריבער פון דער קליינער דערציילונג צום גרויסן אינטריגע־פאַרכאַפּנדיקן ראָמאַן, דריקט זיך דער דאָזיקער אָפּטימיזם אויס דער עיקר אין די גוטע סופן פון זיינע ראָמאַנען. ווי שמ״ר אַליין האָט דערקלערט, נעמען זיך די דאָזיקע גוטע סופן דערפון, וואָס ער גלויבט אין גערעכטיקייט, ער גלויבט, אַז זיגן מוז דאָס גוטע און גערעכטע און, אַז דער סוף פון דער אומ־גערעכטיקייט מוז זיין אַ שוואַרצער. די שרייבער, וואָס פאַרענדיקן זייערע זאַכן טרויעריק און פינצטער, האָט ער באַשולדיקט אין אומגלויבן. אָט דער דאָזיקער אָפּטימיזם, ווי מיר זעען, איז ביי שמ״רן געווען אַן אָרגאַני־שער און באַוואוסטזיניקער, פּונקט אַזוי ווי ביי שלום־עליכמען, וועלכער פאַרזיכערט, אַז לאַכן איז געזונט.

שמ״ר איז געווען דער שרייבער פון די המונים אינעם פאַרוואָרפענעם, פאַרחושכטן יידישן שטעטל, און אָנגעשפּאַרט האָט ער זיך אויף די סאַמע אונטערשטע האָרעפּאַשנע שיכטן פון די דאָזיקע המונים, פון דער דאָזיקער נאָך ניט דיפערענצירטער מאַסע. סיי שמ״ר סיי שלום־עליכם טרעטן אָבער אַרויס אויף דער ליטעראַרישער אַרענע, ווען עס בליט זיך פאַנאַנדער דער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, וועלכער האָט געגעבן אַ שטויס דעם פּאַט־ריאַרכאַלישן שטעטל. עס קומט פאָר אַן אויפטרייסלעניש אין דער יידישער גאַס. די פּאָליטישע רעאַקציע און די פּאָגראָמען (דער אָנהויב פון די אַכציקער) האָט די דאָזיקע אויפטרייסלעניש פאַרטיפט פּאָליטיש. עס שאַפט זיך די קליינבירגערלעכע נאַציאָנאַליסטישע חיבת־ציון־באַוועגונג און אין דער זעלבער צייט ווערן געשאַפן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּעס. די פּאָליטישע אויפטרייסלונג גייט פּאַראַלעל מיט אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישער איבערגרופּירונג: די גרויסע עמיגראַציע קיין אַמעריקע, פון איין זייט, און אַן עמיגראַציע פון די שטעטלעך אין די גרויסע שטעט, פון דער צווייטער. דער היינטיקער געזעלן אין קאַבצאַנסק איז געווען דער מאָרגנדיקער פּראָלעטאַריער אין ניו־יאָרק; דער היינטיקער קרעמער אין שטינקאָווקע, איז געווען אַ מאָרגנדיקער מעקלער אויף דער יעהופּעצער בירזשע. דאָס שטעטל האָט געפיבערט, אָבער דאָס איז געווען אַ פיבער פון אַריבערגיין אין העכערע שטופן אויף דעם סאָציאַלן לייטער. דער דאָזיקער

איבערגאַנג איז פאָרגעקומען פון צוויי פלאַנגען: פונעם „אונטערשטן“, האַרעפּאַשנעם שיכט און פונעם „העכערן“, קרעמערשן לופט־מענטש־שיכט.

איינער האָט צוגעשטעלט דעם מאַטעריאַל פאַר אַ נייעם צוקונפט־קלאַס, אַן אַרבעטער־קלאַס, דער צווייטער — פאַר אַ נייער בורזשואַזיע, אַ קלענערע און אויך אַ גרעסערע. שוין ניט אין די באַדינגונגען פונעם פּאַטריאַרכאַליש־פעאָדאַלישן און פאַרשפּלטן שטעטל, נאָר ווי אַ טייל פונעם גרויסשטאָטישן אויפגייענדיקן יונגן קאַפּיטאַליזם.

אָט די דאָזיקע צוויי פלאַנגען, זייערע שטימונגען און לעבנס־עמפינדונגען האָבן אויסגעדריקט שמ״ר און שלום־עליכם.

שמ״ר איז געווען דער אויסדריקער פון דער ניט־דיפערענצירטער מאַסע אויפן „אונטערשטן“ שטאַפּל, וועלכע האָט געהאַט פאַר זיך דעם מאָרגנדיקן טאָג, און האָט געטראָגן אין זיך דעם עמבריאָן פונעם יידישן אַרבעטער־קלאַס.

שלום־עליכם איז געווען דער אויסדריקער פונעם צווייטן פלאַנג, פונעם „העכערן“ שיכט, פון דעם, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם עמבריאָן פון אַ נייער בורזשואַזיע.

די ביידע פלאַנגען האָבן נאָך פאַרגעשטעלט מיט זיך ערב־קלאַסן, אָדער בעסער געזאָגט: קלאַסן אין ווערן, סאָציאַלער מאַטעריאַל אין פליסיקן צושטאַנד, וואָס הייבט זיך ערשט אָן צו פורעמען. און דאָס דאָזיקע פורעמען איז פאַרבונדן מיט באַוועגונג, מיט איבערוואַרפן פון שטעט צו שטעט, פון לענדער צו לענדער, פון וועלט־טייל צו וועלט־טייל.

אָט די דאָזיקע פליסיקייט, האַנדלונג, דינאַמיק, לעבנס־אינטריגעס, דאָס דאָזיקע קאָכן און זידן שפּיגלט זיך אָפּ אין די ווערק פון שמ״ר און שלום־עליכם, צוזאַמען מיט אַן אומבאַגרענעצטן אָפּטימיזם און לעבנס־פרייד.

די שמ״ר־ביבליאָגראַפיע

לויט דעם „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור״

פון זלמן רייזען

די שמ״ר ביבליאָגראַפיע איז נאָך אבסאָלוט ניט באַארבעט און ס'איז ביי היינטיקן טאָג נאָך אוממעגלעך פעסטצושטעלן אפילו די מיטלען פון אלע זיינע פארפאַסונגען.

די רשימה, וואָס מיר גיבן דאָ אונטן, איז ניט קיין פולע און בלויז צום טייל פון אווטאָפסיע; די נעמען פון די פארלאַגן און יאָר פון דרוק, וואָס מיר ברענגען, זיינען דאָ, ליידער, אָפט צופעליקע און גיבן ניט אלע־מאָל אָן די דאַטע פון דער ערשטער אויסגאַבע.

אויס כלה ווייטער מויד / אײנע וואַהרע ערצעהלונג, וועלכע קאָן הייסין ראָמאַן. מין, תרמ״ט, 1912, 32 זייטן

דיא אונגליקליכע ליעבע אָדער דער כשרער ממזר, ראָמאַן אין צוויי טיילן, ווארשע, 1882, תרמ״ה און תרמ״ט.

דיא אונגליקליכע רחל, ווארשע.

די אונגליקליכע שיינדעלע, ווארשע.

דער אונגעטרייער חתן אָדער דער מאָדנער לעהרער, ראָמאַן אין 3 טיילן, ראָם, 1884, 1888, ז' 90+86+88 זייטן.

אונגעריכטער גליק / זייער איין שיינע געשיכטע, זיא וועט מאַכן דיא לעזער גרויסע פערגעניגען, ווילנע, 1877, 24 זייטן; ראָזענקראַנץ־שריפטזעצער — 1923, 32 זייטן.

דער אוצר אָדער דער קאַלטער גזלן, ראָמאַן אין 2 טיילן, ראָם, 1884, 84+78 זייטן, יוצא לאור ע״י יעקב דרוקערמאַן מסדילקים.

דיא אייזערנע פרויא אָדער דאָס פערקויפטע קינד / איין וואונדער־שיינער ראָמאַן, מין, 1882, 1903, 156 זייטן.

איציקל אָדער דאָס יודיש גליעד, מין, 1912, 1914, 32 זייטן.

דיא אַמעריקאַנישע גליקען / אַ ראָמאַן פון אידישען לעבן אין אַמע־ריקאַ, אין 5 טיילן, מ. קאַצענעלענבויגען, 1895, 1912, 92+96+100+72+70+11 זייטן.

אָנגעפּייפּט / איינע שיינע ערצעהלונג וועלכע קאָן הייסין ראָמאַן, מיז 1889, 1912, 32 זייטן.

דאָס אַנטיקל אָדער די כשרע מציאה / אַ ניי מאָדנער ראָמאַן, מיז, תרמ"ז, 1888.

דער אַנטלאָפּענער סאָלדאַט, וואַרשע, תרמ"ט; ווילנע, 1895.

דער אַנטלאָפּענער פון סיביר, ניו־יאָרק.

דער אַנטלאָפּענער קאַסיר, פאַרלאַג בלעטניצקי, אָדעס.

דער אָרימער מיליאָנער, לויט שמ"רס משפט — איבערגעזיצעוועט פון די געהיימניס פון פּאַריז און פון דיומאַס גראַף מאָנטע קריסטאָ, וואַרשע, 1893.

דער באַראָן און די מאַרקיזה / אַ העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן, אָדעס, בלעטניצקי, 1902, 74 זייטן.

דער באַראָן דע אַגילאַר / איין אינטערעסאַנטער ראָמאַן, פאַרלאַג ברידער חיים און פּרץ בלעטניצקי, וואַרשע, 1883, 2טע אויסגאַבע, 1884, 1890, 74 זייטן.

ביהנען אָרום האָניג אָדער די רייכע מומע, ראָמאַן אין 3 טיילן, ראָם, 1890, 92+96+94 זייטן.

דיא בלוטיגע ליעבע, וואַרשע.

דער בלוטיגער אַדיע! אָדער גיפט אין גליקסבעכער / איין וואונדערליכער רירענדער ראָמאַן, וועלכער ווערדעט דעם לעזער פיעל פערגעניגען פערשאַפען, 1879, תרמ"ט, מיז, 1911, 88 זייטן.

דער בלוטיגער קעניג, ניו־יאָרק.

די בלינדע יתומה אָדער צווישען טיגערן, ראָמאַן, מיז, 1911, 1915, 156 זייטן.

דער בעל מופת, דערציילונג, ווילנע (וואַרשע?), 1890.

דער בעל תשובה, ראָמאַן, ווילנע, 1880, 1890, 170 זייטן.

בריינדעלע אָדער שלעכטע ספּעקולירט, מיז, 1896, 1912, 1914, 32 זייטן.

גאָלדהענדלער, ראָמאַן, בלעטניצקי, ווילנע, 1896.

גאָלד פאַר שטיינער / איינע וואַהרע ערצעהלונג מיז, תרמ"ט, 1899, 1913, 1914, 32 זייטן.

די גאָלדענע קעלבער אָדער דער קצב אין סאַלאָן / ראָמאַן אין צוויי טהייל, ראָם, 1887, 1890, 88+102 זייטן.

דער גאָלדענער פויגעל, וואַרשע, 1888, 48 זייטן.

גוואַלד וואו איז מיין באָרד / איין ראָמאַן, מץ, 1886, 1895, 1911, 79 זייטן.

גוטער טייפעל, ראָמאַן, ניו־יאָרק.

אַ גט מיט אַ חתונה, 1884.

גלות מאָסקווע, ניו־יאָרק.

גראַפּפירשט קאָנסטאַטין, ניו־יאָרק.

דער גליקליכער פּאַסטוך, ראָמאַן, ווילנע, 1879, 40 זייטן, ראָם 1887, 1888, 50 זייטן, וואַרשע, 1894.

דיא גן עדן פייגעלע / איינע הערליכע געשיכטע וואָס עס האָט גע־טראָפען אין אַ רוסישער שטאָט מיט 140 יאָר צוריק, אויסגאַבע שוועג־צאַנער, 1878, 1881, מץ, 1908, 1912, 1914, 32 זייטן.

דער געבילדעטער עם הארץ / אַ היסטאָרישער ראָמאַן, ראָם, 1884, 1893, 108 זייטן, ארויסגעגעבן פון ב. קאַפּעלאָוויטש, דענעבאָרג.

דער געבענטשטער פּאַטש / איינע וואַהרע ערצעהלונג, 1887, 1888, 64 זייטן, הערויסגעבער בוכהאַנדלער ש. פּאַטאַשניק מסלאַוויטא.

געגעטע מיידעל (?).

געהיימע יודען, ראָמאַן, ניו־יאָרק, 1901.

געטרייע מוטער, ראָמאַן, וואַרשע, 1897.

געלד פאַר פעטש / איינע וואַהרע ערצעהלונג, מץ, 1889, 1912, 32 זייטן.

דער געמאַכטער יורש / אַ היסטאָרישער ראָמאַן, וואַרשע, 1881.

די גערצאָגינע (? — זע גרינבוים).

דער דערטרונקענער אין טייך ווייסיל, וואַרשע, 1885.

די דריי קמיעות, דערציילונג, ווילנע, 1878, 1898, 30 זייטן.

האַלב מענש האַלב אַפּפע אָדער וואו זוכט מען דעם אמת / איינע וואַהרע ערצעהלונג, ראָם, תרמ״ח, תרמ״ט, 66 זייטן.

האָניג פון אַ לייב אָדער אָרענטליך בעצאָהלט / איינע וואַהרע ער־צעהלונג, מץ, ווילנע, — 1888־1889, 1896, 1914, 32 זייטן.

הימעל אונ ערד אונ שווינדעל / אַ בילד פונם לעבן, ראָמאַן, ווילנע, תרמ״ט, מץ, 1912, 32 זייטן.

די היינטמאָדישע כלה, ראָמאַן, 1881, 1887, וואַרשע, תרמ״ט.

המנס מפלה אָדער דער פסק / איינע העכסט אינטערעסאַנטע ער־צעהלונג, מץ, תר״ן, 32 זייטן.

ווידוי פון אַן אַרעסטאַנט, ניו־יאָרק.

זון פון צווי מאַמעס, ראָמאַן, ווילנע, 1890.

דער זיגעל (?), מז, 32 זייטן.

דער זשענטעלמאַן אָדער סוף גנב לתליה / אַ העכסטע אינטערע־סאַנטער ראָמאַן אין 5 טהייל פון אַמעריקאַנישען רומענישען יודישען לעבען, ראָם־קאַצענעלענבויגען, 1899, 56+48+52 זייטן.

חאַצקיל דער באָבעס זון, זייער אַ שיינע געשיכטע, וואָס איז גע־וועזין, זיא איז זייער גישמאַק צום לעזין, מי קען פון איר לוסטיג ווערין, און אויך פערגיסין טייכין טרערין, אַ שיינער מוסר איז אין איר אויך פאַראַן, פאַר דעם וואָס איז ניט קיין בולוואַג, פין, 1876 (צענזורירט 16/1 1876), 30 זייטן, 1898, 32 זייטן.

חאַצקעלע דער קצין, ווילנע, 1886.

די חליצה / איין אינטערעסאַנטער ראָמאַן, פאַרלאַג פון בוכהענדלער ר. ברוך קאַפּעלאָוויטש פון דענבאָרג, ווילנע, 1883, 1884, 1893.

דער חכם, ראָמאַן, 1884, וואַרשע, 1890.

די חצופה אָדער אַן איבערקערעניש, דערציילונג, ווילנע, תרמ"ה.

אַ חתונה אָהן אַ כלה / הומאָריסטישע געשיכטע, וואַרשע, 1892.

אַ חתן אויף אַ ווײלע, איינע וואָרע שיינע ערצעהלונג וועלכע קאָן הייסין ראָמאַן, 2טע אויפלאַגע — מז, תרמ"ט, 1889, 1899, 1912.

דער חתן קומט / איינע לוסטיגע ערצעהלונג, ווילנע, מז, תרמ"ט, 1912.

חתן דמים אָדער די בלוטיקע ליבע, וואַרשע, תרמ"ט.

אַ טאַטע פון יענער וועלט, ווילנע, פונק, תרמ"ט, 1895.

אַ טויטער בעולם הזה / אַ גרויסער חטא אָרויס גינומען פון דיא חטאים וואָס דער אפיקורס סאָלאָמאָן בוימבלאַט האָט גיטאָן אין זיין לעבין / אָרויס גיגעבין אין דער וועלט על ידי אחד מעשרה הבטלנים אשר בקלויז ניפסק יהודה ב"ר שמריהו הנודע בשם יודקע שמערקעס, פין (ראָזענקראַנץ—שריפטזעצער), 1892, (פון דער ווילנער אויסגאַבע, 1876), 24 זייטן, 1923.

טויטער גאַסט, ניו־יאָרק.

טייפעל כאַפּט דעם מלמד, דערציילונג, ווילנע, 1886.

דער טיראַן — אַ ראָמאַן פון דער היינטיגער טיראַנישער רעגירונג פון רוסלאַנד, פאַרלאַג יעקב סאַפּירשטיין, ניו־יאָרק, 1893, 80 העפטן.

דער טיראַנישער ברודער אָדער דער אָפּעקון, וואַרשע, דרוק גינס, 1883, תרמ״ט, 44 זייטן.

טרייפניאַק, ראָמאַן, ווילנע, 1894.

יאָקעל מאָפּס אָדער פון לייד אין פרייד / איינע וואַהרע ערצעהלונג, מיז, 1896, 1912, 1913, 32 זייטן.

יודקע שמערקעס גליקען, הומאָריסטישע דערציילונג, ניו־יאָרק.

יודקע שמערקע פּאָהרט נאָך אַמעריקאַ, ניו־יאָרק.

דער איד און די גרעפין אָדער יודעלע דער וועלט בערימטער חודאָ־ניק / אַ העכסט אינטערעסאַנטער און רירענדער ראָמאַן פון די רוסישע עמיגראַנטן אין אַמעריקע, אין 4 טיילן, פאַרלאַג מרדכי קאַצענעלעבויגן, ווילנע, 1892 (?), 1912, 92+96+92+132 זייטן.

די יודישע קעניגין, איינע וואַהרע ערצעהלונג, וואַרשע, דרוק גינס, תרמ״ט, 40 זייטן.

דער אידישער פּריץ / דראַמאַ אין פינף אַקטען און צעהען קאַרטינעס, מיז, 1888, 1897, ראָם, 1909, 72 זייטן.

יחיאל בוף, דערציילונג, ווילנע, 1894.

דער ישיבה־בחור / איינע הומאָריסטישע ערצעהלונג וועלכע קאָן הייסין ראָמאַן, 2טע אויפלאַגע — ווילנע, תרמ״ט, 1912.

אַ כלה אויף פּראָקאַט / איינע שיינע ערצעהלונג וועלכע קאָן הייסין ראָמאַן, 2טע אויפלאַגע — מיז, תרמ״ט, 1895, 1912.

אַ כלה פון דרייא חתנים / אַ היסטאָרישער ראָמאַן, ראָם, 1892, 62 זייטן.

דער כשרער יוד אָדער צווייַ קעץ אין איין זאַק, ראָמאַן, מיז, 1884, 1900, תרע״א, 190 זייטן.

דער כשרער ממזר, וואַרשע.

אַ לונג און לעבער אָדער די אשת־איש׳ניצע / אַ מעשה פון דער פער־גאַנגענהייט, מיז, 1889, 1895, 1912, 32 זייטן.

לעבעדיקע מתים — קאָמישער וואָדעוויל, ניו־יאָרק.

דער לעבעדיקער טויטער — קאָמעדיע, אָדעס, 1883.

דער לעצטער יודישער קעניג / אַ היסטאָרישער ראָמאַן, מ. קאַצענע־לענבויגען, 1911, 100+122 זייטן.

די מאַדאַם פלאָטקע, דערציילונג, מיז, תרמ״ט, 1912, 32 זייטן.

דער מאָרד אויס ליבע / איין היסטאָרישער ראָמאַן, אין צוויי טיילן, ראָם, 1890, 112+136 זייטן.

די מומע טאָלצע, ווילנע, 1888, תרמ"ט.

מחותנים פון שונאים / אַ קורצער ראָמאַן / פּאָהן שמ"ר, ראָזענקראַנץ,פּין, 1876, 40 זייטן, 1893, 32 זייטן.

אַ מיאוסער טעות / איין סאַטירישע ערצעהלונג וואָס דער בערימטער אפּיקורס סאָלאָמאָן בוימבלאַט האָט דערציילט פאַר זיין טויט דעם בטלן פון ניפּסקער קלויז יודקע שמערקעס, פּין, ראָזענקראַנץ און שריטזעצער, 1876, 24 זייטן, ווארשע, 1910.

אַ מענש אַלס גאָט, דערציילונג (ראָמאַן ?), ווילנע, 1887, 1888.

אַ נאַר פון באָד אַרויס / איינע שיינע ערצעהלונג, מץ, תר"ן, 1912, 32 זייטן.

דער נייער נגיד אָדער די שלעכטע שטיפמוטער, מץ, 1913, 37 זייטן.

ניט טויט ניט לעבעדיג / ערצעהלונג פון דעם בטלן יודקע שמערקעס, מץ, 1893, 72 זייטן.

דיא נייע וועלט אָדער דער אידעשער לעבען אין אַמעריקע / איין העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן, אין 4 טיילן, ראָם, תרנ"ד, מ. קאַצענעלענבויגען, 1897, 121 זייטן.

נישט געשטויגען און נישט געפלויגען, דערציילונג, ווילנע, 1890.

ניקאָלאַי דער ערשטער, ניו־יאָרק.

דער ספּעקולאַנט, דערציילונג, ווילנע, 1886.

דיא עגונה, ראָמאַן אין 2 טיילן, בלעטניצקי, שפּעטערע אויסגאַבע — ווילנע, 1894.

דער עגיפּטישער המן / אָדער די לאַנגע נעז / היסטאָרישע ערצעהלונג, ראָם, 1889, 52 זייטן.

דער פּאָדריאַטשיק, ראָמאַן, 2טע אויסגאַבע — ווארשע, 1884, תרמ"ט.

אַ פּאַטער פון זיין ליבן נאָמען, ראָמאַן, צווייטע אויפלאַגע, ווארשע, דרוק גינס, 1887, 1894, 33 זייטן.

דער פּאָימאַניק אָדער דאָס העלדישע מעדכען, ראָם, 1892, 1897, 42 זייטן.

דער פוסטער מיוחס / אַ וואָהרע ערצעהלונג, ראָם, 1887, 58 זייטן.

פלטיאל אָקס דער אַנטלאָפענער קאַסיר, ראָם, 1887, 167 זייטן, 2טע אויפלאַגע — תרמ"ט.

דיא פסולע הושענא אָדער אַ חתונה מיט גוואַלד, ווילנע, מץ, תרמ"ט, 1914, 32 זייטן.

דער פעדלער, ניו־יאָרק.

דיא פרינצעסין אין וואַלד אָדער דאָס וואַלד־קינד / אַ וואונדערליכע געשיכטע וואָס האָט זיך גיטראָפין אין דער לאַנד מאָראָקאָ אין דעם 13 טען יאָר הונדערט, 1876, 28 זייטן, ל. מיז, 1879, א. אַ., 32 זייטן.

דער פרעזידענט אָדער דער אידישער לעבין אין רומעניען / אַ העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן פון דעם אַמעריקאַניש־רומענישען יו־דישען לעבין, אין 4 טיילן, מ. קאַצענעלענבויגען, ווילנע, 1898, 64+64+60+52 זייטן.

דער פאַלשער הערצאָג, אַ היסטאָרישע דערציילונג (זע שמ״רס משפט), ווארשע, 1895.

דער פאַלשער פרינץ / איינע היסטאָרישע ערצעהלונג, ראָם, 1888, 1891, 1892, 72 זייטן.

דאָס פאַרדרייעניש, ווילנע, תרמ״ט.

דער פערלאָרענער זאָהן מיט דאָס זיידענע העמדעלע / אַ הערליכע געשיכטע וואָס עס האָט זיך געטראָפין אין האָלאַנד מיט איינינע יאָהרין צוריק, אויפלאַגע פאַן אברהם צבי שווינצאַנער מ״ם בווילנא, 1878, 32 זייטן, מיז, 1912, 1913.

דער פערפלעקטער יחוס אָדער פון דער חופה צום טויט, ראָמאַן אין 2 טיילן, בלאַטניצקי באָדעסע, 1894, ווארשע, 1902, 120 זייטן.

די פאַרקויפטע כלה, ראָמאַן, ווארשע, 1886, תרמ״ט.

פון גיהינום אין גן־עדן אָדער דער חלום / איינע העכסט אינטערע־סאַנטע ערצעהלונג, מיז, תר״ן, 1912, 1913, 31 זייטן.

פון וואַסער אין פייער / אַ בילד פונם לעבען, מיז, 1895, 1912, 1913, 32 זייטן.

פון טראָהן צום עשאַפאָט, היסטאָרישער ראָמאַן, ניו־יאָרק.

פאַן קליין צו דער קרוין — איין היסטאָרישער ראָמאַן, אין 2 טיילן, 2טע אויסגאַבע — ווילנע, 1889, 132+134 זייטן.

אַ פונק יודישקייט אָדער דער בלוט בלבול / אַ העכסט אינטערעסאַנ־טער ראָמאַן אין 2 טהיילען פון דעם אַמעריקאַנישען אונד רומענישען יו־דישען לעבען, ראָם, 1899.

פיינער יונגערמאַנטשיק, דערצעהלונג, לעמבערג, 1883.

דער פרומער מערדער, ראָמאַן, ראָם, 1888, 1894, 136 זייטן (זע וויטער — שורר ישר).

צדקניות, דערציילונג, מיז, 1885.

די צווייגאָרענדיגע ליבע אָדער געפּעלט אייך מיין שוויגער, ראָם, 1888, 78 זייטן.

צוויא טעג און צוויא נעכט / צווי שיינע ערצעהלונגען וואָס דער אָראַבער מוראַט האָט דערציילט דעם קעניג ריכאַרד לעוועןהערץ פון ענג־לאַנד / דער לעזער וועלכער וועט זיא לעזין וועט דעם גרעסטין פּערגע־ניגין האָבין, דרוק ל. מץ, 1876, 36 זייטן.

„פּארקויפט אויף אייביג לר' אברהם צבי שווינצאַנער מ"ס בווילנא."

די צוויי יתומים, ווילנע.

צווייטער המן, אַפּערעטע, ווארשע.

צווישען ליעבע און ראַכע, ניו־יאָרק.

צווישען צוויא פלאַמען אָדער דער הפקר־יונג, ראָמאַן אין צוויי טיילן, ראָם, 1887, 1888, 128+141 זייטן, ווילנע, דרוק ציונסאָן, 1912.

דער קאַטאָרזשניק / איין הערכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן, 1878 (?), הוצאה שניה עם הוספות — ווילנע, פונק, 1881 (אויסצוג ביי גרינבוים, ז"ז 75—76), ראָם 1888, 1889, 1910, 144 זייטן.

קאָקעטע דאַמען, אָדעס, 1882.

קוגעל, דערציילונג, ווילנע, 1890.

קלמן און זלמן / איינע חאַראַקטעריסטישע ערצעהלונג, 1895, מץ, 1912, 1913, 32 זייטן.

קעניג איבער נאַכט, ניו־יאָרק.

דער קעניג קאַזימיר — א היסטאָרישער ראָמאַן, ווארשע, גינז, 1905, 40 זייטן.

ראָטהשילד / א בעשרייבונג פון ר' מאיר אַנשעל ראָטהשילד, ניו־יאָרק.

ראַשקעלע קאָזאַק אָדער אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ / אַ כאַראַקטעריס־טישע ערצאהלונג פאָן יודישען לעבען וועלכעס קאָן דינען אלס שפּיעגעל פאַר שלעכטע פרויען, מץ, 1879, 1887, תרמ"ח, 1912, 32 זייטן.

ר' דניאל דער בעל נס / איינע וואַרע גישיכטע וועלכע עס איז גי־שעהן אין יאָר 1200 / דאָ ווערט דער ציילט דיא גרויסע טובות וואָס דער גוטער קיניג „לודוויג דער אייזערנער" האָט גיטאָן צו זיין מדינה בעת עס איז אים נתגלה גיוואָרין דיא גאַנצע פאַלשין און אומרעכט וואָס זיין פאָלק האָט גיליטן דורך זיינע שופטים נאָר אָן זיין ידיעה ביז עס איז אַלץ קלאָר געוואָרין דורך דעם ר' דניאל דעם שמיד און עס איז פלוצ־לונג פערקערט גיוואָרין אַלע ליידין צו פריידין: / איבערגעזעצט ע"י

נחום מאיר שייקעוויץ (שמ״ר) מיז, 1884, 1886, 1895, 1912, 1914, 32 זייטן.

די רייכע ירושה אָדער אַ מעשה אָהן אַ סוף, ראָמאַן אין 2 טיילן, ראָם, 1886, 86+96 זייטן.

ריכאַרד צווישען שפּאַנישע רויבער / דאָס איז אַ געשיכטע גאָר איין אַנטיק, דאָ זעהט מען אַז דער ערליכער האָט טאַקע גליק, אַ שוואַרצן סוף האָבען די שלעכטע, און גאָט איז שטענדיג מיט די גערעכטע, ראָזענ־קראַנץ שריפטזעצער, 1894, 32 זייטן.

דאָס רעדעל דרייט זיך, דערציילונג, ווילנע, 1886.

דער רעוויזאָר / אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטען / אומגעאַרבייט פרייא פאָן דער בעריהמטער רוסישער קאָמעדיאַ „רעוויזאָר", אָדעס, 1883, 56 זייטן.

אַ רפואה פאַר דער מכה, 2טע אויפלאַגע, תרמ״ט.

דיא שבתדיגע פעטש / איין אינטערעסאַנטע ערצעהלונג, מיז, 1913, 32 זייטן.

אַ שד אין זאַק / איינע שיינע ערצעהלונג, מיז, 1914, 32 זייטן.

שודד ישר אָדער דער פרומער מערדער, ווילנע, 1879, 134 זייטן.

שטיינערנער מענטש, ראָמאַן, ניו־יאָרק.

דער שטערענזעהער, ניו־יאָרק.

דער שטרענגער פעטער אָדער פון טויט לעבעדיק, ראָמאַן אין 2 טיילן, צענזורירט אפּריל 1888, ראָם, 1890, 128+158 זייטן.

דיא שיינע (אַ?)אַמליע, ראָמאַן, שאַכמאַן אין אָדעס, ווארשע, 1897, 44 זייטן.

אַ שיינע מעשה נאָר אַ קורצע / איינע וואַהרע ערצעהלונג, ראָם, 1887, 67 זייטן.

די שיינע רחלע / די געשיכטע קען אַלס איין פערשפּעקטיווע דינען, יודען! קוקט זיך איין דרינען, איר וועט אין איר ריכטיג זעהן, וואָס פאַר איין וועלט אַמאָל איז געווען, איר וועט דע אַלער העכסטן לויבין, וואָס ער האָט אייך פון אַלע צרות אויס געהויבין — אַ מעשה פון דער אינקוויזיציע צייט אין פּאָרטוגאַל, מיז, 1912, 32 זייטן.

אַ שיינע ריינע כפּרה — סאַטירישע דערציילונג (זע „שמ״רס משפּט").

די שלים־מזלידיגע קנישקלעך — דערציילונג, ביילאַגע צום „יודישן פאָלקסבלאַט", 1888, 16 זייטן.

דער שלימזלדיגער האָז, מיז, 1886, תרמ״ט, 68 זייטן.

דער שלימזלדיגער מזל טוב אָדער אָדעלע, ראָם, 1888, 58 זייטן.

אַ שנעל אין נאָז / איינע וואַהרע ערצעהלונג, מיז, 1896, 1912, 31 זייטן.

שפּאַנישע אינקוויזיציאָן / טראַגעדיע אין 4 אַקטען, פֿאַרלאַג ראַבי־נאָוויטש, ניו־יאָרק, 74 זייטן.

אַ שפּיטצעל פון אַ בדחן / איינע לוסטיגע ערצעהלונג, מיז, 1896, 1912.

אַ שפּרונג אין הימעל אָדער אויס גביר ווייטער שניידער, ראָמאַן, מיז, תרס"ו, 2טע אויסגאַבע — 1888, תרמ"ט.

שרעקליכע געהיימניס, ניו־יאָרק.

שרעקליכע געשיכטע, דערציילונג, ניו־יאָרק.

דער שרעקלעכער בלוט בלבול פון טיסאַ עסלער (אונגאַרן), אָדעס, 1884, 90 זייטן.

דער שרעקלעכער מערדער קריפּאָ, ראָמאַן, וואַרשע, 1908.

דער שרעקלעכער מערדער ריכאַרד אָדער דער זיגעל / אַ שרעק־ליכע געשיכטע וועלכע האָט זיך געטראָפען פאָן דאָס יאָהר 1780 ביז דאָס יאָהר 1800 אין פּאָרטוגאַל, מיז, 1895, 1912, 1914, 31 זייטן.

גאָרין פאַרצייכנט פאָלגנדיקע טעאַטער־שטיק שמ"רס: שפּאַנישע אינקוויזיציאָן, דער מאַמעס זינדל, דער מסור, דער יידישער פּריץ, דער בעל־תשובה, דער פּראָצענטניק, דער קאַטאָרזשניק, דער חלום, דער טעות, דער רעוויזאָר, דער לעבעדיקער טויטער, אונגעטרייע ווייב, קאָקעטע דאַ־מע, צווישן צוויי פלאַמען; הימל, ערד און שווינדל; צוויי מתים גייען טאַנצן, דער פּאַראַזיט, יהודית, די בלינדע פּרינצעסין, אַלטער, דער פאַר־ליבטער שנאָרער, די געהיימע יידן, דער פּאַשאַ, דער פּוימעניק, דער זינ־דיקער רב, סאָפאָ אָדער די רויטע חופּה, די חרטה, אני שלמה, זרובבל, די אלמנה, ציליע אָדער גערעטעט דורך אַ קינד, דער נדר אָדער עקיבא מיט זיינע 24,000 תלמידים, די געטרייע פרוי אָדער דער בלוטיקער אָדיע — מעלאָדראַמע אין 5 אַקטן (1887); די לייכטזיניקע אָדער פּרויען פּאַרפּירער, רבקה אָדער אַ פונק יידישקייט, דער לעצטער יידישער קעניג (1889); באַראָן ראָטשילד, אסתרקע אָדער די פּאָלנישע קעניגין (1890); טיטוס הרשע (1891); רבי יהודה הלוי (1892); דער געלט־קעניג — היסטאָרישע אָפּערע אין 5 אַקטן, 8 בילדער; המן דער צווייטער אָדער דער קאָמישער הערשער — היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטן; שושנה

אָדער די בלום פון יריחו — היסטאָרישע אָפּערע (1896); די יידנפרע־סער אָדער די געטויפטע מלכה — היסטאָרישע אָפּערע אין 5 אַקטן, 8 בילדער (1897); דבורה הנביאה אָדער יעל און סיסרא, קאַפּיטאַן דריי־פוס (1898); דער יידישער גראַף אָדער דאָס פאַרביטענע קינד — היס־טאָרישע אָפּערע אין 5 אַקטן (1899); די יידישע עמיגראַנטן אָדער דער ביגאַמיסט (1900); די גרינע אָדער דער פעטער אין אַמעריקע — קאָ־מעדיע (אויפגעפירט מיט דוד קעסלער); די גאָלדענע מדינה (1901); אַמעריקאַנער יידישקייט — דראַמע (1903); אַ יידיש קינד — לעבנבילד מיט געזאַנג, אַנטנומען (אויפגעפירט 1909). (אין זיין ראָמאַן „די חליצה" ברענגט שמ״ר אַ ליד פון זיינס אַ טעאַטער־שטיק „יתומים").

שמ״ר האָט אויך געשריבן אַ סך אין העברייאיש, באַזונדערס אין די ערשטע יאָרן פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. ער האָט פאַרפאַסט ביז 200 שירים, געדרוקט דאָס רוב צום אָנהייב פון זיינע ראָמאַנען (ניט אַלע מאָל — אין אינעווייניקסטן צוזאַמענהאַנג מיט דעם אינהאַלט פון ראָ־מאַן; אַזוי, למשל, באַמערקט ער אַליין אין אַ הערה וועגן זיין שיר „רחל מבכה על בניה" — צו זיין ראָמאַן „די חליצה" — אַז דער שיר האָט ניט קיין שייכות צום עצם סיפור המעשה און ער האָט אים אַריינגע־שטעלט נאָר צוליב דער אַקטועלקייט), ווי אויך אין די יידישע צייט־שריפטן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן.

פון זיינע דערציילונגען אין העברייאיש זיינען אין באַזונדערע אויס־גאַבן אַרויס:

„קין או מות ישרים", ראָמאַן אויס דעם יידישן לעבן אין פּאָרטוגאַל (ווארשע, תרמ״ז, ז' 176).

„גלגל החוזר".

„עונות ראשונים".

אַ סעריע סיפּורים אין סאַטיריש־משכילישן טאָן (פאַרפאַסט „בשפת בבל הבטלן הנכבד ר' יודקא שמערקעס מעיר נירכסף ועתה נעתק לשפת עבר צחה מאת נחום מאיר שייקעוויטש" — ווארשע, 1881; „אחרית צדיקים" (איבערדרוק פון „הבוקר אור"), 28 ז'; „טעות גוי" (29 ז'), „כויה תחת כויה" (30 ז'), „מומר להכעיס" (30 ז'); „אגודת רומנים / קבוצת ספורי־אהבים שונים / לקוחים מעולם המעשה, וביחוד מחיי בני ישראל, אנטהאַלט דעם ראָמאַן „הנדחת / ספורי־אהבים נוסד על מעשה שהיה", I און II ט', ווילנע, 1886, ז' 101 און 100, III ווארשע 1887, ז' 110.

אין דער „הקדמה קצרה" צום דריטן טייל פארענטפערט ער זיך, אז טאמער וועט מען געפינען ביי אים וועלכע עס איז גרייזן קעגן די שפראך־געזעצן, זאל מען ניט פארגעסן, אז ער איז איינער פון די קליינע צאל פארפאסערס, וואס שרייבן זייערע סיפורים אין יידיש, און ער האט זיך שוין געהאט מייאש געווען אין דער האפענונג צו שרייבן א סיפור אין העברייאיש, אבער א געוויסע סיבה האט אים באוואויגן צו פרואוון זיין כוח אין דער שפראך, וואס מיט איר האט ער זיך אין דער יוגנט באשעפטיקט מיט אזא ליבשאפט, און דאס קטורת, וזאס מ'האט אים געריוכערט פאר די ערשטע חלקים, האט אים דערוועקט ארויסצוגעבן אויך דעם דריטן.

א סך פון שמ"רס דערציילונגען זיינען איבערגעזעצט געווארן אויף העברייאיש ניט אנצוגעבן דערביי זיין נאמען (זע זיין התראה אין דער הקדמה צו „הנדחת", III); אזוי איז, למשל, זיין ראמאן „די שיינע רחל" איבערגעזעצט פון ח. ש. שפירא אויף העברייאיש א"ט „רחל היפה, ספר נפלא, יסודתו בדה"י ביהודים האנוסים בפורטוגל, מתורגם מאשכנזית לעברית" (ירושלים, תרס"ד, 26 ז').

לויט זיין אויטאביאגראפיע זיינען איניקע פון זיינע ווערק אויך איבערגעזעצט געווארן אויף רוסיש, דייטש, פראנצויזיש.

אויף דייטש האט ד"ר שלמה מאנדעלקערן איבערגעזעצט זיין העברייאישע סעריע סיפורים פון יודקא שמערקעס אין דער Allg. Ztg. des Judenthums.

אויף העברייאיש האט ש' אויך פארפאסט א בריוונשטעלער א"ט „פנקס פתוח / קובץ ספורים, משלים, שירים, מכתמים, מכתבים וידיעות מאמריקה בשפ"ע מקבילים אל הכתבים האלה בשפת זשארגאן בשם „שמ"רס פנקס" אלס פאראלעל צו שמ"רס פנקס", דער צווייטער טהייל „שמ"רס בריפענשטעלער" / ענטהאלט פארשידענע ערצעהלונגען, פאבעלן, עפיגראמען, בריעף אונד וויכטיגע זאכען פון אמעריקע, געשריעבען אין יידיש אויך אין העברייאיש אונטער דעם נאמען „פנקס פתוח" (פ"ג און אייגענטהום פון יוסף רעזניקאווסקי ושותפו, ווילנע, 1902, 84 ז'; דער ערשטער טייל איז ארויס א"ט „שמ"רס בריעפענשטעלער / אלערהאנד בריעף פיר קליין אונד פיר גרויס, פיר ארם אונד רייך . . ."; 160 ז"ז.

שמ"רס בריוונשטעלער האט אויסגעהאלטן 50 אויפלאגעס.

עס איז אויך צו דערמאנען שמ"ר א ליטערארישן קאלענדער (תרמ"ח).

די דאַטעס און קוועלן פאַר שמ״רס ביאָגראַפיע זיינען גענומען:

פון זיין אויטאָביאָגראַפיע, געשריבן אין העברייאיש, וועלכע איז נאָך אין מאַנוסקריפּט; פון שמ״רס בריוו פון אַמעריקע צו זיין מוטער; פון שמ״רס „פּנקס״; שמ״רס „זכרונות וועגן יידישן טעאַטער אין אָדעס״, „מענטשנפריינט״, 1891; ז. רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור״; א. וועוויאָרקעס „רעוויזיע״; פון „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע״; ל. קאָבּרינס „דעראינערונגען פון אַ יידישן דראַמאַטורג״; שמ״רס „יהי אור״, 1898; ש. גינזבורג: „שמ״ר און זיינע קריטיקער״, „צוקונפט״, נאָוועמבער 1940; שמ״רס פאָררעדע פון „אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש״; שמ״רס פאָררעדע „אַנטלאָפענער סאָלדאַט״, 1894; קלמן מרמרס אַרטיקלען וועגן שמ״ר, אין „פרייהייט״, דעצעמבער 2, 1923, נאָוו. 24, 1930, דעצ. 22, 1946; ש. טענענבוים, אין „טאָג״, יאַנואַר 1941; א. גאָלדפאַדענס בריוו צו שמ״רן, אין שמ״ר „נאַציאָן״, 1902; שמ״רס אַרטיקל „למי אני עמל״, „לאַנד־חכם״, נומער 10, 1893; מרים שאָמער־צונזערס "Yesterday", 1939; דר. ישראל שאַפּיראָ "Dictionary of American Biography"; ש. פּערלמוטער „שמ״רס באַרימטע ראָמאַנען און פּיעסן, „פאָרווערטס״, 24טן נאָוו., 1946; יעקב מילך „נייע ווינטן הויבן אָן בלאָזן״, „מאָרגן־פרייהייט״, אָקטאָבער 13, 1940; ל. ניימאַן „צו שמ״רס 25טן יאָרצייט״, דעצעמבער 7, 1930.